ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מקור הברכה
## חלק ב'

אידיש

**77**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מקור הברכה

דאס איז איבערגעזעצט די דינים פון ספר ברכת הבית, אלע דיני ברכות אויף עברי טייטש, אויף איין גרינג לשון, אין די טייטש פון אלע ברכות, אין צו געזעצט הלכות נדה אין טבילת כלים אין הנהגות ישרות פון א גאנץ יאר, אין פון שבת אין יום וטוב.

די דינים זענען זייער נייטיג ציוויסען פאר יעדען מענטש, סיי פאר מאנסבילין סיי פאר ווייבער.

דאס איז איבערגעזעצט געווארען פון מיר הקטן אברהם חיים ב"ר יחיאל צבי ז"ל מאויבער ווישע בעל המחבר ברכת הבית.

❖

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק

בעזהשי״ת

ספר

# מקור הברכה

## חלק שני

דינים פון דיא ברכות וואס מען מאכט ווען מען זיט אמצוה ווען מען זאל מאכין דיא ברכה אין ווען ניט. אין דיא טאטש פון אללע ברכות, אין ווייל אוף אללע ברכת המצות איז דער נוסח גלייך ביז וצונו וועל איך דא מפורש זיין דיא טייטש כדי מען זאל וויסין אויף תמיד (ברוך אתה ד׳) גילובט ביסטי גאט (אלהינו) אינזער גאט (מלך העולם) דער מלך פון דער וועלט (אשר קדשנו) וואס ער האט אינז גיהייליגט (במצותיו) מיט זיינע מצות (וצונו) אין האט אינז גיבאטין.

יצא לאור מחדש ע״י נכד המחבר זצ״ל
אברהם חיים הלוי ווערצבערגער שו״ב
שו״ב פה ברוקלין

נאכדרוק איזט פערבאטטען אהנע רשות פאן בעל המחבר.

(א) ווען מען שטייט אויף פון דעם שלאף פון באנאכט זאל מען זיך אפ גיסען דיא הענד תיכף דרייא מאהל יעדירע האנד ניט כסדר נאר ער זאלל נעמין דיא כלי אין דער רעכטער האנד אין דיא כלי געבען אין דער לינקער האנד אין זאלל אויף גיסען איין מאהל אויף דער רעכטער אין איין מאהל אויף דער לינקער אזוי דרייא מאהל, אין אז ער האט ווייניג וואסער זאל ער זיך נאר אפ גיסען דיא גאנצע פינגער נאר אז ער האט גענוג וואסיר זאל ער זיך אפ גיסען דיא גאנצי האנד אבער ער זאל אכטינג געבין דאס דיא גאנצי פינגער זאלין קומען אפ גיגאסין, מען טאר ניט גיין קיין דרייא ווינגער איילין מיט ניט אפ גיגאסינע הענד, אין מען זאל זיך ניט אן רירען בא דיא אויגען אין בא דעם מויל אין בא דיא אויערין פאר דעם אפ גיסען דיא הענד אין מען ברויך נזהר צו זיין אז דיא משרתים אין קליינע קינדער זאלין זיך אפ גיסען דיא הענד וייל זייא רירען אן דיא מאכלים אין אז מען רירט אן אמאכל אידער מען גיסט זיך אפ דיא הענד איז אחשש סכנה.

(ב) נאך דעם זאל ער האבין נקיות קטנים אדיר גדולים אין זאל זיך תיכף וואשין דיא הענד אין דאס פנים אין דאס מויהל אין זאל מאבין דיא ברכה ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים, דאס איז טייטש (אשר קדשנו במצותיו) וואס ער האט אינץ גיהייליגט מיט זייני מצות (וצונו על נטילת ידים) אין האט אינץ גיבאטין צו וואשין דיא הענד מיט אכלי, אין תיכף נאך דער ברכה זאל ער מאבין דיא ברכה אשר יצר וויא עס שטייט אין שער לג.

(ג) מען טאר זיך ניט אפ גיסען דיא הענד מיט אזוי וואסיר וואס דיא מראה איז פארענדירט גיווארין פון אנדירע זאכין אדיר פון דעם ארט ניט פון ליים אדיר וואס עס האט פון דעם וואסיר גטרינקען אכלב אדיר אחזיר אדיר וואס מען האט מיט דעם וואסיר גיטאן אמלאכה אין אז ער האט זיך מיט דעם וואסיר אפ

גיגאסין

גִיגָאסְן דִיא הֶענְד אִין עֶר אִיז נִיט מְסִיחַ דַעַת פֿוּן דֶעם וַושִׁין דִי הֶענְד בִּיז צוּם דַאוִוינֶען זָאל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶס דַארְט לַאנְג בִּיז צוּם דַאוִוינֶען דָאס עֶר אִיז מְסִיחַ דַעַת זָאלל עֶר נִיט אַבְּרָכָה מַאכֶען.

(ד) אַז עֶר הָאט קֵיין וַואסִיר גִידַאכְט אָפּ צוּ גִיסֶען דִיא הֶענְד זָאל עֶר זִיךְ אָפּרֵייבֶּען דִיא הֶענְד מִיט עֶרְד אָדִיר מִיט אֵיין אַנְדִירֶע זַאךְ וָואס מַאכְט רֵיין אִין אַז עֶר וִויל זִיךְ תֵּיכֶף שְׁטֶעלִין דַאוִוינִין זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה עַל נְקִיּוּת יָדַיִם אִין אַז עֶר ווִיל נִיט תֵּיכֶף דַאוִוינֶען זָאל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אוֹת ג' בִּיז עֶר וֶועט הָאבִּין וַואסֶער אָפּ צִי גִיסֶען דִיא הֶענְד.

(ה) אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין וַואסִיר זָאלל עֶר זִיךְ אֵיינְטִינְקֶען דִיא הֶענְד דְרֵייא מָאהל אִין גֵייֶענְדִיק וַואסֶער אָדִיר אִין אַמִקְוֶה אָדִיר אִין שְׁנֵיי נָאר עֶר זָאל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין עֶר וִויל זִיךְ תֵּיכֶף שְׁטֶעלִין דַאוִוינֶען זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם וִויא עֶס שְׁטֵייט אוֹת ג'.

(ו) וֶוער עֶס אִיז אוֹיף אַגַאנְצִי נַאכְט זָאל זִיךְ אָפּ גִיסֶען דִי הֶענְד וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג אִין זָאל נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם.

(ז) וֶוער עֶס אִיז אוֹיף גִישְׁלָאפִין פַּאר טָאג זָאל עֶר זִיךְ אָפּ גִיסֶען דִיא הֶענְד אִין מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג זָאלל עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאהל אָפּ גִיסֶען דִיא הֶענְד אִין זָאל נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה אִין אַפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ אַמָאל גִילֵייגְט שְׁלָאפִין פַּאר טָאג וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף זָאל עֶר זִיךְ נָאךְ צַמָאהל אָפּ גִיסֶען דִיא הֶענְד אִין זָאל נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה.

(ח) וֶוער עֶס הָאט גִישְׁלָאפִין בַּאטָאג זָאל עֶר זִיךְ אָפּ גִיסֶען דִיא הֶענְד אִין זָאל נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה.

---

## שַׁעַר לג דִינִים פֿוּן אֲשֶׁר יָצַר

(א) אַז מֶען הָאט גִידַאכְט נְקִיּוּת גְדוֹלִים אָדִיר קְטַנִים אַפִילוּ

אֵיין

אין טראפין מאכט מען אברכה ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר יצר את האדם בחכמה, וברא בו נקבים נקבים, חלולים חלולים גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם, או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת ברוך אתה ד' רופא כל בשר ומפליא לעשות, דיא טייטש איז אזוי (אשר יצר) וואס ער האט באשאפין, (את האדם) דעם מענטש (בחכמה) מיט קליגשאפט (וברא בו) אין האט אין עהם באשאפין (נקבים נקבים) אסאך אברים* וואס וואס זענין הויל דהיינו דאס הארץ אין דער בויך אין דיא קישקים (גלוי וידוע לפני כסא כבודך) עס איז אנפלעגט אין וויסיג פאר דיין כסא הכבוד (שאם יפתח אחד מהם) ווען עס זאלל גיעפינט ווערין איינם פון דיא אברים וואס זענין הויל (או יסתם אחד מהם) אדיר ווען עס זאלל פארשטאפט ווערין איינם פון דיא אברים וואס זענין לעדיריג ווען דיא צייט קומט זייא זאלין אפין זיין (אי אפשר להתקיים) וואלט מען ניט גיקאנט לעבין (ולעמוד לפניך) אין צו שטייען פאר דיר (אפילו שעה אחת) אפילו איין שעה (ברוך אתה ד') גילויבט ביסט דיא גאט (רופא כל בשר) וואס ער היילט אללע מענטשין (ומפליא לעשות) אין טוט וואונדערליכע זאכין.

(ב) אין דער פריא ווען ער שטייט אויף פון דעם שלאף דארף ער זאגין אשר יצר וייל ער איז אזוי וויא ניי באשאפין נאר ער זאלל קודם האבין נקיות אפילו ער דארף ניט זאל ער גיין משתין זיין אפילו איין טראפין אין זאל זיך וואשין אין זאגין על נטילת ידים אין אשר יצר אין אז ער האט גיזאגט אשר יצר תיכף נאך דעם וויא ער האט גיהאט נקיות טאר ער ניט זאגין אשר יצר ווען ער זאגט ברכה.

(ג) אז ער האט משתין גיוועהן אין האט ניט קיין וואסיר צו וואשין דיא הענד אז ער האט זיך ניט אהן גירירט בייא דעם לאב אין ניט בייא דער השתנה מעג ער מאכין אשר יצר אין

לערנען

---

*אסאך אברים וואס זענען גילעכערט דהיינו דאס מאהל אין די נאז אין פון אונטען (חלולים חלולים) אסאך אברים

לֶערְנֶען אָדִיר דַאוִוינֶען נָאר אַז עֶר הָאט וַואסִיר בְּרוִיךְ עֶר זִיךְ וַואשִׁין דִיא הֶענְד.

(ד) מֶען דַארְף מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר תֵּיכֶף נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט גִיהַאט נְקִיוֹת אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט תֵּיכֶף מֶעג עֶר מַאכִין אַפִּילוּ אִין אַצְוַייט אַהְיִם נָאר אַז עֶר דַארְף וַואטִיר הָאבִּין נְקִיוֹת זָאל עֶר נִיט מַאכִין בִּיז נָאךְ דִיא נְקִיוֹת אֵיין אֲשֶׁר יָצַר אוֹיף בֵּיידִי מָאהל.

(ה) וֶוער עֶס אִיז מְסוּפָּק צִי עֶר הָאט גִימַאכְט אֲשֶׁר יָצַר זָאל עֶר נִיט מַאכִין נָאר גֵיין מַשְׁתִּין זַיין אַפִּילוּ אֵיין טְרָאפִּין אִין מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר.

(ו) אַז עֶס אִיז פוּן עֶהם אַרוֹיס גִיגַאנְגִין רֵיין בְּלוּט אָדִיר אֵייטִיר גָאר נִישְׁט גִימִישְׁט מִיט צוֹאָה דַארְף עֶר נִישְׁט צִי מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר.

(ז) אַז עֶר הָאט גִידַארְפְט מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר אִין הָאט זִיךְ דֶּירְמַאנְט דָאס עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט קֵיין נָאךְ בְּרָכָה אוֹיף אַמַאֲכָל זָאלל עֶר קוֹדֶם מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר, אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט אַדִינֶער זָאלל עֶר קוֹדֶם מַאכִין דִיא בְּרָכָה אוֹיף דֶעם דִינֶער אִין נָאךְ דֶעם אֲשֶׁר יָצַר.

(ח) אַז עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגִין אִין מִיטֶען דַאוֶוענֶען צִי עֶר זָאלל מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר אִין מִיטֶען דַאוֶוענִין וֶועט שְׁטֵיין אִין שַׁעַר לט.

---

## שַׁעַר לד דִינִים פוּן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה

(א) מֶען דַארְף נִזְהָר זַיין צִי זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אַלֶעֶע טָאג אִין דֶער פְרִיא אַפִּילוּ נָשִׁים זֶענִין אוֹיךְ מְחוּיָב צִי זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אִין מֶען זָאלל אִין זִין הָאבִּין וָואס מֶען זָאגְט דָאס אִיז בִּרְכַּת הַתּוֹרָה מִיט דֶער טֵייטְשׁ (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה) עוֹסֵק זַיין אִין דֶער תּוֹרָה, (וְהַעֲרֶב נָא) מַאךְ זִיס אִיךְ בֶּעט דִיךְ (ד׳

אֱלֹהֵינוּ

אֱלֹהֵינוּ) גָאט אוּנְזֶער גָאט (אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתֶךָ) דִיא רֵייד פוּן דֵיין תּוֹרָה (בְּפִינוּ) אִין אוּנְזֶער מויהל (וּבְפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל) אִין אִין דִיא מַאהלֶער פוּן דֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, (וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ) אִין מִיר זָאלִין זֵיין (וְצֶאֱצָאֵינוּ) אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער (וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵנוּ) אִין אוּנְזֶערֵי קִינְדִם קִינְדִיר (וְצֶאֱצָאֵי) אִין דִיא קִינְדִיר (עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל) פוּן דֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ) אַלֶּע זָאלִין וִויסֶען דֵיין נָאמִין (וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ לִשְׁמָהּ) אִין זָאלִין לֶערְנִין דֵיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ (בא"י הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) וָואס עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה צוּ זֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ) וָואס עֶר הָאט אוּיס דִירְוֶוילְט אִין אוּנְז (מִכָּל הָעַמִּים) פוּן אַלֶּע פֶעלְקִיר (וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ) אִין הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין זֵיין תּוֹרָה (בָּרוּךְ אַתָּה ד' נוֹתֵן הַתּוֹרָה) וָואס עֶר גִיט דִיא תּוֹרָה (וַיְדַבֵּר ד' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר) הָאט גָאט גִירֶעט צוּ מֹשֶׁה עֶר הָאט עֶהם אַזוֹי גִיזָאגְט (דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו לֵאמֹר) רֶעד צוּ דֶעם אַהֲרֹן אִין צוּ זֵיינֵי קִינְדִיר אִין זָאלְסְט זֵייא אַזוֹי זָאגִין (כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) אַזוֹי זָאלְט אִיהר בֶּענְטְשִׁין דִיא יוּדִישֶׁע קִינְדִיר (אָמוֹר לָהֶם) אִיהר זָאלְט זֵייא אַזוֹי זָאגִין (יְבָרֶכְךָ ד' וְיִשְׁמְרֶךָ) גָאט זָאלל דִיךְ בֶּענְטְשִׁין אִין זָאלל דִיךְ אָפְּהִיטִין (יָאֵר ד' פָּנָיו אֵלֶיךָ) גָאט זָאלל דִירלַאכְטִין זֵיין פָּנִים צוּ דִיר (וִיחֻנֶּךָּ) אִין עֶר זָאלל דִיר גֶעבִּין חֵן (יִשָּׂא ד' פָּנָיו אֵלֶיךָ) גָאט זָאל צוּ דִיר נוֹשֵׂא פָּנִים זֵיין (וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם) עֶר זָאלל טָאהן צוּ דִיר שָׁלוֹם, (וְשָׂמוּ אֶת שְׁמִי עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) אִין דִיא כּוֹהֲנִים זָאלִין טִיעֶן מֵיין נָאמִין אוֹיף יוּדִין (וַאֲנִי אֲבָרְכֵם) אִין אִיךְ וֶועל זֵייא בֶּענְטְשִׁין, (אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁיעוּר) דִיא זַאכִין הָאבִין נִיט קֵיין שִׁיעוּר מֶען מֶעג וִויא פִיל (הַפֵּאָה) צוּ גֶעבִּין פֵּאָה פוּן זֵיין פֶעלְד (וְהַבִּכּוּרִים אִין צוּ בְּרֶענְגִין בִּכּוּרִים (וְהָרְאָיוֹן) אִין גִיזֶעהִין צוּ וֶוערִין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דָאס הֵייסְט אַרַיין צוּ גֵיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (וּגְמִילַת חֲסָדִים) אִין צוּ טִיעֶן גְמִילַת חֲסָדִים (אֵלּוּ דְבָרִים) דָאס זֶענִין דִיא זַאכִין (שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה) וָואס

דער

דֶער מֶענְטשׁ עֶסְט זַייעֶרֶע פֵּירוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט (וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לָעוֹלָם הַבָּא) אוּן דָאס קֶרֶן שְׁטֵייט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט (וְאֵלּוּ הֵן) דִיא זֶענִין זַייא (כִּבּוּד אָב וָאֵם) וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד פָאטֶער אוּן מוּטֶער (וּגְמִילוּת חֲסָדִים) (וְהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ שַׁחֲרִית וְעַרְבִית) אוּן וָואס מֶען קוּמְט פְרִיא אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ פְרִי אוּן פַאר־נַאכְט וְהַכְנָסַת אוֹרְחִים וּבִיקּוּר חוֹלִים וְהַכְנָסַת כַּלָּה (וּלְוָיַת הַמֵּת) אוּן צוּ בַּאלֵייטִין אַמֵּת (וְעִיּוּן תְּפִלָּה) אוּן אַז עֶר גִיט אַכְטוּנְג בַּייא דֶעם דַאווֶינֶען עֶר זָאלּ וִויסֶן וָואס עֶר זָאגְט (וַהֲבָאַת שָׁלוֹם בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ) אוּן צוּ בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען אֵיין מֶענְטשׁ אוּן צְווִישֶׁען זַיין חָבֵר (וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ) אוּן צְווִישֶׁען מַאן אוּן ווייבּ (וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם) אוּן אַז מֶען לֶערִינְט תּוֹרָה וֶועגְט אַקֶעגֶען דִיא אַלֶּע זַאכִין, דִיא טַייטְשׁ פוּן דֶער מִשְׁנָה אִיז אַחִיּוּב צוּ קֶענִין אוּן מֶען זָאלּ אִין זִין הָאבִּין בְּשַׁעַת זָאגִין כְּדֵי עֶס זָאלּ זַיין וִויא גֶילֶערִינְט כְּדֵי דִיא בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלּ נִישְׁט זַיין לְבַטָּלָה.

(ב) מֶען טָאר נִיט לֶערְנֶען אֲפִילוּ אֵיין פָּסוּק זָאגִין פַאר בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן אַז מֶען וִויל זָאגִין סְלִיחוֹת אָדֶער תְּהִלִּים דַארְף מֶען אוֹיךְ קוֹדֶם זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן אַז מֶען וִויל שְׁרַייבֶּען דִבְרֵי תּוֹרָה אָדֶער הֶערִין לֶערְנִין מוּז מֶען אוֹיךְ קוֹדֶם זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן דִיא פְּסוּקִים פוּן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים, אָבֶּער מְהַרְהֵר זַיין בְּדִבְרֵי תּוֹרָה מֶעג מֶען פַאר בִּרְכַּת הַתּוֹרָה.

(ג) וֶוער עֶס אִיז אוֹיף בַּאנַאכְט דַארְף נִיט זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה בִּיז עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפִין, אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶילֵייגְט שְׁלָאפִין אוּן אִיז אוֹיף גֶישְׁטַאנֶען אֲפִילוּ פַאר הַאלְבֶּער נַאכְט דַארְף עֶר זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן אַז עֶר אִיז אוֹיף גֶיוֶעזֶען אַגַאנְצֶע נַאכְט וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג זָאל עֶר הֶערִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה פוּן אֵיין אַנְדֶערִין וָואס עֶר מַאכְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן זָאל אִין זִין הָאבִּין יוֹצֵא צוּ זַיין אוּן יֶענֶער זָאל אִין זִין הָאבִּין מוֹצִיא צוּ זַיין אוּן אַז עֶס אִיז נִיט דָא אֵיין אַנְדֶערֶער זָאל עֶר אַלֵּיין זָאגִין בִּרְכַּת הַתּוֹרָה.

ד אז

(ד) אז ער איז אויף געשטאנען חצות און האט געזאגט ברכת התורה, און האט זיך נאך אמאהל געלייגט שלאפען דארף ער ניט נאך אמאהל זאגן ברכת התורה ווען ער שטייט אויף און אז ער האט אין זין געהאט דאס ער זאלל ניט פטרין נאר דאס לערנען ביז ער לייגט זיך צוריק ברויך ער נאך אמאהל צו זאגן ברכת התורה.

(ה) אז ער האט געשלאפען באטאג און איז אויף געשטאנען באטאג דארף ער ניט זאגן ברכת התורה אבער אז ער האט געשלאפען באטאג און איז אויף געשטאנען באנאכט דארף ער זאגן ברכת התורה און נאך דעם דארף ער שוין ניט זאגן דעם אנדערען טאג.

(ו) ווער עס איז מסופק צו ער האט געזאגט ברכת התורה זאל ער ניט זאגן נאר אז עס מעגליך זאל ער הערן פון איין אנדערען וויא עס שטייט אין אות ג׳.

(ז) קינדער וואס זייא פארשטייען צו מאכען* ברכת התורה אפילו ענין ניט אלט דרייצען יאהר און ווייבער זענען מחויב צו זאגן ברכת התורה אבער זייא קענען ניט מוציא זיין מיט זייער זאגן איין מאנצביל וואס איז אלט דרייצן יאהר.

(ח) אטייל זענען זיך נוהג צו זאגן ברכת התורה תיכף נאך אשר יצר, און אטייל זענען זיך נוהג צו זאגן נאך אשר יצר אלהי נשמה און נאך דעם ברכת התורה.

(ט) אז ער האט ניט געזאגט ברכת התורה ביז נאך דעם דאווענען זאל ער שוין ניט זאגן וואדרן עס איז א ספק צו מען דארף זאגען נאך דעם דאווענען נאר אז עס איז מעגליך זאל ער זיך לאזן מוציא זיין דורך איין אנדערן וויא עס שטייט אין אות ג׳ אבער דעם זאלל מען ניט פאר געסן צו זאגן ברכת התורה פאר דעם דאווענען.

(י) אז מען האט עס אויף גערופען עולה לתורה זיין איידער ער האט געזאגט ברכת התורה זאל ער שוין נאך דעם ניט זאגן

---

*צו זאגן

די בְּרָכָה אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ נָאר די בְּרָכָה לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה בִּיז הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל אין נָאךְ דעם זָאלל ער זָאגין וַיְדַבֵּר בִּיז צום סוֹף.

---

## שַׁעַר לה דִינִים פֿון בִּרְכַּת אֱלֹהַי נְשָׁמָה

(א) נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאגט מען די בְּרָכָה אֱלֹהַי נְשָׁמָה אין אַטייל זָאגין פַאר בִּרְכַּת הַתּוֹרָה תֵּיכֶף נָאךְ אֲשֶׁר יָצַר, די בְּרָכָה מיט דער טייטש איז אַזוֹי (אֱלֹהַי) מיין גָאט (נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי) די נְשָׁמָה וָואס הָאסט גיגֶעבּין אין מיר (טְהוֹרָה) איז ריין (אַתָּה בְרָאתָהּ) די הָאסט זיא בַאשַׁאפִין (אַתָּה יְצַרְתָּהּ) די הָאסט זיא גִיפָארימט (אַתָּה נְפַחְתָּהּ בִּי) די הָאסט זיא אַריין גיבְּלָאזין אין מיר (וְאַתָּה מְשַׁמְּרָהּ בְּקִרְבִּי) אין די היטסט זיא אין מיר (וְאַתָּה עָתִיד) אין די ביסט אָנגִיבְּרייט (לִטְּלָהּ מִמֶּנִּי) אַוועק נעמין זיא פֿון מיר (וּלְהַחֲזִירָהּ בִּי לֶעָתִיד לָבֹא) אין אימצוּקערין זיא אין מיר ווען עס וועט זיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, (כָּל זְמַן) די גאנצי צייט (שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי) וָואס די נְשָׁמָה איז אין מיר (מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ) טוּא איך לוֹבּין פַאר דיר (ד׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי) גָאט מיין גָאט אין דער גָאט פֿון מייני עלטערין (רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים) דער הַאר פֿון אַללע ווערק (אֲדוֹן כָּל הַנְּשָׁמוֹת) דער הַאר פֿון אַללע נְשָׁמוֹת) וָואס ער קערט איהם די נְשָׁמוֹת (לִפְגָרִים מֵתִים) צוּ די גישטָארבּני קערפּירס, דָאס הייסט צוּ די וָואס זייא שְׁלָאפֿין וָואס בְּשַׁעַת שְׁלָאפֿין איז דער קערפּיר אַזוֹי וויא גישְׁטָארבּין.

(ב) אַז מען איז אוֹיף אַגאַנצי נַאכט זָאלל מען ניט זָאגין די בְּרָכָה אֱלֹהַי נְשָׁמָה נָאר מען זָאל הערין פֿון איין אַנדירין אין מען זָאל מְכַוֵּין זיין יוֹצֵא זיין אין דער אַנדערער זָאלל מְכַוֵּין זיין מוֹצִיא צוּ זיין אָדיר ער זָאל זָאגין בִּיז בָּרוּךְ אַתָּה, אין זָאל זָאגין בָּרוּךְ הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים אין עס איז גְלייך ער זָאל אין זין הָאבּין בייא דער בְּרָכָה מְחַיֵּה הַמֵּתִים פֿון דער שְׁמוֹנֶה

עֶשְׂרֵה

---

*(המחזיר נשמות) וואס ער קערט

עשרה צו פאטערין דיא ברכה פון אלהי נשמה אויך און אפילו ער האט גישלאפן באנאכט ווייניגער פון אהאלבע שעה איז אין אויך אזוי דער דין ·

(ג) ווער עס שטייט אויף חצות און זיין דעה איז ער זאל זיך נאך אמאהל לייגן שלאפן פאר טאג זאל ער זאגן דיא ברכה נאר ביז ברוך און ביי דעם אנדערן מאהל אויף שטיין זאל ער זאגן די גאנצי ברכה און אז ער האט דאס ערשטי מאהל גיזאגט דיא גאנצי ברכה זאל ער דאס אנדירע מאהל ניט זאגן נאר ביז ברוך און זאל אוים לאזין ברוך המחזיר נשמות לפגרים מתים ·

(ד) אז ער האט גישלאפן באטאג אפילו מעהר וויא אהאלבי שעה דארף ער ניט זאגן דיא ברכה ·

(ה) אז ער האט גישלאפן באטאג און איז אויף גישטאנין באנאכט און זיין דעה איז נאך צו שלאפן דיא נאכט זאל ער ניט זאגן דיא ברכה און אז זיין דעה איז ניט צו שלאפן מער דיא נאכט זאל ער זאגין דיא ברכה·

(ו) אז ער האט ניט גיזאגט דיא ברכה ביז נאך דעם דאווינען אז זיין דעה איז גיוועז צו זאגין דיא ברכה נאך דעם דאווינען זאל ער זאגין און אז ניט זאל ער ניט זאגין נאר ביז ברוך אתה וויל ער האט יוצא גיוועז מיט דער ברכה מחיה המתים פון דער שמונה עשרה נאר אז עס איז מעגליך זאל ער זיך לאזין מוציא זיין מיט איין אנדערין וויא עס שטייט שער לד אות ג׳

שער לו ברכת השחר מיט דער טייטש

(א) דיא ערשטי ברכה איז (הנותן) וואס ער גיט (לשכוי) צו דעם האן (בינה) פארשטאנד (להבחין בין יום ובין לילה) צו פארשטיין ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט, ווען עס קומט פאר טאג קרייעט ער דארך דעם וועקט זיך אויף דער מענטש און ווייסט ווען אויף צו שטיין, און נאך איין פירוש איז לשכוי צו דעם הארץ דיא ברכה מאכט מען אפילו ער האט

ניט

נִיט גִיהֶערְט דֶעם הָאן נָאר עֶס אִיז רֶעכְט עֶר זָאל הֶערִין דֶעם הָאן אַז עֶר הָאט נִיט גִיהֶערְט דֶעם הָאן טָאהר מֶען נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה בִּיז עֶס וֶוערְט טָאג אִין אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט דֶעם הָאן מֶעג עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה אֲפִילוּ פַאר טָאג נָאר עֶס אִיז רֶעכְט אַז עֶר זָאלל נִישְׁט מַאכִין בִּיז טָאג, אִין וֶוער עֶס אִיז טוֹיב מֶעג אוֹיךְ מַאכִין דִיא בְּרָכָה נָאר עֶר טָאהר נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה בִּיז טָאג,

(ב) דִיא אַנְדִירִי בְּרָכָה אִיז (שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי) וָואס עֶר הָאט מִיךְ נִיט בַּאשַׁאפִין אֵיין גוֹי אִין ווייל עֶר אִיז אַלְלֶע טָאג וְויא נֵייא גִיבּוֹירִין מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה אַלְלֶע טָאג אִין אַנֶר מַאכְט אוֹיךְ דִיא בְּרָכָה.

(ג) דִיא דְרִיטֶע בְּרָכָה אִיז (שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד) וָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט בַּאשַׁאפִין פַאר קֵיין קְנֶעכְט, דָאס מֵיינְט מֶען אֵיין עֶבֶד כְּנַעֲנִי וָואס אִיז פָּטוּר פוּן מִצְוֹת, אָבֶער אֵיין יוּדִישֶׁער קְנֶעכְט מַאכְט אוֹיךְ דִיא בְּרָכָה עֶר הֵייסְט נִיט קֵיין עֶבֶד.

(ד) דִיא פֶערְדִי בְּרָכָה אִיז (שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה) וָואס עֶר הָאט מִיךְ נִיט בַּאשַׁאפִין קֵיין אִשָּׁה, אִין אֵיין אִשָּׁה מַאכְט (שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ) וָואס עֶר הָאט מִיךְ בַּאשַׁאפִין אַזוֹי וְויא זַיין ווילֶען אִיז גִיוֶועהְן, אִין אַז אֵיין אִשָּׁה הָאט זִיךְ טָוֶעה גִיוֶועהן אִין הָאט גִיזָאגְט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה אַז זִיא הָאט זִיךְ תֵּיכֶף דִירְמַאנְט אִין הָאט נִיט מַפְסִיק גִיוֶועהן מִיט אַדִיבּוּר זָאלל זִיא זָאגִין שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ, אַטוּמְטוּם אִין אֵיין אַנְדְרוֹגִינוֹס מַאכְט אוֹיךְ שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ.

(ה) דִיא פִיפְטֶע בְּרָכָה אִיז (פּוֹקֵחַ עִוְרִים) עֶר מַאכְט זֶעהֶענְדִיג בְּלִינְדֶע, ווייל בִּשְׁעַת מֶען שְׁלָאפְט אִיז מֶען וְויא בְּלִינְד, אִין אֵיין בְּלִינְדֶער זָאל נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה נָאר אַז עֶר הָאפְט גִיהֵיילְט צִי וֶוערִין אָדִיר אַז עֶר זֶעהט אַבִּיסֶל זָאלל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה.

(ו) דִיא זֶעקְסְטִי בְּרָכָה אִיז (מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים) עֶר טוּט אָנְקְלֵיידִין נַאקִיטֶע, אִין אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס אָהן צִיטאהן

ציטאָהן מאַכט אויך דיא בְּרָכָה נאָר אַז ער האָט זאָל ער זיך פאר דער בְּרָכָה אָהן טיען אין אַז ער האָט זיך פריער אָנגיטאָן אַנייַ בֶּגֶד אין האָט גימאַכט מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים זאָל ער שׁוין נישט זאָגין דיא בְּרָכָה דעם טאָג.

(ז) דיא זיבּיטע בְּרָכָה איז (מַתִּיר אֲסוּרִים) וואָס ער טוט אויף בּינדין דיא גיבּינדיגע וואָרין ווען מען שלאָפט איז מען וויא גיבּינדין.

(ח) דיא אַכטי בְּרָכָה איז (זוֹקֵף כְּפוּפִים) וואָס ער טוט אויף שטעלין דיא איינגיבּויגינע אין אַפִילוּ אַקְרַאנְקֶיר וואָס ער קאָן זיך ניט אויף שטעלין מאַכט אויך דיא בְּרָכָה נאָר אַז עס איז מעגליך זאָל ער זיך אויף שטעלין.

(ט) דיא נַאהינטע בְּרָכָה איז (רוֹקַע הָאָרֶץ) וואָס ער האָט גיוועבט דיא ערד (עַל הַמָּיִם) אויף דעם וואַסיר, אין אַקְרַאנְקֶיר מאַכט אויך דיא בְּרָכָה, נאָר אַז עס איז מעגליך זאָל ער זיך קוֹדֶם שטעלין אויף דער ערד.

(י) דיא צעהנטע בְּרָכָה איז (אֲשֶׁר הֵכִין) וואָס ער האָט אָנגיגרייט (מִצְעֲדֵי גָבֶר) דיא טריט פון דעם מענטש, אין איין קרימער וואָס ער קאָן גאָר ניט גייען אַפִילוּ מיט אַשטאָלין זאָל זאָל ניט מאַכין דיא בְּרָכָה.

(יא) דיא עליפטע בְּרָכָה איז (שֶׁעָשָׂה לִּי) וואָס ער האָט מיר גימאַכט (כָּל צָרְכִּי) אַללעם מיין בּאַדערפניש, אין תִּשְׁעָה בְּאָב אין יוֹם כִּפּוּר אַז ער גייט אַבּיסל אין שיך אָדיר אין שטיוויל בּרויך ער דיא בְּרָכָה צי מאַכין אין אַז ער גייט גאָר נישט אין שיך אָדיר אין שטיוויל אַגאַנצין טאָג איז אַמַחֲלוֹקֶת הַפּוֹסְקִים איבּער דעם זאָלל מען זיך נוהג זיין וויא דער מִנְהָג איז דאָרט.

(יב) דיא צוועליפטע בְּרָכָה איז (אוֹזֵר יִשְׂרָאֵל בִּגְבוּרָה) וואָס ער טוט אָנגאָרטין דיא יִשְׂרָאֵל מיט שטאַרקהייט, דיא בְּרָכָה איז אויף דעם גאַרטיל וואָס מען דאַרף זיך אָהן טאָהן

צי

צִי דֶעם דַאוְוענֶען אִין דָארְף דֶעם אִיז עֶר שְׁטַארְקִיר נָאר אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִיט קֵיין גַארְטִיל מַאכְט אוֹיךְ דִיא בְּרָכָה.

(יג) דִיא דְרֵייצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז (עוֹטֵר יִשְׂרָאֵל בְּתִפְאָרָה) עֶר טִיט אָהנְקְרֵיינֶען דִיא יִשְׂרָאֵל מִיט שֵׁיינְקֵייט, דִיא בְּרָכָה אִיז אוֹיף דֶעם וָואס מֶען טִיט אָהן דֶעם הִיט אָדִיר דָאס טִיכֶל וָוארִין אֵיין יִשְׂרָאֵל טָאר נִיט גֵייעֶן מִיט דֶעם הוֹלִין קָאפּ אִין מִמֵילָא אִיז עֶר שַׁיין מִיט דֶעם.

(יד) דִיא פֶערְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז (הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ) וָואס עֶר גִיט דֶעם שְׁלַאפִין כֹּחַ, וָוארִין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפִין אִיז מֶען שְׁלַאף אִין מִיד, אִין וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז מֶען פְרִישׁ אִין גִיזִינְד.

(טו) דִיא פִיפְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז (הַמַּעֲבִיר שֵׁנָה מֵעֵינַי) וָואס עֶר טִיט אַרָאפּ נֶעמִין דֶעם שְׁלָאף פִין מֵיינֶע אוֹיגִין (וּתְנוּמָה מֵעַפְעַפָּי) אִין דָאס דְרִימְלִינְג פִין מֵיינֵי שְׁוָוארְץ אַפִּיל אִין נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאלל מֶען נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז מֶען זָאגְט יְהִי רָצוֹן בִּיז (הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים) וָואס עֶר פַארְגֶעלְטִיגְט גִיטֶע חֲסָדִים (לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) צִי זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אִין וֶוער עֶס אִיז אוֹיף אַגַאנְצִי נַאכְט מַאכְט נִיט דִיא בְּרָכָה הַמַּעֲבִיר שֵׁנָה.

(טז) אַז מֶען הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין מֶען הָאט גִימַאכְט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה תֵּיכֶף נָאךְ הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה זָאלל עֶר שׁוֹין נָאךְ דֶעם נִיט זָאגִין שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי אִין נִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עָבֶד, אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט זוֹקֵף כְּפוּפִים פַאר מַתִּיר אֲסוּרִים זָאלל עֶר שׁוֹין נִיט זָאגִין מַתִּיר אֲסוּרִים אִין אַז מֶען הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין דִיא אַנְדִירֶע בְּרָכוֹת אַז מֶען הָאט גִיזָאגְט דִיא שְׁפֶּעטִירֶע בְּרָכָה פְרִיעֶר אִיז דֶער דִין וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר יט.

(יז) דִיא אַלֶּע בְּרָכוֹת מֶעג מֶען זָאגִין פַארְטָאג חוּץ פִין דֶער בְּרָכָה הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי בִינָה וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת א׳.

(א) אז

(א) אַז עֶר טוּט אָן אַטַלִית קָטָן וָואס עֶר הָאט דְרַייא פֶּערְטֶל וְוינְגֶער אֵייל דִיא לֶענְג אִין דְרַייא פֶּערְטֶל וְוינְגֶער אֵייל דִי בְּרֵייט דַארְף עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת צִיצִית אִין אַז דֶער טַלִית קָטָן הָאט נִיט דֶעם שִׁיעוּר זָאל עֶר נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר עֶר זָאל אִין זִין הָאבֶּען צוּ פַּטְרִין מִיט דֶער בְּרָכָה פֿוּן דֶעם טַלִית גָדוֹל אִין פַאר דֶער בְּרָכָה זָאל עֶר בַּאקְוֶקְן דִיא צִיצִית צוּ זֵייא זֶענִין כָּשֵׁר אִין וְויא זֶענִין אָן גֶעקְנִיפְּט צוּם טַלִית קָטָן בְּרוּיךְ מֶען אוֹיךְ צוּ בַּאקוּקְען׃

(ב) אֵיין לַאבִּיל (לַאבְּסִירְדֶעקִיל) וָואס עֶס אִיז צוּ גְנֵייט אִין אֵיין זֵייט אִין עֶס אִיז נִיט אָפֶּען אַרוּב טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכֶען אִין מֶען בְּרוּיךְ נִזְהָר צוּ זַיין עֶס זָאל זִיךְ אָן זֶעהְן דָאב דֶעם רוֹב אִיז אָפֶּען, אִין אַז דִיא פְּלֵייצִים זֶענִין זֵייעֶר שְׁמָאהְל זֵייא זֶענִין נָאר אַזוֹי וְויא דִיא בֶּענְדִיר, טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף עֶס׃

(ג) אַז עֶר טוּט זִיךְ אָן דֶעם טַלִית קָטָן בְּשַׁעַת עֶר הָאט נִיט קֵיין רֵיינֶע הֶענְד אָדִיר עֶר דַארְף הָאבִּין נְקִיוּת זָאלל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר נָאךְ דֶעם וְויא עֶר וָואשְׁט זִיךְ דִיא הֶענְד זָאל עֶר נֶעמִין דִיא צִיצִית אִין דִיא הֶענְד אִין זָאל מַאכִין דִיא בְּרָכָה׃

(ד) אַז עֶר טוּט זִיךְ אָן דֶעם טַלִית קָטָן פַאר טָאג זָאל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג זָאל עֶר נֶעמִין דִיא צִיצִית אִין דִיא הֶענְד אִין אַבְּרָכָה מַאכִין׃

(ה) אַז עֶר שְׁלָאפְט אִין טַלִית קָטָן זָאל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צוּ פְרִיא נָאר וֶוען עֶר טוּט אָן דֶעם טַלִית אִין מַאכְט לְהִתְעַטֵּף בְּצִיצִית זָאל עֶר מְכַוֵּין זַיין צוּ פַּטוּרִין דֶעם טַלִית קָטָן אוֹיךְ׃

(ו) אַז עֶר וְויל תֵּיכֶף אָנְטוּעֶן דֶעם טַלִית זָאל עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם טַלִית קָטָן נָאר וֶוען עֶר מַאכְט דִיא בְּרָכָה לְהִתְעַטֵּף אוֹיף דֶעם טַלִית זָאל עֶר מְכַוֵּין זַיין אוֹיף דֶעם טַלִית קָטָן אוֹיךְ׃

(ז) אז ער האט גמאכט אברכה אויף אטלית קטן און ער האט אין זין גהאט בשעת ברכה אויף איין אנדערן טלית קטן אויך און האט נט מסיח דעת גוועזן און איז נט ארויס גגאנגן נאך דער ברכה אפילו ער האט אויס גטאן דעם ערשטן טלית קטן איידער ער האט אן גטאן דעם אנדערן ברויך ער אויף דעם אנדערן נט אברכה צו מאכען און אז עס פעלט איינס פון דיא פינקטען ברויך ער אברכה צו מאכען.

(ח) איידער ער טוט אן דעם טלית זאל ער באקוקען דיא ציצית צו זייא זענען כשר און זאל צו שיידן דיא פעדים ביא דיא ציצית און זאל זאגן ברכי נפשי און זאלל נט מאכן דיא ברכה על מצות ציצית עס איז אברכה לבטלה און זאל נעמן דעם טלית אין דיא הענד און צו שפרייטן און מאכן דיא ברכה ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו (להתעטף בציצית) מען זאלל זיך איין הילען מיט אטלית מיט ציצית, און נאך דעם זאל ער זיך איינהילען מיט דעם טלית דעם קאפ מיט דעם גוף ביז צו דער ברוסט און זאלל שטייען אזוי איינגיהילט וויפיל צייט מען קאן גיין דרייא ווינער איילין און נאך דעם זאל ער עס אפטיען, ער זאל נט זאגן מה יקר ביז ער הילט זיך איין, און אז מען לייגט דעם צינוק גילייגטין טלית ארים דעם האלז איז עס אברכה לבטלה און בשעת ברכה זאל ער מכוין זיין אז ער טוט זיך אן דעם טלית מיט ציצית כדי ער זאל גידענקן דיא תרי"ג מצות, און אז ער האט נט גמאכט אברכה אויף דעם טלית קטן זאל ער מכוין זיין יוצא זיין מיט דער ברכה אויף דעם טלית קטן.

(ט) אז ער האט אויס גטוען דעם טלית אדער דעם טלית קטן און זיין דעה איז גוועזן ער זאל עס תיכף צוריק אן טוען אפילו ער איז גגאנגן אין אנדירע שטוב אדער אין בית הכסא דארף ער קיין ברכה מאכן ווען ער טוט עס אן, אבער אז ער האט בדעה גהאט נט אנטוען ביז אין אלאנגיר

ציים חאטשי ער האט זיך מיישב געוועזן אין האט עס צוריק אנגעטאן תיכף דארף ער נאך אמאהל א ברכה מאכין, און אז ער האט סתם אויס געטאן און וויל עס תיכף צוריק אנטאן אז עס איז געוועזן אויף עס א טלית קטן דארף ער קיין ברכה מאכין און אז עס איז ניט געבליבין אויף עס א טלית קטן דארף ער א ברכה מאכין איז אז ער האט אויס געטאן דעם טלית אויף דער דעה ער זאלל עס אנטאן אין איין אנדערע שטיבּ און איז געגאנגין מיט דעם טלית אין דיא הענד אז דיא אנדערע שטיבּ איז ניט זייער וויט און ער האט ניט מסיח דעת געוועזן דארף ער קיין ברכה מאכין.

(י) אז דער טלית איז פון עם אראפ געפאלין און ער האט ניט געוויסט אז ער פאלט אראפ דארף ער נאך אמאהל א ברכה מאכין, נאר אז עס אין געבליבין א שטיקל טלית אויף זיין גוף דארף ער קיין ברכה מאכין אבער אז עס איז ניט געבליבין גאר אויף דיא הענד דארף ער א ברכה מאכין אז ער וויל עס אנטאן:

(יא) אז ער לייעט דעם טלית פון איין אנדערין צו דאוונען דארף ער א ברכה מאכין אבער אז ער לייעט גאר אויף צו זאגין סליחות אדיר עולה צו זיין אדיר צו דיכען דארף ער קיין ברכה מאכין און זאל אין זין האבען אז ער וויל דעם טלית ניט קונה זיין און אז ער נעמט קהלס טלית ברויך ער א ברכה צו מאכען באטאג.

(יב) אז ער האט גינומען איין אנדערנס טלית און זיין ידיעה מעג ער א ברכה מאכען נאר ער זאל עס צונויף לייגין אין צוריק לייגין אויף זיין ארט און שבת דארף ער עס ניט צונויף לייגין אין ארום טראגין אין איין אנדערער שטיב אדיר אין שיל טאר ער ניט אפי' ער לייגט אידם צוריק אויף זיין ארט און אז ער ווייסט דאס דער בעל הבית איז מקפיד מען זאל ניט נעמין זיין טלית טאר ער אויך ניט נעמין און ניט קיין ברכה מאכין נאר עס איז אדעה אז מען נעמט אין אנדערנס טלית אהן זיין ידיעה זאלל

ער

ער אין זיין האבין אז ער וויל דעם טלית ניט קונה זיין און זאל ניט מאכען אברכה אין אז עם איז געשריבין אויף דער וואנט דאס ווער עם נעמט זיין טלית זאל געבין אצל אין דער פישקע טאר ער קיין ברכה מאכין צאדין ער גיט אצל.

(יג) ווער עם האט אמשכון אטאלית מעג ער לייגין אמהל אין אברכה מאכין אבער ער טאר עם ניט נעמין כסדר ומכל שכן דאס ער טאר קיין ברכה מאכין, און אז ער האט עם גינימין אמשכון אן דעם חבירס ווילעהן טאהר ער קיין ברכה מאכען אויף עם.

(יד) אז צוויא האבין זיך פארביטען דיא טלתים אימגערן אין זייער דעה איז דאס וען זייא וועלין זיך טרעפין וועלין זייא זיך צוריק באטין מעגין זייא לייגין אין אברכה מאכין אבער אז ניט טארין זייא ניט לייגין אין ניט אברכה מאכין.

(טו) דיא ציצית דארפין זיין לאנג פון דעם ערשטין קניף אן צוועליף דיקע (דוימען) פינגער דאס איז לערך צוועלעף צאהל נאך דעם אנקניפין קומט אוים אז אפאדים פון דיא פיר פעדים איידער מען טוט אנקניפען ברויך לאנג צו זיין לערך דרייסיג צאהל און אז זייא זענין קערציר טאר מען ניט אנטיען דעם טלית אדער דעם טלית קטן.

(טז) דאס לעכיל וואס דיא ציצית זענין אין עם דארף זיין וויניגער פון דרייא פינגער ביז צו דעם עק פון ביידי זאטין און וויניגער פון צוויא פינגער טאהר עם ניט זיין, און דיא פעדים פון דעם שלאגיכץ אדיר פון דער סנאוואניע וואס זענין ארוים פון דעם טלית מיז מען אפשניידין דארט וויא מען דארף אהנרעבטין דיא ציצית און אז ער האט נישט אפגעשניטין און האט אהן גיקניפט דיא ציצית מיז ער אפשניידין און אראפ נעמין דיא ציצית און דער נאך אהנקניפען.

(יז) מען מיז צו שניידין דיא פעדים פון דיא ציצית עם

זאל

זָאל זַיין פִיר לַאנְגֶע פֶעדִים אִידִיר מֶען רֶעכְט זַייא אָהן, אִין אַז מֶען הָאט אָנְגִירָאכְטִין דִיא צִיצִית אִידִיר מֶען הָאט זַייא צִישְׁנִיטִין זֶענִין דִיא צִיצִית פָּסוּל.

(יח) אַז עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגִירִיסִין אֵיין פָאדִים פִון דִיא אַכְט פֶעדִים אִיז כָּשֵׁר אָבֶּער אַז צְווַיי פֶעדִים הָאבִּין זִיךְ אָפְּגִירִיסִין אִינְגַאנְצִין, אִיז פָּסוּל צָאדִין דִיא בֵּיידֵי פֶעדִים זֶענִין פִון אֵיין וָואט אִין עֶר ווייסְט וָועלִיר דָאס בִּשְׁעַת אָנְרֶעכְטִין זֶענִין גִיוֶועהן דִיא פִיר פֶעדִים אַלִין פִון אֵיין וַואט וַייא זֶענִין נִיט פַארְבִּיטְן גִיוָוארִין אִין אַז דְרַיי פֶעדִים זֶענִין אָפְּגִירִיסִין גִיוָוארִין אָדִיר עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעריסְעְן אֵיין פָאדִים בַּייא דֶעם לֶעכִיל אִיז פָּסוּל אוֹיף אַלֶע פֶעלֶל.

(יט) מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפִין קֵיין צִיצִית נָאר אַזֵייגֶע וָואס הָאט זַייא גִימַאכְט וֶוער עֶס אִיז מוּחְזָק פַאר אַ יְרֵא שָׁמַיִם אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען נִישְׁט קוֹיפִין קֵיין צִיצִית פִון אֵיין פַאקִן טְרֶעגִיר צָאדִין מֶען דִירְקֶענְט דִיא צִיצִית אָדִיר עֶר אִיז מוּחְזָק פַאר אַ יְרֵא שָׁמַיִם דָאס עֶר פַארְקוֹיפְט נִישְׁט קֵיין צִיצִית נָאר פִון אֵיין יְרֵא שָׁמַיִם.

(כ) אַז מֶען הָאט גִיוַאשְׁין אָדִיר גִינַאוִילְט צִיצִית טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף זַייא.

(כא) בִּשְׁעַת מֶען רֶעכְט אָהן דִיא צִיצִית דַארְף מֶען מְכַוֵּין זַיין לְשֵׁם מִצְוַת צִיצִית, אִין לְכַתְּחִילָּה זָאל מֶען נִישְׁט אָהן רֶעכְטִין צִיצִית בַּאנַאכְט אִין בְּדִיעֲבַד אִיז כָּשֵׁר אִין אַקְלֵיינֶער וָואס אִיז נָאךְ נִיט אַלְט קֵיין דְרַייצֶעהן יָאהר טָאר קֵיין צִיצִית אָנְרֶעכְטִין אִין אֵיין אִשָּׁה טָאהר אוֹיךְ נִיט אָנְרֶעכְטִין אִין בְּדִיעֲבַד אִיז כָּשֵׁר.

(כב) בַּאנַאכְט טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דִיא צִיצִית פִון שְׁטֶעדִין שְׁטֵיין אָדִיר נָאךְ מַעֲרִיב דַאווִינֶען אֲפִילוּ פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן בִּיז וָוען עֶר קָאן דִירְקֶענִין צְווִישִׁין בְּלָאע וָואל אִין צְווִישִׁין ווייסִי וָואהל פִון דֶער לֶעכְט פִון דֶעם טָאג, נָאר אַז

אַז עֶס אִיז שְׁטַארְק נֵייטִיג מֶעג עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין פוּן וֶוען עֶס הֵייבְּט אָהן צוּ טָאגִין.

(כג) אַז עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגִירִיסֶען אַצִיצָה פוּן דֶעם טַלִית וָואס עֶס אִיז אוֹיף עֶהם מוּז עֶר עֶהם תֵּיכֶף אוֹיס טוּען אִין אָהן רֶעכְטִין אִין אַז עֶר וִויל עֶהם נָאךְ אָהנְטִין זָאל עֶר נָאךְ אַמָאהל אַבְּרָכָה מַאכִין.

(כד) אַז עֶר הָאט אָהנְגִיטִין אַטַלִית אָן אַבְּרָכָה מֶעג עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין כָּל זְמַן דֶער טַלִית אִיז אוֹיף עֶהם.

(כה) ווייבּער וֶוענִין פָּטוּר פוּן צִיצִית זֵייא מֶעגִין אָהן טוּען אַטַלִית קָטָן אָהן אַבְּרָכָה אִין אָן צִיצִית, אִין אַז זֵייא ווִילִין מַאכִין אַבְּרָכָה אוֹיף אַטַלִית קָטָן מִיט צִיצִית מֶעגִין זֵייא, אִין אַטוּמְטוּם אִין אַאַנְדְרוֹגִינוֹס טָאהר נִיט אָהן טִין אַטַלִית אָהן צִיצִית אִין מִיט צִיצִית מֶעגִין זֵייא אַבְּרָכָה מַאכִין.

(כו) אַקְלֵיינֶער וָואס אִיז אַלְט דְרֵייא יָאר דַארְף מֶען עֶהם צוּ מַאכִין אַלַאבִּיל מִיט צִיצִית.

(כז) אַטַלִית קָטָן וָואס עֶר הַאלְט עֶהם נָאר אוֹיף בֵּייא נַאכְט טָאר מֶען אוֹיף עֶהם קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אֲפִילוּ עֶר טוּט עֶס אָהן בַּאטָאג.

(כח) לַאלְעבֶּער אָדֶער קָאטְצֶען וָואס מֶען הַאלְט זֵייא אוֹיף צוּם אִינְטֶער בֶּעטִין אָדֶער אוֹיף צוּם צוּ דֶעקִין וֶוענִין זֵייא פָּטוּר פוּן צִיצִית.

## שַׁעַר לח דִינִים פוּן תְּפִילִין

(א) דִיא תְּפִילִין שֶׁל יָד דַארְף מֶען לֵייגִין אוֹיף דֶער לִינְקֶיר הַאנְד אוֹיף דֶער הֶעכְפְּט פוּן דֶעם גְרָאבִּין פְלֵייש צוּם עֶלִין בּוֹיגִין צוּ אִין זֵייא זָאלִין זֵיין גִיבּוֹיגִין צוּם גוּף עֶס זָאל אוֹיסְקוּמֶען אַקֶעגִין הַארְץ, אִין נָאךְ דֶעם וִויא עֶר לֵייגְט זֵייא אוֹיף דֶעם אָרְט אֵיידִיר עֶר צִיעט אֵיין מִיט דִי רְצוּעָה זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה, בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ

תפילין) צו לייגן תפילין, און נאך דעם זאלל ער איינציען מיט
דער רציעה, אז מען לייגט ניט דיא תפילין אויף דעם ארט האט
מען ניט יוצא געוועהן און נאך דעם זאלל ער ארום וויקלען דיא
רציעה זיבען מאהל אויף דער האנד און נאך דעם וויא ער האט
געלייגט דיא תפילין של ראש זאל ער ארים וויקלען דיא רציעה
דרייא מאהל אויף דעם מיטעלסטין פינגער.

(ב) דיא תפילין של ראש דארף מען לייגן העכיר דעם
שטערין אויף דעם ארט וויא ווארצלין* פון דיא האר הייבין זיך
אהן, עס טאהר ניט זיין אפילו דיא עקן פון דיא תפילין וויא
דיא האר וואקסין ניט, און אז ניט האט מען נישט יוצא געוועהן
מיט דיא תפילין און מען האט געמאכט אברכה לבטלה, און
ווער עס האט קיין האר אויף דעם קאפ אדיר דיא האר הייבין
זיך אהן העכיר דעם מוח זאלל ער לייגן דיא תפילין אקעגין
מוח העכיר דעם שטערין, און דיא תפילין דארפין אויס קימען
אין דער מיט פון אקעגין דיא אויגין, און נאך דעם וויא ער האט
געלייגט דיא תפילין אויף דעם קאפ זאלל ער מאכין דיא ברכה
ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו
על מצות תפילין און נאך דעם זאל ער פארריכטין דיא תפילין
און זאלל זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

(ג) אז ער האט געמאכט דיא ברכה איידיר ער האט זייא
געלייגט אויף דער האנד אדיר אויף דעם קאפ האט ער יוצא
געוועהן און אז ער האט ניט געמאכט די ברכה איידיר ער האט
זייא פארדאכטין זאל ער מאכין נאך דעם.

(ד) מען טאהר ניט מפסיק* נאך דער ברכה להניח ביז ער
מאכט דיא ברכה על מצות און פאר רעכט זייא גוט אויף דעם
קאפ אפילו אפינקיל מיט דיא אויגין אדיר ווייזן מיט דיא פינגיר
טאהר מען ניט, און אז ער האט מפסיק געוועהן מיט אווארט
וואס עס איז ניט פון וועגין דיא תפילין אפילו אויף לשון קודש
אפילו ער האט געזאגט אמן יהי שמי' רבה אדיר קדושה אדיר

ברכו

*ווי די ווארצלען *ניט מפסיק זיין

ברכו, דארף ער מאכן אויף דעם של ראש צוויא ברכות להניח און על מצות, און זיין טאהר מען אויך ניט אין מיטן דיא תפלין לייגן מעהר וויא צוויא אײלין און אז ער איז געגאנגן פון איין שטיב אין דער אנדירר וואס דיא צוויא שטיבער זענן אין איין הויז און האט ניט אין זין געהאט בשעת ברכה צו גיין אדיר ער איז געגאנגן פון איין הויז אין דעם אנדירן אפילו ער האט אין זין געהאט בשעת ברכה צו גיין דארף ער מאכן אויף דעם של ראש צוויא ברכות און אפילו ער האט שוין געמאכט דיא ברכה על מצות תפלין אז ער האט מפסיק געוועזן איידיר ער האט דיא תפלין געלייגט אויף זייער ארט דארף ער מאכן דיא צוויא ברכות, נאר איידיר ער מאכט דיא צוויא ברכות זאלל ער אוועק רוקן דיא תפלין של יד פון זייער ארט און זאלל צוריק לייגן.

(ה) אז דער קשר אדיר דיא רצועה האט זיך אפגעריסן נאך דער ברכה זאלל ער פארריכטן און ניט מפסיק זיין ביז ער לייגט זיא, און אז ער האט אנדירע תפלין גענומען דארף ער א ברכה מאכן, און אז דער של ראש האט זיך צוריסען איידיר ער האט עהם פארראכטן אויף דעם קאפ און נעמט איין אנדירן של ראש מאכט ער נאך על מצות און אז ער האט זיך צוריסען נאך דעם וויא ער האט עהם פארראכטן אויף דעם קאפ און נעמט איין אנדירן של ראש דארף ער צוויא ברכות מאכן.

(ו) אז ער האט איהם גיטאן דיא תפלין אויף דער דעה ער זאל זיא תיכף צוריק לייגן דארף ער ניט קיין ברכה מאכן ווען ער לייגט זיא אז ער האט ניט מסיח דעת געוועזן. אבער אז זיין דעה איז געוועזן ניט צו לייגן זיא תיכף אפילו ער האט זיא תיכף געלייגט דארף ער א ברכה מאכן און אז ער האט זיא איהם גיטאן ער זאל גייען אין בית הכסא אז דער בית הכסא איז זייער וויט דארף ער א ברכה מאכן ווען ער לייגט זיא.

אז

*ער נאר

(ז) אַז מֶען הָאט גִיגַזְלְט אָדִיר גִיגַנְבִיט תְּפִילִין טָאר מֶען אוֹיף זַייא קַיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט זַייא פַארְקוֹפְט אֵיין אַנְדִירִין אַז מֶען ווייסְט זֶעכִיר דָאס דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ מְיָאֵשׁ גִיוֶועזִין אֵיידִיר עֶר הָאט זַייא פַארְקוֹיפְט מֶעג עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִין אַז נִיט נִיט.

(ח) אַז עֶר נֶעמְט תְּפִילִין אָן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת ווִיסִין, אָדֶער עֶר הָאט אַמַשְׁכּוֹן תְּפִילִין אִיז דֶער דִין אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר לז אַקֶעגִין טַלִית נָאר בַּייא תְּפִילִין ווֶען עֶר מֶעג זַייא לֵייגִין בְּרוּךְ עֶר אַבְּרָכָה צוּ מַאכֶען אֲפִילוּ עֶר הָאט אִין זֵין נִיט קֶוָנָה צוּ זֵיין.

(ט) אַז עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועזִין אִין הָאט גִימַאכְט אוֹיף דֶעם שֶׁל יַד עַל מִצְוַת תְּפִילִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶירְמַאנְט אֵיידִיר עֶר הָאט אֵיינְגִיצוֹיגִין דִיא רְצוּעָה תֵּיכֶף נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאל עֶר זָאגִין תֵּיכֶף לְהָנִיחַ תְּפִילִין אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט תֵּיכֶף לְהָנִיחַ תְּפִילִין זָאל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה לְהָנִיחַ פוּן אָנְהֵייב אִין אוֹיף דֶעם שֶׁל רֹאשׁ זָאל עֶר גָאר נִיט מַאכִין קַיין בְּרָכָה, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ דֶעם ווִיא עֶר הָאט אֵיינְגִיצוֹיגִין דִיא רְצוּעָה זָאל עֶר מַאכִין אוֹיף דֶעם שֶׁל רֹאשׁ לְהָנִיחַ.

(י) אַז עֶר הָאט גִימַאכְט אוֹיף דֶעם שֶׁל רֹאשׁ לְהָנִיחַ אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶירְמַאנְט תֵּיכֶף אִין עֶר הָאט נִיט מַפְסִיק גֶעוֶועזִן מִיט אַדִיבּוּר זָאל עֶר זָאגִין עַל מִצְוַת אִין אַז נִיט זָאל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל מִצְוַת פוּן אָנְהֵייב.

(יא) אַז עֶר הָאט נִיט נָאר תְּפִילִין שֶׁל יַד זָאל עֶר לֵייגִין אִין מַאכִין לְהָנִיחַ אִין אַז עֶר הָאט נִיט נָאר תְּפִילִין שֶׁל רֹאשׁ זָאל עֶר לֵייגִין אִין מַאכִין לְהָנִיחַ אִין עַל מִצְוַת.

(יב) וֶוער עֶס הָאט גָאר גְרוֹיסִי הָאר אוֹיף דֶעם קָאפּ אָדִיר אֵיין אַנְדִירֶע זַאךְ דָארְט ווִיא מֶען דַארְף לֵייגִין דִיא תְּפִילִין טָאר עֶר קַיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דֶעם שֶׁל רֹאשׁ, אִין אַז עֶר הָאט אֵיין זַאךְ דָארְט ווִיא עֶר דַארְף לֵייגִין דֶעם שֶׁל יַד זָאל עֶר קַיין בְּרָכָה מַאכִין

מַאכִין אויף דעם של יד נאָר ער זאָלל מַאכִין אויף דעם של ראש לְהָנִיחַ אין עַל מִצְוַת אין אַז ער האָט איין זאַך דאָרט ווי דיא רְצוּעָה של ראש קומט מעג ער אַבְּרָכָה מַאכִין אין אַז ער האָט איין זאַך וויא דיא רְצוּעָה של יד קומט אַז ער קאָן זיך איין מאָהל אַרוּם וויקלין מיט דער רְצוּעָה אויף דער הוילער האַנד אין זאָל אוים ציהן דיא רְצוּעָה בִּיז צוּ דעם פִינְגער זאָל ער אַבְּרָכָה מַאכִין אין אַז נִיט נִיט.

(יג) דער זְמַן פון תְּפִלִּין הייבט זיך אָן פון ווען עס ווערט טאָג אין ער קאָן דערקאַנען זיין חָבֵר וואָס ער איז מיט עם אַבִּיסְל בעקאַנט ווען ער איז ווייט דרייא ווינער איילין, אין ווער עס איילט זיך זעהר שטַרק זאָלל ער לייגין דיא תְּפִלִּין אַפִילוּ עס איז נאָך אַבִּיסְל טינקעל אָן אַבְּרָכָה אין ווען עס ווערט טאָג זאָל ער וויא אַדיר טאָן אין מַאכִין אַבְּרָכָה אין אַז ער האָט גימַאכט אַבְּרָכָה ווען עס איז נאָך נאַכט גיוועזן זאָל ער נִיט מַאכִין ווען עס ווערט טאָג.

(יד) ווער עס האָט נִיט גילייגט תְּפִלִּין פריא מעג ער לייגין בִּיז נאַכט.

(טו) אַז ער האָט קיין בְּרָכָה גימַאכט אויף דיא תְּפִלִּין לייגין זאָלל ער מַאכִין דיא בְּרָכָה כָּל זְמַן זייא זענין אויף עם.

(טז) מען זאָל זיין גיוואָרינט צוּ קוֹפִין תְּפִלִּין פון אַסוֹפֵר וואָס ער איז מוּחְזָק פאַר אַיְרֵא שָׁמַיִם אין דיא רְצִיעוֹת זאָלין זיין נִיט אין שְׁוואַרְץ, אין אַז ווערט עפִים פאַרדאָרבִּין זאָלל ער אַשְּׁאֵלָה פְּרעגין עס איז גְלֵייך זייא לאָזין איבער זעהן צווייא מאָהל אין זיבען יאָהר.

(יז) ווער עס איז אַלט דרייצין יאָהר אין גייט אַריין אין פערצעהן יאָהר איז מְחוּיָב צוּ לייגין תְּפִלִּין אין מען איז זיך נוֹהֵג צוּ לייגין פריער מיט צווייא אָדיר דריי חֳדָשִׁים, אין נָשִׁים טאָרין נִיט לייגין קיין תְּפִלִּין.

(יח) ווען מען עס טוּט וויא דער באָך עס פִירט עס אָפּ

זאל

זָאל קיין תְּפִילִין נִיט לֵייגִין נָאר אַז ער פַארְשְׁטֵייט דָאס ער וֶועט קָאנִין זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט אַרֵיינִים גוּף זָאל ער לֵייגִין תְּפִילִין פַאר קְרִיאַת שְׁמַע אִין זָאל זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע אִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אָדִיר קְרִיאַת שְׁמַע אַלֵיין אִין אַז ער אִיז קְרַאנְק אִין זַיין דֵעה אִיז נִיט מְיוּשָׁב אִיז ער פָּטוּר פֿוּן תְּפִילִין׃

(יט) וֶוער עֶס הָאט אַמַכָּה אוֹיף דֶער הַאנְד וִויא דִיא תְּפִילִין דַארְפִין שְׁטֵייעְן זָאל ער לֵייגִין נָאר דֶעם שֶׁל רֹאשׁ אִין זָאל מַאכִין צְווייא בְּרָכוֹת, אִין אַז ער הָאט אַמַכָּה נָאר וִויא ער בְּרוּיךְ דִיא רְצוּעוֹת אַרוּם צוּ ווִיקְלִין אַז ער קָאן לֵייגִין דִיא תְּפִילִין אִין אַרוּם וִויקְלֶען אֵיין מָאהל זָאלל ער לֵייגִין דִיא תְּפִילִין אִין אַרוּם וִויקְלִין אֵיין מָאהל אִין צִיעְן דִיא רְצוּעָה בִּיז דִיא פִינְגֶער אִין מַאכִין דִיא כְּרִיכוֹת אוֹיף דֶעם פִינְגֶער אִין וֶוער עֶס הָאט אַמַכָּה אוֹיף דֶעם קָאפּ זָאל ער לֵייגִין נָאר דֶעם שֶׁל יַד אִין זָאל מַאכִין לְהָנִיחַ, אִין אַז עֶס אִיז דָא אֵיין פֶּעצִין אוֹיף דֶער מַכָּה זָאל ער לֵייגִין דִיא תְּפִילִין אָן אַבְּרָכָה אִין זָאל דִיא תְּפִילִין צוּ דֶעקִין׃

(כ) מֶען טָאר נִיט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פֿון דִיא תְּפִילִין אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע נָאר אִין זִין הָאבִין דָאס דַאוִינִין אִין לֶערְנִין מֶעג ער חָאטְשִׁי ער פַארְגֶעסְט אַבִּיסֶל פֿוּן דִיא תְּפִילִין אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען נִזְהָר זַיין מֶען זָאל נִיט שְׁמֵיסִין אִין דִיא תְּפִילִין וָוארִין אַז ער שְׁמִיסְט אִיז ער מֵסִיחַ דַעַת פֿוּן דִיא תְּפִילִין אִין אַז ער דַארְף נֵייטִיג זָאל ער שְׁמֵיסִין אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ׃

(כא) חוֹל הַמּוֹעֵד דַארְף מֶען נִיט לֵייגִין קיין תְּפִילִין אִין אַז מֶען לֵייגְט זָאל מֶען קיין בְּרָכָה מַאכֶען׃

(כב) אֵיין אָבֵל טָאר קיין תְּפִילִין לֵייגִין דֶעם טָאג וָואס מֶען בַּאהַאלְט דֶעם מֵת אֲפִילוּ מֶען הָאט בַּאהַאלְטִין דֶעם מֵת דֶעם אַנְדִירִין טָאג אִין אַז ער הָאט גִיהֶערְט אַז עֶס אִיז גִישְׁטָארְבִּין אַזוֵי מֶענְטְשׁ וָואס ער דַארְף שִׁבְעָה זִיצְן טָאר ער אוֹיךְ קיין תְּפִילִין לֵייגִין אַגַאנְצִין טָאג בִּיז דֶעם אַנְדֶערִין טָאג וֶוען דִיא זִין קוּמְט אוֹיף צַאדִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועזִין נָאךְ דִיא שְׁלִישִׁית מֶעג ער.

ווער

(כג) װֶער עס איז גִילִינְקְס אַז ער שְׁרֵייבְּט מִיט דֶער לִינְקֶער האנד הָאטְשׁ ער טוּט אֵיין אַנְדֵירֶע מְלָאכָה מִיט דֶער רֶעכְטִיר האנד זָאל ער לֵייגִין דִיא תְּפִילִין אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד, אִין אַז ער שְׁרֵייבְּט מִיט בֵּייְדִי הֶענְד גְלֵייךְ זָאל ער לֵייגִין אוֹיף דֶער לִינְקֶער הַאנְד, אִין װֶער עס אִיז נִיט גִיבּוֹירִין גִילִינְקְס נָאר ער הָאט זִיךְ גִיוְוייִנְט צוּ שְׁרֵייבִּין מִיט דֶער לִינְקֶער הַאנְד אִין אַנְדִירֶע מְלָאכוֹת טוּט ער מִיט דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד זָאל ער לֵייגִין אוֹיף דֶער לִינְקֶער אָבֶּער אַז ער טוּט אַלֶע מְלָאכוֹת מִיט דֶער לִינְקֶער זָאל ער לֵייגִין אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר אִין אַז מֵחֲמַת קְרַאנְקְהֵייט קָאן ער נִיט טִיעְן מִיט דֶער רֶעכְטִיר זָאל ער לֵייגִין אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר.

(כד) װֶער עס הָאט נִיט נָאר רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין זָאל ער זֵייא לֵייגִין אָן אַבְּרָכָה, אִין װֶער עס הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועְן אִין הָאט גִילֵייגְט רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין שְׁטַאט רַשִׁ"ס תְּפִילִין מִיט אַבְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם װִיל ער לֵייגִין רַשִׁ"ס תְּפִילִין זָאל ער מַאכִין אַהֶפְסֵק אִין זָאל מַאכֶען דִיא בְּרָכָה לְהָנִיחַ אַלֵיין נִיט עַל מִצְוַת אוֹיף דִיא רַשִׁ"ס תְּפִילִין.

---

## שַׁעַר ל"ט דִינִים פֿין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

(א) פֿין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז נָאךְ דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה טָאהר מֶען נִישְׁט מַפְסִיק זֵיין צוּ שְׁמוּסִין אַפִילוּ אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ, נָאר בִּיז דֶער בְּרָכָה פֿין יוֹצֵר אוֹר מֶעג מֶען נָאךְ זָאגִין אָמֵן נָאךְ אַלֶע בְּרָכוֹת אִין מֶען מֶעג זָאגִין קְדוּשָׁה אִין בָּרְכוּ אִין אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה אִין מֶען מֶעג גֶעבִּין שָׁלוֹם צוּ אַזוֹי אֵיין מֶענְטשׁ וָואס ער פַארְכְט זִיךְ פַאר עֶהם אִין מֶעג עֶנְפֶירִין שָׁלוֹם צוּ אֵיין אָדָם הָשׁוּב אַפִּילוּ אִין מִיטֶען קַפִּיטִיל, אִין צְוִוישִׁין דִיא קַפִּיטְלִיךְ מֶעג ער גֶעבִּין שָׁלוֹם צוּ אֵיין אָדָם חָשׁוּב אִין מֶעג עֶנְטְפִירִין שָׁלוֹם צוּ יֶעדִירִין, אִין אַז ער הָאט גִיהַאט נְקִיוּת מֶעג ער מַאכִין אֲשֶׁר יָצַר אִין מֶעג עוֹלָה לְתוֹרָה זֵיין בִּיז יוֹצֵר אוֹר.

(ב) אַז ער הָאט גִימְשְׁט מַפְסִיק זֵיין פַאר יִשְׁתַּבַּח צוּ

## דִינִים פִּין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

אַיין שְׁטַארְק גֶעָנֵייטִיגְטֶער זַאךְ זָאלל עֶר זָאגִין דִיא פְּסוּקִים בָּרוּךְ ד׳ לְעוֹלָם בִּיז וַיְבָרֶךְ דָוִד אֵיידִיר עֶר אִיז מַפְסִיק אִין נָאךְ דֶעם אֵיידִיר עֶר זָאגְט ווייטֶער זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל זָאגִין דִיא פְּסוּקִים.

(ג) אַז מֶען הָאט אוֹיס גִילָאזְט דִיא בְּרָכָה פִּין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר פַאר דֶעם חַזָן דַארְף מֶען זָאגִין אָמֵן נָאךְ דֶעם חַזָן אָבֶּער אַז מֶען הָאט אוֹיסְגִילָאסְט גְלֵייךְ מִיט דֶעם חַזָן זָאלל מֶען נִיט זָאגִין אָמֵן אִין נָאךְ יִשְׁתַּבַּח אֲפִילוּ מֶען הָאט אוֹיסְגִילָאסְט גְלֵייךְ מִיט דֶעם חַזָן דַארְף מֶען זָאגִין אָמֵן.

(ד) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גִיהַאט קֵיין טַלִית אִין מֶען הָאט עֶס גִיבְּרֶענְגְט נָאךְ בָּרוּךְ שֶׁאָמַר טָאהר עֶר אוֹיף עֶס קֵיין בְּרָכָה מַאכִין בִּיז נָאךְ יִשְׁתַּבַּח פַאר יוֹצֵר אוֹר נָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָה מֶעג אַבְּרָכָה מַאכִין פַאר יִשְׁתַּבַּח.

(ה) מֶען טָאר נִיט זָאגִין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר צַאדִין מֶען זָאגְט נָאךְ דֶעם אַשְׁרֵי אִין יִשְׁתַּבַּח אִין מֶען טָאהר נִיט זָאגִין יִשְׁתַּבַּח צַאדִין מֶען זָאגְט פְרִיעֶר בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אִין אַשְׁרֵי.

(ו) אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צִי מִנְיָן אִין קָהָל דַאוִוינְט שׁוֹין אִין עֶס וֶועט קֵיין אַנְדִיר מִנְיָן זַיין זָאל עֶר זֶעהן דָאס עֶר זָאל זָאגִין פִּין יוֹצֵר אוֹר מִיט מִנְיָן אֲפִילוּ עֶר מִיז אִיבֶּער לָאזִין אַבִּיסֶל פִּין דִיא פְּסוּקֵי דְזִמְרָה דְהַיְינוּ עֶר זָאלל זָאגִין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אִין אַשְׁרֵי תְּהִלָּה לְדָוִד בִּיז הַלְלוּ נַפְשִׁי אִין יִשְׁתַּבַּח, אִין אַז עֶר הָאט מֶער צֵייט זָאלל עֶר זָאגִין הַלְלוּ אֶת ד׳ מִן הַשָּׁמַיִם אִין הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ אוֹיךְ, אִין אַז עֶס אִיז גָאר קֵיין צֵייט צִי זָאגִין פְּסוּקֵי דְזִמְרָה זָאלל עֶר זָאגִין יוֹצֵר אוֹר מִיט קָהָל בִּיז נָאךְ דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר זָאגִין דָאס וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגִילָאסְט אִין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אִין יִשְׁתַּבַּח זָאל עֶר דִירְנָאךְ נִיט זָאגִין אִין וֶוער זַיין סֵדֶר אִיז צִי דַאוִוינִין שְׁטַאט מִיט כַּוָונָה זָאל עֶר דַאוִוינִין פַאר זִיךְ אִין זָאל נִיט נָאךְ זָאגִין קָהָל.

(ז) אז

## דִינִים פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

(ז) אַז עֶס אִיז נִיט גֶעוָועהן קַיין מִנְיָן בְּשַׁעַת מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאוְוענֶען מֶעג מֶען וַוארְטִין פַאר יִשְׁתַּבַּח אִין הַאלְבֶּע שָׁעָה בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען מִנְיָן אָבֶּער מֶעהר טָאהר מֶען נִישְׁט וַוארְטִין.

(ח) וֶוער עֶס קָאן נִיט גִיט אוֹיסְנֶוויינִיג דִיא פְּסוּקֵי דְזִמְרָה טָאר עֶר נִיט דַאוְוענֶען אָהן אַסִידוּר אִין אֲפִילוּ וֶוער עֶס קָאן אִיז גְלֵייךְ דָאס עֶר זָאל דַאוְוענֶען אִין סִידוּר.

(ט) צְוִוישִׁין קַדִישׁ אִין בָּרְכוּ אָדִיר צְוִוישִׁין בָּרְכוּ אִין יוֹצֵר אוֹר טָאר מֶען נִיט מַפְסִיק זַיין מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ.

(י) פוּן יוֹצֵר אוֹר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה טָאהר מֶען נִיט זָאגִין קַיין אָמֵן נָאר אַז עֶר הָאט אוֹיס גִילָאסְט יוֹצֵר הַמְאוֹרוֹת אִין עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם חַזָן אָדִיר פוּן אֵיין אַנְדִירִין אוֹיס לָאזִין דִי בְּרָכָה אָדִיר הָאֵל הַקָדוֹשׁ אָדִיר שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה אָדִיר נוֹתֵן הַתּוֹרָה מֶעג עֶר זָאגִין אָמֵן אִין אָמֵן יְהֵי שְׁמֵיהּ רַבָּה בִּיז יִתְבָּרַךְ, אִין אַז מֶען זָאגְט מוֹדִים זָאל עֶר זָאגִין מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ, נִיט מֶעהר, אִין אַז מֶען זָאגְט קְדוּשָׁה זָאלל עֶר זָאגִין קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ בִּיז כְּבוֹדוֹ אִין בָּרוּךְ כְּבוֹד ד' מִמְקוֹמוֹ, נִיט מֶעהר אִין אַז מֶען זָאגְט בָּרְכוּ זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ ד' הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד, אִין עֶר טָאהר נִיט עוֹלֶה לַתּוֹרָה זַיין אִין אַז מֶען הָאט עֶהם אוֹיךְ גִירִיפִין מֶעג עֶר עוֹלֶה זַיין אִין זָאלל נִיט מִיט לֵיינִין צוּ שְׁטִיל מִיט דֶעם בַּעַל קוֹרֵא אִין טָאר נִיט זָאגִין מֶען זָאל מַאכִין מִי שֶׁבֵּרַךְ אִין גָאַל יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר אוֹיסְלָאזִין גְלֵייךְ מִיט דֶעם חַזָן, אִין נָאךְ גָאַל יִשְׂרָאֵל טָאר מֶען נִיט זָאגִין קַיין שׁוּם אָמֵן אִין קְדוּשָׁה נָאר שַׁבָּת מֶעג עֶר אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט פְרִיעֶר.

(יא) וַוייל עֶס אִיז אַחוּב צוּ וִויסִין דִיא טַייטְשׁ פוּן דִיא בְּרָכוֹת שְׁרֵייבּ אִיךְ דִיא טַייטְשׁ פוּן דִיא בְּרָכוֹת דִיא בְּרָכָה פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אִיז אַזוֹי דִיא טַייטְשׁ בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (הָאֵל) דֶער גָאט (אָב הָרַחְמָן) דֶער דֶירְבַּארִימִיגֶער פָּאטִיר

הַמְהֻלָּל

## דִינִים פון בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

(הַמְהֻלָּל) וָואס עֶר אִיז גִירִימְט (בְּפֶה עַמּוֹ) מִיט דֶעם מאהל פון זַיין פָאלְק, (מְשׁוּבָּח) עֶר אִיז גִילוֹיבְּט (וּמְפוֹאָר) אִין עֶר אִיז בַּארִימְט (בִּלְשׁוֹן חֲסִידָיו) מִיט דֶער צִינְג פון חֲסִידִים (וַעֲבָדָיו) אִין זַיינֶע קְנֶעכְט (וּבְשִׁירֵי דָוִד עַבְדֶּךָ) אִין מִיט דִיא שִׁירִים פון דֵיין קְנֶעכְט דָוִד (נְהַלֶּלְךָ ד׳ אֱלֹהֵינוּ) וֶועלִין מִיר דִיךְ לוֹיבִּין גָאט אִינְזֶער גָאט (בִּשְׁבָחוֹת) מִיט לוֹיבִּינִישׁ (וּבִזְמִירוֹת) אִין מִיט גִיזַאנְג (וּנְגַדֶּלְךָ) אִין מִיר וֶועלִין דִיךְ דִירְגְרֵייסִין (וּנְשַׁבֵּחֲךָ) אִין מִיר וֶועלִין דִיךְ לוֹיבִּין (וּנְפָאֶרְךָ) אִין מִיר וֶועלִין דִיךְ רִימִין (וְנַמְלִיכְךָ) אִין מִיר וֶועלִין דִיךְ קֶענִיגִין אוֹיף אִינְץ (וְנַזְכִּיר שִׁמְךָ) אִין מִיר וֶועלִין גִי־דֶענְקִין דֵיין נָאמִין (מַלְכֵּנוּ) אִינְזֶער מֶלֶךְ (אֱלֹהֵינוּ) אִינְזֶער גָאט (יָחִיד) אֵיין אֵיינְצִיגֶער (חֵי הָעוֹלָמִים) עֶר אִיז דָאס לֶעבִּין פון אַלֶע וֶועלְטִין, (מֶלֶךְ מְשׁוּבָּח) דֶער גִילוֹיבְּטִיר מֶלֶךְ (וּמְפוֹאָר) אִין בַּארִימְט, (עֲדֵי עַד) בִּיז אֵייבִּיג (שְׁמוֹ הַגָּדוֹל) זֵיין גְרוֹיסִיר נָאמִין בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מֶלֶךְ מְהֻלָּל) דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בַּארִימְט (בַּתִּשְׁבָּחוֹת) מִיט לוֹיבִּינִישׁ.

(יב) דִיא בְּרָכָה פון יִשְׁתַּבַּח אִיז אַזוֹי דִיא טֵייטְשׁ בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (אֵל מֶלֶךְ גָּדוֹל) גָאט וָואס עֶר אִיז אַגְרוֹיסִיר מֶלֶךְ (מְהֻלָּל בַּתִּשְׁבָּחוֹת) וָואס עֶר אִיז בַּארִימְט מִיט לוֹיבִּינִישׁ (אֵל הַהוֹדָאוֹת) דֶער גָאט וָואס מֶען לוֹיבְּט עֶהם (אֲדוֹן הַנִּפְלָאוֹת) דֶער הֶער פון דִיא וְוינְדֶערְלִיכֶע זַאכִין, (בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת) עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין אַלֶע נְשָׁמוֹת (רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים) דֶער הֶער פון אַלֶע וֶוערְק (הַבּוֹחֵר) וָואס עֶר טִיט אוֹיס דִירְוֵוילִין (בְּשִׁירֵי זִמְרָה) אִין דִיא שִׁירִים פון גִיזַאנְג (מֶלֶךְ יָחִיד) דֶער אֵיינְצִיגֶער מֶלֶךְ (אֵל חַי הָעוֹלָמִים) דֶער גָאט וָואס עֶר אִיז דָאס לֶעבִּין פון אַלֶע וֶועלְטִין.

(יג) דִיא בְּרָכָה פון יוֹצֵר אוֹר אִיז אַזוֹי דִיא טֵייטְשׁ (יוֹצֵר אוֹר) עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין לֶעכְטִיגְקֵייט (וּבוֹרֵא חוֹשֶׁךְ) אִין הָאט בַּאשַׁאפִין פִינְסְטִירְקֵייט (עוֹשֶׂה שָׁלוֹם) עֶר מַאכְט שָׁלוֹם (וּבוֹרֵא

### דִינִים פִֿין בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

אֶת הַכֹּל) אִין הָאט בַּאשַׁאפִֿין אַלֶעס. אִין דֶער סוֹף פִֿין דֶער בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' (יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת) עֶר הָאט בַּאשַׁאפִֿין דִיא זִין מִיט דֶער לְבָנָה וָואס זֵייא לַאכְטִין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(יד) דִיא סוֹף בְּרָכָה פִֿין אַהֲבַת עוֹלָם אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' (הַבּוֹחֵר) וָואס עֶר הָאט אוֹיסדֶערְוֶוערְלְט (בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) אִין זַיין פָֿאלְק יִשְׂרָאֵל (בְּאַהֲבָה) מִיט לִיבְּשַׁאפְֿט.

(טו) אַז מֶען אִיז נִיט מְכַוֵּין דִיא טַייטְשׁ פִֿין דֶעם עֶרְשְׁטִין פָּסוּק פִֿין קְרִיאַת שְׁמַע הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גֶעוֶועהְן, דִיא טַייטְשׁ אִיז אַזוֹי (שְׁמַע יִשְׂרָאֵל) הֶער צוּ יִשְׂרָאֵל (ד' אֱלֹהֵינוּ) גָאט אִיז אִינְזֶער גָאט (ד' אֶחָד) גָאט אִיז אֵיין אֵיינְצִיגֶער גָאט אוֹיף דֶעם הִימֶעל אִין אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען דִיא קְרִיאַת שְׁמַע וָוארְט בַּאוָוארְט מֶען טָאהר נִיט צִינוֹיף הַאפִֿין דִיא וֶוערְטֶער, אַז מֶען חַאפְּט צִינוֹיף דִיא וֶוערְטֶער הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גֶעוֶועהְן.

(טז) דֶער סוֹף בְּרָכָה פִֿין עֶזְרַת אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' (גָּאַל יִשְׂרָאֵל) וָואס עֶר הָאט אוֹיס גֶעלֵייזְט דִיא יִשְׂרָאֵל.

---

### שַׁעַר מ דִינִים פִֿין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה

(א) מֶען דַארְף מְכַוֵּין זַיין דִיא גַאנְצֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מֶען זָאל וִויסִין וָואס מֶען זָאגְט אִין אַז עֶר קָאן נִיט זָאל עֶר לְפָחוֹת מְכַוֵּין זַיין דִיא עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה אִין דֶעם סוֹף פִֿין אַלֶע בְּרָכוֹת, אִיבֶּער דֶעם שְׁרֵייבּ אִיךְ דִיא טַייטְשׁ פִֿין דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרָכָה אִין פִֿין דֶעם סוֹף פִֿין אַלֶע בְּרָכוֹת אִין בַּייא יֶעדֶערֶער בְּרָכָה זַיין דִין, אִין דָאס עִנְיָן פִֿין יֶעדֶערֶער בְּרָכָה דָאס דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסִין.

(ב) דִיא עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ (וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ) אִין דֶער גָאט פִֿין אִינְזֶערֶע עֶלְטֶערִין (אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב (הָאֵל הַגָּדוֹל) דֶער גְרוֹיסֶער גָאט (הַגִּבּוֹר) דֶער שְׁטַארְקֶער (וְהַנּוֹרָא) אִין דֶער פָֿארְכְטִינְדִיקֶער (אֵל) גָאט (עֶלְיוֹן)

דער

דער אייבירשטיר (גומל ער טוט פארגעלטיגען (חסדים טובים) גיטע חסדים (וקונה הכל) אין ער האט באשאפין אללעם (וזוכר) אין ער גידענגט (חסדי אבות) דיא חסדים פין דיא אבות (ומביא) אין ער ברענגט (גואל) איין אוים לייזיר (לבני בניהם) צו זייערי קינדס קינדיר (למען שמו) פין וועגין זיין נאמין (באהבה) מיט ליבשאפט ברוך אתה ד' (מגן אברהם) דער באשיצער פין אברהם.

(ג) דיא אנדירע ברכה איז אתה גבור, מען לויבט השם יתברך אויף זייני גבורות אין וואס ער איז מחיה מתים אין שפייזט יעדירין מיט זיין חסד, ביא מוסף פין שמיני עצרת הייבט מען אן צו זאגין (משיב הרוח) ער מאכט בלאזין דעם ווינד (ומוריד הגשם) אין מאכט נידירין דעם רעגין אין מען ריפט אוים פאר דער שטילער שמונה עשרה משיב הרוח ומוריד הגשם אין מען זאגט ביז נאך דער שטילער שמונה עשרה פין מוסף פין ערשטין טאג פסח אין דער חזן זאגט שוין ניט ביא דער הויעכער שמונה עשרה אין וויא דער מנהג איז צו זאגין זומער משיב הרוח ומוריד הטל ריפט מען אוים משיב הרוח ומוריד הטל פאר דער שטילער שמונה עשרה אין מען זאגט שוין ביא דער שטיללער שמונה עשרה משיב הרוח ומוריד הטל אין אז ער האט פארגעסין צו זאגין מוריד הגשם אז ער האט זיך דירמאנט פאר אתה קדוש זאל ער זאגין אויף דעם ארט וויא ער האט זיך דירמאנט אין ער דארף זיך ניט אומקערין, אבער אז ער האט אנגיהויבין אתה קדוש דארף ער אנהייבין דיא שמונה עשרה פין אנהייב נאר אז ער האט גיזאגט מוריד הטל דארף ער ניט אנהייבין פין אנהייב אין פין מוסף פין ערשטין טאג פסח זאגט מען שוין נישט משיב הרוח ומוריד הגשם, נאר אטייל זאגין (ומוריד הטל) אין מאכט נידירין דעם טויה, אין אטייל זאגין משיב הרוח ומוריד הטל, אין אז ער האט גיזאגט משיב הרוח ומוריד הגשם אז ער האט זיך דירמאנט איידיר ער האט אוים גילאזט דיא ברכה פין מחיה מתים זאלל ער אנהייבין אתה גבור אבער אז ער האט

שוין

שוין גיזאגט דיא ברכה פון מחיה מתים אדיר ער האלט שוין אמיטין דער שמונה עשרה אין אפילו ער האט שוין גידאווינט דיא גאנצי שמונה עשרה דארף ער צוריקגיין פון אנהייב אין אז ער איז מסופק צו ער האט גיזאגט צו ניין, ביז דרייסיג טאג האט ער אוודאי גיזאגט וויא פריער, אין אז ער האט גיזאגט אין שמיני עצרת נאנציג מאהל פון אתה גבור ביז נאך מוריד הגשם אדיר אין ערשטין טו"ג פסח ביז נאך מוריד הטל אין וויא מען זאגט ניט משיב הרוח ומוריד הטל אז ער האט גיזאגט ביז נאך מכלכל חיים אין נאך דעם איז ער מסופק דארף ער זיך נישט אימקערין.

(ד) דיא דריטע ברכה איז אתה קדוש מען לויבט גאט וואס ער איז הייליג אין מען לאזט אוים ברוך אתה ד' (האל הקדוש) דער הייליגער גאט, אין דיא עשרת ימי תשובה זאגט מען המלך הקדוש, אין אז ער האט ניט גיזאגט המלך הקדוש אדיר ער איז מסופק צו ער האט גיזאגט דארף ער נאך אמאהל אנהייבין דיא שמונה עשרה, נאר אז תיכף וויא ער האט גיזאגט האל הקדוש האט ער גיזאגט המלך הקדוש האט ער יוצא גיוועזן.

(ה) דיא פערדי ברכה איז אתה חונן מען בעט דאס גאט זאל אינז געבין שכל אין מען לאזט אוים ברוך אתה ד' (חונן הדעת) וואס ער טוט לאדזעליגען מיט וויסין שאפט אין צו מערב פון מוצאי שבת זאגט מען אתה חוננתנו אין אז ער האט פארגעסין דארף ער ניט אימקערין זיך צאדין ער האט ניט קיין כוס צו מאכין הבדלה אין מארגין וועט ער אויך ניט האבין אדיר ער האט גיגעסין אדיר אנרויסע מלאכה גיטאן דהיינו ער האט געשריבען אדער גיוועבט אין האט פאר דער מלאכה ניט גיזאגט המבדיל בין קודש לחול פאר הבדלה, דארף ער נאך אמאהל זאגין דיא שמונה עשרה מיט אתה חוננתנו.

(ו) דיא פיפטע ברכה איז השיבנו מען בעט דאס גאט זאל אינז העלפין מיר זאלין לערנין אין דאווינין אין תשובה טאן אין

מען

מען לאזט אוים ברוך אתה ד׳ (הרוצה בתשובה) וואס ער וויל מען זאל תשובה טאן.

(ז) דיא זעקסטי ברכה איז סלח לנו מען בעט דאס גאט זאל אינץ מוחל זיין אויף דיא זינד אין מען לאזט אוים ברוך אתה ד׳ חנון דער לאטזעליגער (המרבה לסלוח) וואס ער מערט צו פארגעבין דיא זינד.

(ה) דיא זיבטע ברכה איז ראה נא מען בעט דאס גאט זאל אינץ אוים לייזין אין אגיבער צייט אין סוף ברכה איז ברוך אתה ד׳ (גואל ישראל) וואס ער לייזט אוים יודין.

(ט) דיא אכטי ברכה איז רפאנו מען בעט גאט זאל אינץ היילין פון אללע קרענק אין וויטאג, דער סוף ברכה איז ברוך אתה ד׳ (רופא) ער היילט (חולי) דיא קרענק (עמו ישראל) פון זיין פאלק ישראל.

(י) דיא נאהנטע ברכה איז ברך מען בעט גאט זאל אינץ בענטשין דאס יאהר מיט אללעם גיטין, זעכציג טאג נאך דער תקופה פון תשרי דהיינו אז דיא תקופה איז גיוועהן זינטיג איז דער זעכציגסטער טאג מיטוואך צו מעריב פון מיטוואך הייבט מען אן צו זאגין (ותן טל ומטר) אין זאלסט געבין טויה אין רעגין אין דער שמש ריפט אוים נאך קדיש פאר דער שמונה עשרה ותן טל ומטר אין אז מען האט ניט אוים גערופען ברויך מען אויך צו זאגין אין אז ער האט זיך דירמאנט פאר תקע זאל ער דארט זאגין ותן טל ומטר, אין אז ער האט שוין אנגיהובין תקע זאל ער זאגין פאר כי אתה שומע תפילות אין אז ער האט שוין אוים גילאזט דיא ברכה זאל ער זאגין פאר רצה אין אז ער האט שוין גיזאגט רצה זאל ער אנהייבין פון ברך כסדר אין אז ער האט שוין גיזאגט יהיו לרצון נאך אלהי נצור אדיר ער איז אויב גינאנגען דיא שמונה עשרה זאל ער אנהייבין פון אנהייב דיא שמונה עשרה, אין מען הערט אויף צו זאגין ותן טל ומטר פון מעריב וואס איז נאך דעם אנדירין טאג פסח, אין אז ער האט

גיזאגט

גִיזָאגְט וְתֵן טַל וּמָטָר אַז עֶר הָאט זִיךְ דִירְמַאנְט אֵיידִיר עֶר הָאט גִיזָאגְט דֶעם גַאנְצִין פָּסוּק יִהְיוּ לְרָצוֹן נָאךְ אֱלֹהַי נְצוֹר זָאל עֶר אָנְהֵייבִּין פֿין בָּרֵךְ אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט יִהְיוּ לְרָצוֹן זָאל עֶר אָנְהֵייבִּין דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פֿין אָנְהֵייב אִין אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ עֶר הָאט גִיזָאגְט צוּ גֵיין פַאר דִיא דְרֵייסִיג טָאג הָאט עֶר אַוַדַאי גִיזָאגְט וִויא פְרֶיעֶר אִין נָאךְ דִיא דְרֵייסִיג טָאג הָאט עֶר מִסְתָּמָא נִיט גִיזָאגְט אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט נַאהִנְצִיג מָאהל אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר שׁוֹין נָאךְ דֶעם אַוַדַאי נִיט גִיזָאגְט, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מְבָרֵךְ הַשָּׁנִים) וָואס עֶר בֶּענְטְשְׁט דִיא יָארִין.

(יא) דִיא צֶעהִינְטֶע בְּרָכָה אִיז תְּקַע בְּשׁוֹפָר מֶען בֶּעט גָאט זָאל שׁוֹין בְּלָאזִין מִיט דֶעם גְרוֹיסִין שׁוֹפָר מֶען זָאל אוּנְץ פְרֵייא מַאכִין פֿין דֶעם גָלוּת דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מְקַבֵּץ) עֶר טִיט צִינוֹיף קְלַייבִּין (נִדְחֵי) דִיא פַארְשְׁטוֹיסֶינֶע (עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) זֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

(יב) דִיא עֶלִיפְטֶע בְּרָכָה אִיז ״הָשִׁיבָה״ מֶען בֶּעט גָאט עֶר זָאלל אוּנְץ אוּמְקֶערִין דִיא שׁוֹפְטִים וִויא פְרֶיעֶר דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט) דֶער מֶלֶךְ וָואס הָאט לִיבּ מֶען זָאלל טִיעֶן צְדָקָה אִין מַאכִין מִשְׁפָּט אִין עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה זָאגְט מֶען הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין אִיז פַארְפַאלִין.

(יג) דִיא צְוֶועלִיפְטֶע בְּרָכָה אִיז ״וְלַמַּלְשִׁינִים״ מֶען בֶּעט גָאט זָאלל אוֹיסְרַאסִין אִין מַכְנִיעַ זֵיין דִיא רְשָׁעִים מִיט דִיא מוֹסְרִים אִין אַפִּיקוֹרְסִים דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (שׁוֹבֵר) עֶר טִיט צִי בְּרֶעכִין (אוֹיְבִים) דִיא פַאנְט (וּמַכְנִיעַ זֵדִים) אִין אִיז מַכְנִיעַ דִיא רְשָׁעִים.

(יד) דִיא דְרֵייצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז עַל הַצַּדִּיקִים, מֶען בֶּעט גָאט זָאלל זִיךְ דִירְבַּארִימִין אוֹיף דִיא צַדִּיקִים אִין אוֹיף אוּנְז, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (מִשְׁעָן) עֶר אִיז אֵיין אוּנְטֶערְלֶעגִינִג (וּמִבְטָח) אִין אֵיין פַארְזֶעכִירוּנְג (לַצַּדִּיקִים) צִי דִיא צַדִּיקִים.

דיא

(טו) דִיא פֶערְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז וְלִירוּשָׁלַיִם, מֶען בֶּעט גָאט עֶר זָאלל זִיךְ אִימֶקעְרִין צוּ דֶער שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' (בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם) וָואס עֶר בּוֹיעֶט דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אִין תִּשְׁעָה בְּאָב צוּ מִנְחָה זָאגְט מֶען נַחֵם אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין זָאל עֶר זָאגִין פַאר כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת אִין אַז עֶר פַארְגֶעסְט דָארְט אוֹיךְ דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק אִימֶקעְרִין.

(יו) דִיא פִיפְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז, אֶת צֶמַח, מֶען בֶּעט גָאט עֶר זָאלל שִׁיקֶען וִויא אִימְגִישְׁווִינְדֶעסְטִין דֶעם מָשִׁיחַ, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז, בָּרוּךְ אַתָּה ד' (מַצְמִיחַ) עֶר מַאכְט שְׁפְּרָאצִין (קֶרֶן) דָאס גִיוֶועלְטִיגְקַייט (יְשׁוּעָה) מִיט זַיין הִילְף.

(יז) דִיא זֶעכְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז, שְׁמַע קוֹלֵנוּ, מֶען בֶּעט גָאט עֶר זָאלל מְקַבֵּל זַיין אִינְזֶערֶע תְּפִילוֹת, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד' (שׁוֹמֵעַ תְּפִילָּה) וָואס עֶר הֶערְט אוֹיס דִיא תְּפִלָּה.

(יח) דִיא זִיבְּצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז רְצֵה, מֶען בֶּעט גָאט עֶר זָאלל אִימֶקעְרִין דִיא שְׁכִינָה מִיט דֶער עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז (הַמַּחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיּוֹן) וָואס עֶר קֶערְט אִיהם דִיא שְׁכִינָה צוּ דֶער שְׁטָאט צִיּוֹן.

(יט) דִיא אַכְצִינְטֶע בְּרָכָה אִיז מוֹדִים, מֶען לוֹיבְּט גָאט אוֹיף דֶעם לֶעבִּין אִין אוֹיף דִיא חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט אוּנְז, דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז (הַטּוֹב שִׁמְךָ) וָואס דַיין נָאמִין אִיז גוּט (וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת) אִין צוּ דִיר אִיז שֵׁיין צוּ לוֹיבִּין, דֶער דִין פוּן עַל הַנִּסִּים שְׁטֵייט אִין שַׁעַר מ"א.

(כ) דִיא נַאהְנְצִיגְסְטֶע בְּרָכָה אִיז שִׂים שָׁלוֹם, מֶען בֶּעט אַז גָאט זָאלל אוּנְז בֶּענְטשִׁין מִיט שָׁלוֹם אִין מִיט אַלֶעם גִיטֶען אִין דֶער סוֹף בְּרָכָה אִיז (הַמְבָרֵךְ) וָואס עֶר בֶּענְטשְׁט (אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (בַּשָּׁלוֹם) מִיט שָׁלוֹם, אִין דִיא עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְט מֶען בְּסֵפֶר אִין אַז מֶען הָאט פַארְגֶעסִין אִיז פַארְפַאלִין.

(כא) פַאר דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאלל עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלִין דָאס גָאט שְׁטֵייט פַאר עֶהם אִין עֶר ווִיל עֶהם לוֹיבִּין אִין בֶּעטִין רַחֲמִים אוֹיף דִיא אַלֶע זַאכִין, אִין מֶען זָאל זָאגִין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שְׁטִיל נָאר מֶען דַארְף דָאס זֵיינֶע אוֹיעֶרִין זָאלִין הֶערִין ווָאס עֶר זָאגְט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין יוֹם כִּיפּוּר מֶעג עֶר זָאגִין הֶעכִיר אִין מֶען זָאלל אַרוֹיס זָאגִין יֶעדִירִים ווָארְט שַׁארְף ווֶער עֶס הָאפְּט צִינוֹיף דִיא ווֶערְטִיר אִיז נָאךְ אַרְגִיר ווִיא עֶר ווָאלְט נָאר נִיט גֶע־דַאווִינְט עֶר זָאגְט בְּרָכוֹת לְבַטָּלָה.

(כב) מֶען טָאהר נִיט מַפְסִיק זַיין אִין מִיטִין דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אֲפִילוּ צִי זָאגִין אָמֵן אָדִיר קְדוּשָׁה נָאר עֶר זָאלל הֶערִין אִין שְׁווַאגִין, אֲפִילוּ ווֶעגִין אַגְרוֹיסִין גֶעלְד שָׁאדִין טָאהר מֶען נִישְׁט מַפְסִיק זַיין נָאר ווֶעגִין פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ מֶעג מֶען מַפְסִיק זַיין, אִין אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיווֶעהן מַחֲמַת אוֹנֶס אָדִיר אִימְגֶערִין בַּייא דִיא עֶרְשְׁטִי דְרֵייא בְּרָכוֹת דַארְף עֶר אָנְהֵייבִּין פִּין אָנְהֵייב אִין פִּין רְצֵה בִּיז צִים סוֹף דַארְף עֶר אָנְהֵייבִּין פִּין רְצֵה אִין בֵּיי דִיא מִיטִילְסְטֶע בְּרָכוֹת דַארְף עֶר אָנְהֵייבִּין פִּין אָנְהֵייב דֶער בְּרָכָה, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט אִימְגֶעקֶערְט ווִיא דֶער דִין אִיז עֶר זָאלל זִיךְ אִימְקֶערִין אִין הָאט פַארְטִיג גִימַאכְט דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל זָאגִין דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִין אַז עֶר הָאט גִישְׁווִיגִין אִין מִיטִין דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מַחֲמַת אוֹנֶס אַזוֹי פִּיל ...ט ווָאס עֶר הָאט גֶעקָאנְט דַאווֶענֶען דִיא גַאנְצֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פִּין אָהְנְהֵייב בִּיז צִים סוֹף דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל אָהנ־גֵייבֶּען.

(כג) ווֶער עֶס אִיז שִׁיכּוֹר ווָאס עֶר ווָאלְט נִיט גִיקָאנְט רֶעדִין פַאר אַיין מֶלֶךְ אִיבֶּער זַיין שִׁכְרוּת טָאהר עֶר נִיט דַאווִינִין אִין אַז עֶר דַאווִינְד אִיז ווִיא גְלַייךְ עֶר ווָאלְט גִידִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִין אַז עֶר דַאווִינְט נִיט ווֶערְט עֶר נִיצוֹל פִּין אַלֶע צָרוֹת, אִין אֲפִילוּ עֶר הָאט גִידַאווִינְט דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל דַאווִינִין ווֶען עֶר נִיכְטֶערְט זִיךְ אוֹיס עֶר הָאט דֶעם דִין ווִיא גְלַייךְ עֶר ווָאלְט נִיט

גידאווינט

גידאווינט.

(כד) ווער עס דארף ארוים קטנים אדיר גדולים טאהר נישט דאווינען ביז ער גייט ארוים, און אז ער האט גידאווינט ווען ער דארף ארוים גדולים וואס ער וואלט זיך ניט גיקאנט אויף האלטין צוויי און זיבציג מינוט דארף ער נאך אמאהל דאווינען, נאר אז און מיטען דער שמונה עשרה האט ער דערפילט דאס ער דארף ארוים אז ער קאן זיך אויף האלטין ביזא דער גאנצער שמונה עשרה זאל ער ניט ארוים.

(כה) אז אקינד האט זיך איינגידאכטין אדיר משתין גיוועזן בשעת ער האלט אין מיטין דער שמונה עשרה זאלל ער שווייגין ביז מען רייניגט אוים אדיר מען גיסט וואסיר אויף דער השתנה און אז ער האט איין אנדיר חדר זאלל ער אריין אין אנדירין חדר, און אז ער האט גיווארט אזוי פיל צייט וואס ער קאן דאווינען דיא גאנצי שמונה עשרה דארף ער אנהייבין פון אנהייב פון שמונה עשרה.

(כו) אז ער האט גידאווינט אויף אזוי ארט וואס ער איז מסופק גיוועזן צי עס איז דא צואה און נאך דעם האט ער גיפינין צואה דארף ער נאך אמאהל דאווינען דיא שמונה עשרה, אבער וועגין השתנה דארף ער ניט נאך אמאהל דאווינען.

(כז) אז ער איז מסופק צי ער האט גידאווינט דיא שמונה עשרה זאל ער דאווינען דיא שמונה עשרה און זאלל זיך אוים נעמין אז איך האב שוין גידאווינט פריער זאל דאס זיין בתורת נדבה און אז ער האט זיך דירמאנט און מיטין דער שמונה עשרה דאס ער האט שוין גידאווינט זאלל ער פארטיג מאכין דיא שמונה עשרה, אבער אז האט פארגעסין אז ער האט גידאווינט און האט נאך אמאהל גידאווינט און מיטען דער שמונה עשרה האט ער זיך דירמאנט דאס ער האט שוין גידאווינט זאל ער אויף הערין צו דאווינען אפילו אין מיטין דער שמונה עשרה, אין שבת און יום טוב אדיר מוסף אפילו פון ראש חודש זאל ער

ניט דאווינען פון וועגן אספק.

(כח) אז ער האט ניט גידאווינט מחמת אונס אדיר ער האט פארגעסין, ווען עס קומט דיא צייט פון דעם אנדערין דאווענין זאלל ער קודם דאווינין וואס ער איז מחויב אין נאך דער שמונה עשרה זאלל ער זאגין אשרי אין זאלל זאגין נאך אמאל דיא שמונה עשרה ער זאלל באצאהלין פון פריער, אפילו ער האט פאר פעהלט אסאך מאהל צו דאווינין קאן ער נישט באצאהלין נאר איין שמונה עשרה דהיינו בייא מנחה קאן ער באצאהלין פאר שחרית אין בייא מעריב פאר מנחה אין בייא שחרית פאר מעריב, אין אז ער האט ניט גידאווינט במזיד קאן ער נישט באצאהלין אין אז ער האט ניט גידאווינט מחמת ער איז גיוועזן איין אונס*אדיר ער האט עוסק גיוועזן אין צורכי ציבור דארף ער ניט באצאהלין.

(כט) אז ער האט פארגעסין יעלה ויבא אדיר איין אנדירי זאך וואס דער דין איז דאס ער דארף נאך אמאהל דאווינין אין האט נישט גידאווינט נאך אמאהל איז דער דין וויא גלייך ער האט גאר ניט גידאווינט.

(ל) אז ער האט פארגעסין מנחה ערב שבת זאלל ער דאווינין מעריב צוויא מאהל דיא שמונה עשרה פון שבת דאס ערשטי מאהל פאר שבת אין דאס אנדערי מאהל פאר מנחה.

(לא) אז ער האט גיזאגט יעלה ויבא ווען מען דארף ניט זאגין דארף ער ניט דאווינען נאך אמאל נאר עס איז גלייך צו דאווינען נאך אמאל בתורת נדבה.

(לב) ווער עס קאן ניט גיט אויסינווייניג דיא שמונה עשרה זאל ער ניט דאווינין נאר אין סידור אין אז ער האט ניט קיין סידור דהיינו ער איז אויף דעם וועג אין קאן ניט נאר אטייל ברכות אויסינווייניג זאל ער זאגין דיא ברכות וואס ער קאן גאר דיא דרייא ברכות פון מוסף פון ראש השנה מלכיות זכרונות שופרות אז ער קען ניט אללע דרייא ברכות זאל ער ניט זאגין

*איין אונץ

אפילו די ברכה וואס ער קען·

(לג) ווער עס האלט אמיטן דער שמונה עשרה און עס איז אספק צו ער דארף זיך איבערחזרין דהיינו ער האט עפיס פארגעסין און עס איז אספק אין דין דהיינו עס איז אמחלוקת הפוסקים צו ער ברויך זיך איבערחזרין זאל ער פארטיג מאכען די שמונה עשרה און נאך דעם איז גלייך ער זאלל נאך אמאל זאגין די שמונה עשרה און זאל זיך אויסנעמין ווען איך בין ניט מחויב צו דאווינען זאל עס זיין בתורת נדבה·

(לד) נשים זענין אויך מחויב צו דאווינען און וועליכי זיא קאן ניט איז מחויב צו זאגין דאמעטי תפלה אללע פריא עס וועט שטיין אין די הנהגות וויא אזוי זיא זאל זיך נוהג זיין·

(לה) פון ווען מען הייבט אן דאווינען מעריב מאר מען ניט מפסיק זיין פון ברוך ביז נאך דער שמונה עשרה אפילו מיט איין ווארט אפילו אויף לשון קודש·

(לו) די טייטש פון דער ערשטיר ברכה פון מעריב איז אזוי ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם (אשר בדברו) וואס מיט זייני רייד (מעריב ערבים) מאכט ער נאכט אללע נעכט, (בחכמה) מיט קלוגשאפט (פותח) מיט ער עפינין (שערים) די טויערין פון דעם הימעל, (ובתבונה) און מיט פארשטאנד (משנה עתים) מיט ער פארענדירין די צייטין, (ומחליף) און מיט פארבאטין (את הזמנים) די צייטין, (ומסדר את הכוכבים) און מיט מסדר זיין די שטערין (במשמרותיהם) אין זייערי משמורות (ברקיע) אויף דעם הימעל (כרצונו) וויא זיין ווילען (בורא יום ולילה) ער האט באשאפין טאג און נאכט (גולל אור מפני חושך) ער מיט פערוויקלין דאס לעכטיגקייט פאר דעם פינצטערניש (וחושך מפני אור) און דאס פינצטערניש פאר דעם לעכטיגקייט (ומעביר יום) און נעמט אוועק דעם טאג (ומביא לילה) און ברענגט די נאכט (ומבדיל בין יום ובין לילה) און מאכט איין צווישין שייד צווישין טאג און נאכט (ד׳ צבאות שמו) זיין נאמין איז ד׳

צבאות

צבאות (אל חי וקיים) דער גאט וואס לעבט אייביג (תמיד ימלוך עלינו) ער זאל תמיד קעניגן אויף אינז (לעולם ועד) אויף אייביג (ברוך אתה ד׳ המעריב ערבים) וואס ער מאכט נאכט אללע נעכט.

(לז) אין נאך דעם זאגט מען אהבת עולם אין דער סוף ברכה איז (אוהב עמו ישראל) וואס ער האט ליב זיין פאלק ישראל.

(לח) אין נאך דעם זאגט מען קריאת שמע מען זאלל מכוין זיין האטשי דיא טייטש פון דעם ערשטין פסוק אזוי וויא עס שטייט אין שער ל״ט.

(לט) נאך דעם זאגט מען אמת ואמונה אין דער סוף ברכה איז (גאל ישראל) ער לייזט אויס דיא ישראל.

(מ) נאך דעם זאגט מען השכיבנו דער סוף ברכה איז (שומר עמו ישראל לעד) ער היט זיין פאלק ישראל אייביג.

(מא) נאך דעם זאגט מען ברוך ד׳ לעולם אין דער סוף ברכה איז (המלך בכבודו) דער מלך מיט זיין כבוד (תמיד ימלוך עלינו) זאל תמיד קעניגן אויף אינז (לעולם ועד) אויף אייביג (ועל כל מעשיו) אין אויף אללע זייגע באשעפעניש.

---

## שער מ״א דינים פון שבת, יום טוב, אין ראש חודש

(א) פראטיגצינאכט נאך השכיבנו זאגט מען ופרוס אין מען לאזט אויס ברוך אתה ד׳ (הפורס) וואס ער טוט פאר־שפרייטין (סכת שלום) דיא היליגע שכינה (עלינו) אויף אינז (ועל כל עמו ישראל) אין אויף זיין גאנץ פאלק ישראל (ועל ירושלים) אין אויף ירושלים, אין אז ער האט אויסגילאזט שומר עמו ישראל לעד, איז פארפאלין ער זאלל שוין ניט זאגן ופרוס.

(ב) אז ער האט זיך טועה גיוועהן שבת אין האט אהנ־גיהויבין דיא וואכינדיגע שמונה עשרה זאלל ער פארטיג מאכין דיא ברכה וואס ער האט אהנגיהויבין אין נאך דעם זאלל ער

זאגן

## דינים פין שבת, יום טוב אין ראש חודש

זאגין פין שבת נאר ביא מוסף זאלל ער אויך הערין אפילו אין מיטין קפיטיל אין זאל זאגין תכנת שבת, אין אז ער האט נאר גיזאגט אתה אויך דער דעה צי זאגין אתה חונן ביא מנחה אין מעריב זאל ער זאגין פין שבת אין ביא שחרית זאל ער זאגין אתה חונן ביז סוף דער ברכה, צאדין ער האט אין זין גיהאט צי זאגין ישמח משה נאר עס האט זיך פין עהם איבגערין ארוים גיהאפט אין האט גיזאגט אתה זאלל ער זאגין ישמח משה.

(ג) אז ער האט גיזאגט די וואכינדיגע שמונה עשרה אן שבת האט ער ניט יוצא גיוועהן, ער דארף נאך אמאהל זאגין די גאנצי שמונה עשרה פין שבת, אין אז ער האט זיך דירמאנט איידיר ער האט גיזאגט דעם פסוק יהיו לרצון ביז וגואלי נאך אלהי נצור, אדיר פריער זאלל ער ניט אנהייבין פין אנהייב נאר פין אתה קדשת אדיר ישמח משה, אין אז ער האט שחרית גידאווינט די וואבענדיגע שמונה עשרה אין האט זיך ניט דערמאנט ביז נאך מוסף דארף ער ניט נאך אמאהל דאווינין.

(ד) אז ער האט גיזאגט צי מעריב ישמח משה אדיר אתה אחד אדיר ביא שחרית האט ער גיזאגט אתה קדשת אדיר אתה אחד אדיר ביא מנחה האט ער גיזאגט אתה קדשת אדיר ישמח משה, אז ער האט זיך דירמאנט איידיר ער האט גיזאגט די ברכה מקדש השבת זאל ער אהנהייבין וואס ער האט גידארפט זאגין, אין אז ער האט שוין גיזאגט די ברכה מקדש השבת איז פארפאלין, אין אז ער האט ביא מוסף גיזאגט אין אנדירע שמונה עשרה אדיר ביא מעריב מנחה האט ער גיזאגט פין מוסף האט ער ניט יוצא גיוועהן, אין אז ביא שחרית האט ער גיזאגט מוסף זאל ער שוין ניט דאווינין מוסף נאר זאלל זאגין די שמונה עשרה פין שחרית צי באצאלין דעם שחרית.

(ה) אז ער האט נישט גידאווינט די שמונה עשרה פין מעריב אדיר ער האט גיזאגט די וואכינדיגע שמונה עשרה,

## דינים פון שבת, יום טוב, און ראש חודש

און האט אויס געהערט דעם בעל תפלה נאך דער שמונה עשרה פון ברוך ביז מקדש השבת האט ער יוצא געווען נאר עס איז בעסיר ער זאל נאך זאגן נאר יום טוב אז געפאלט זיך אין שבת האט ער מיט דעם ניט יוצא געוועהן.

(ו) וויא עס איז ניט דא קיין מגן קבוע זאלל דער בעל תפלה ניט זאגן דיא ברכות נאך דער שמונה עשרה פון מעריב נאר מען זאלל זאגן ויכלו און מגן אבות נאר אז עס איז דארט איין מנהג צו זאגן דיא ברכות אפילו וויא עס איז נישט דא קיין מגן קבוע זאל מען ניט מבטל זיין דעם מנהג.

(ז) אז ער האט ניט גידאווינט מעריב זאל ער נאך דער שמונה עשרה פון שחרית זאגן אשרי און נאך אמאהל זאגן דיא שמונה עשרה מיט ישמח משה צו באצאהלין פאר מעריב און אז ער האט פארגעסין שחרית זאלל ער נאך מנחה נאך אמאהל דאווינין דיא שמונה עשרה פון מנחה באצאהלין פאר שחרית, און אז ער האט ניט גידאווינט מוסף זאל ער דאווינין מוסף כל זמן עס איז נאך טאג און נאך דעם איז פארפאלין, און אז ער האט ניט גידאווינט מנחה זאל ער נאך דער שמונה עשרה פון מעריב נאך אמאהל דאווינין דיא וואכינדיגע שמונה עשרה צו באצאהלין פאר מנחה נאר ער זאלל ניט זאגן אתה חוננתנו ביא דער אנדעריר שמונה עשרה.

(ה) אז ער האט ניט גידאווינט שחרית און מוסף און עס איז שוין זמן מנחה זאל ער דאווינין קודם מנחה און דער נאך מוסף און נאך דעם דיא שמונה עשרה פון מנחה צו באצאלין פאר שחרית.

(ט) אז ער האט גידאווינט דיא וואכינדיקע שמונה עשרה שבת און האט גיזאגט ותן טל ומטר ווינטער אדיר ער האט ניט גיזאגט ותן טל ומטר ווינטער און האט זיך דירמאנט איידער ער האט גיזאגט דעם פסוק יהיו לרצון ביז וגואלי נאך אלהי נצור זאל ער נאך אמאל זאגן ברך אזוי וויא מען דארף ביז סוף דער

## דינים פין שבת, יום טוב, אין ראש חודש

ברכה אין נאך דעם זאל ער זאגין אתה קדשת אדיר ישמח משה אדיר אתה אחד ביז צום סוף אין אז ער האט זיך ניט דירמאנט דער נאך ווען ער האט שוין אויס גילאסט וגואלי זאל ער נאך אמאל זאגין דיא שמונה עשרה פין שבת פין אנהייב.

(י) ווער עס איז מסופק צו ער האט גידאווינט שבת אדיר יום טוב זאל ער ניט דאווינין פין איין ספק וועגין.

(יא) יום טוב זאגט מען אתה בחרתנו אין מען לאזט אויס (מקדש ישראל והזמנים) וואס ער הייליגט יודין מיט דיא ימים טובים אין אז ער האט אויס גילאזט מקדש השבת האט ער ניט יוצא גיוועזן צאדין ער האט תיכף גיזאגט מקדש ישראל והזמנים אין אז ער האט גידאווינט די וואכינדיקע שמונה עשרה אין האט גיזאגט יעלה ויבא האט ער יוצא גיוועהן אין אז ער האט זיך דירמאנט אמיטין דאווינין זאל ער פארטיק מאבין דיא ברכה אין זאל אנהייבין אתה בחרתנו אין אז ער האט נאר גיזאגט אתה זאל ער זאגין אתה בחרתנו אין בייא מוסף אפילו ער האט זיך דירמאנט אמיטען דער ברכה זאל ער אויף הערין אין זאל זאגין אתה בחרתנו אין אז ער האט זיך ניט דירמאנט נאך דעם וויא ער האט שוין יהיו לרצון ביז וגואלי זאל ער אנהייבין דיא שמונה עשרה פין אנהייב.

(יב) אז יום טוב גיפאלט אין שבת אז ער האט ניט מזכיר גיוועהן שבת אמיטין אדיר אז ער האט גיזאגט דיא שמונה עשרה פין שבת אז ער האט אויס גילאזט מקדש השבת וישראל והזמנים האט ער יוצא גיוועזן אין אז ער האט ניט אויס גילאזט נאר מקדש ישראל והזמנים אין ער האט אין מיטין מזכיר גיוועזן שבת אדיר ער האט אויס גילאזט נאר מקדש השבת אין האט אמיטען מזכיר גיוועזן יום טוב איז אספק צו ער האט יוצא גיוועזן איבער דעם זאל ער גוט אויס הערין דיא גאנצי שמונה עשרה פין דעם בעל תפילה אין זאל אין זין האבין יוצא צו זיין.

(יג) חול

## דִינִים פוּן שַׁבָּת, יוֹם טוֹב, אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

(יג) חוֹל הַמוֹעֵד חוּץ מוּסָף דַאוֶוינְט מֶען דִיא וָואכִינְדִיקֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין מֶען זָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט מוֹדִים זָאל עֶר זָאגִין דָארְט יַעֲלֶה וְיָבֹא אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט מוֹדִים אִין עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיזָאגְט דֶעם פָּסוּק יִהְיוּ לְרָצוֹן בִּיז וְגוֹאֲלִי נָאךְ אֱלֹהַי נְצוֹר זָאלל עֶר אָנְהֵייבִּין רְצֵה אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט דֶעם פָּסוּק יִהְיוּ לְרָצוֹן דַארְף עֶר אָנְהֵייבִּין דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן אָנְהֵייב אִין מוּסָף זָאלל עֶר זָאגִין אַתָּה בְחַרְתָּנוּ אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא שַׁחֲרִית אִין הָאט גִידַאוֶוינְט מוּסָף הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועְן׃

(יד) רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא רְצֵה אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין בֵּייא מַעֲרִב אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט פַאר מוֹדִים אִיז פַארְפַאלִין אִין בֵּייא שַׁחֲרִית אִין מִנְחָה אִיז דֶער דִין אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י"ג בֵּייא חוֹל הַמוֹעֵד׃

(טו) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ עֶר הָאט גִיזָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא חוֹל הַמוֹעֵד אָדֶער רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַז עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט צוּ זָאגִין בְּשַׁעַת עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַארְף עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהְל דַאוֶוינֶען נָאר עֶס אִיז גְלֵייךְ עֶר זָאלל נָאךְ אַמָאהְל דַאוֶוינֶען בְּתוֹרַת נְדָבָה׃

(טז) אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא מִנְחָה רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין צוּ מַעֲרִב אִיז שׁוֹין נִיט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאל עֶר נָאךְ מַעֲרִב דַאוֶוינֶען אֵיין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה צְוֵי בַּאצָאלִין פַאר מִנְחָה בְּתוֹרַת נְדָבָה אִין זָאל נִיט זָאגִין יַעֲלֶה וְיָבֹא׃

(יז) אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת דַאוֶוינְט מֶען מַעֲרִב אִין שַׁחֲרִית אִין מִנְחָה אַזוֹי וְויא אֵיין אַנְדִירִין שַׁבָּת נָאר מֶען זָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא רְצֵה אִין אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין אִיז דֶער דִין אַזוֹי וְויא אֵיין אַנְדִירִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין מוּסָף זָאגְט מֶען אַתָּה יָצַרְתָּ אִין אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט תִּכַּנְתָּ שַׁבָּת אַז עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיזָאגְט

דִיא

## דִינִים פוּן שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ

דיא בְּרָכָה זָאלֶער אָנְהֵייבִּין אַתָּה יָצַרְתָּ אִין אַז ֶער הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט דִיא בְּרָכָה מְקַדֵשׁ הַשַּׁבָּת זָאל ֶער תֵּיכֶף זָאגִין וְיִשְׂרָאֵל וְרָאשֵׁי חֳדָשִׁים אִין אַז ֶער הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט מוֹדִים זָאל ֶער אָנְהֵייבִּין אַתָּה יָצַרְתָּ אִין אַז ֶער הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט יִהְיוּ לְרָצוֹן בִּיז וְגוֹאֲלִי נָאךְ אֱלֹהַי נְצוֹר זָאל ֶער אָנְהֵייבִּין דִיא שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה פוּן אָנְהֵייב.

(יח) אַז ֶער הָאט נִיט גִידַאווֶינְט מִנְחָה ֶערֶב שַׁבָּת אִין אִיז גִיקוּמִין אִין שׁוּל אִין קָהָל הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט בָּרְכוּ הָאטְשֵׁי ֶעס אִיז נָאךְ פְרִיא זָאל ֶער נִיט דַאווֶינִין מִנְחָה אִין דֶער שׁוּל נָאר ֶער זָאל גֵייעֶן אִין אַנְדִיר חֶדֶר דַאווֶינִין מִנְחָה אִין אַז ֶער הָאט גִיזָאגְט בָּרְכוּ מִיט קָהָל זָאל ֶער שׁוֹין נִיט דַאווֶינִין מִנְחָה נָאר ֶער זָאל זָאגִין צְווֵייא שְׁמוֹנֶה ֶעשְׂרִים צוּ מַעֲרִב דִיא אַנְדֶערֶע אוֹיף צוּ בַּאצָאלִין דֶעם מִנְחָה.

## שַׁעַר מ"ב דִינִים פוּן דֶער הוֹיעֶכִיר שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה

(א) וֶוער ֶעס קָאן נִיט אַלֵיין דַאווֶינִין אַז ֶער הֶערְט אוֹיס דִי הוֹיעֶכִי שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה יֶעדִירִים וָוארְט אִיז ֶער יוֹצֵא נָאר אִיז בֶּעסִיר דָאס ֶער זָאל נָאךְ זָאגִין יֶעדִירִים וָוארְט, אָבֶּער וֶוער ֶעס קָאן אַלֵיין דַאווֶינִין אִיז נִיט יוֹצֵא מִיט דֶעם הֶערִין נָאר אַז ֶער הָאט גִידַאווֶינְט אִין הָאט זִיךְ טָעֶה גִיוֶועְן וָואס ֶער דַארְף נָאךְ אַמָאל דַאווֶינֶען אִיז ֶער יוֹצֵא מִיט דֶעם הֶערִין אָבֶּער אִיז בֶּעסִיר ֶער זָאל אַלֵיין נָאךְ אַמָאל דַאווֶינִין צַאדִין ֶער אִיז מְסוּפָּק צוּ ֶער דַארְף נָאךְ אַמָאל דַאווֶינִין זָאל ֶער אוֹיס הֶערִין יֶעדִירִים וָוארְט אִין זָאל נִיט נָאךְ זָאגִין.

(ב) וֶוער ֶעס הָאט נָאךְ נִיט גִידַאווֶינְט דִיא שְׁטִילֶע שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה אִין קָהָל הָאט שׁוֹין גִידַאווֶינְט אִין ֶער מִיז זָאגִין דִיא הוֹיעֶכִי שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה דְהַיְינוּ ֶעס אִיז נִיט דָא ֶקיין אַנְדִירִיר אָדִיר ֶער הָאט יָארְצַייט מֶעג ֶער זָאגִין דִיא הוֹיעֶכִי שְׁמוֹנָה ֶעשְׂרֵה אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדִיר יוֹם כִּיפּוּר טָאר ֶער אוֹיף ֶקיין פַאהְל נִיט זָאגִין דִיא

הוֹיעֶכִי

## דינים פון דער הויעכער שמונה עשרה

הויעכי שמונה עשרה ביז ער זאגט פריער דיא שטילע.

(ג) אז מען פארבט זיך מען זאל ניט עובר מנחה זיין זאל דער ש״צ אנהייבען דיא הויעכי שמונה עשרה אין קהל זאלל דאווינען צו שטיל זייא זאלין נאך זאגין יעדעס ווארט ביז נאך אתה קדוש אין נאך דעם זאלין זייא זאגין אללע שטיל אין אז עס איז מעגליך זאל האטשי איינער נאך זאגין אמן אין אז עס איז ניט שטארק שפעט זאל דער ש״צ אליין זאגין ביז נאך אתה קדוש אין נאך דעם זאל קהל דאווינען.

(ד) מען זאגט ניט דיא הויעכי שמונה עשרה צאדין עס איז דא האטשי זעקס מענטשין וואס האבין גדאווינט אינאיינים דיא שטילע שמונה עשרה אין ו׳ אנדירי אין אז אפילו איינער האט קיין קדושה גיהערט אין עס איז דא איינער וואס האט נאך ניט גידאווינט דיא שמונה עשרה זאל ער זאגין הויעך ביז אתה קדוש מיט קדושה האטשי ער האט שוין גיהערט קדושה.

(ה) אז עס איז ניט דא קיין צעהין מאנזבילין וואס זענין בעל מצוה טאר מען ניט זאגין דיא הויעכי שמונה עשרה אין אז עס איז גיווען צעהין בשעת מען האט אנגיהובין דיא הויעכי שמונה עשרה אין נאך דעם זענין ארוים אטייל אז עס איז גיבליבין רוב מנין זאל מען פארטיג מאכין דיא הויעכי שמונה עשרה אין מען זאגט קדושה אין קדיש מיט תתקבל נאך ובא לציון, אבער אז עס ניט גיבליבין נאר פינעף, זאלל ער אויף הערין צו זאגין אפילו אין מיטין דער ברכה אין אז זייא זענין צוריק גיקומין אז עס האט ניט גידויערט אזוי פיל צייט וויפיל מען קאן זאגין דיא גאנצי שמונה עשרה זאל ער זאגין ווייטער, אין אז עס איז ניט גיוועהן צעהן בשעת ער האט אנגיהויבין זאלל ער אויף הערין צו זאגין אין אז עס איז גיקומין נאך דעם מנין זאל ער אנהייבין פון אנהייב.

(ו) אז מען האט גידאווינט מערב מיט מנין אין פאר דער

שמונה

## דינים פֿון דער הויעכֿיר שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה

שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זֶענֶען אַרוֹים אַטֵייל אַז עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין זֶעקְס זָאל עֶר זָאגִין חֲצִי־קַדִישׁ פַאר דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אִין קַדִישׁ שָׁלֵם נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאלל עֶר נִיט זָאגִין, אִין אַז נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זֶענֶען זֵייא אַרוֹים זָאל עֶר זָאגִין קַדִישׁ שָׁלוֹם אַז עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין זֶעקְס.

(ז) וֶוער עֶס אִיז אַלְט דְרֵייצֶעהֶן יָאהר אִין אִיז אַרֵיין אִין פֶערְצִיגְּ יָאהר אֲפִילוּ מֶען הָאט אִיהם נִיט בּוֹדֵק גִיוֶועהֶן צִי עֶר הָאט שׁוֹין הִינְטִין הָאר אִיז מֶען אִיהם מְצָרֵף צִי מִנְיָן אִין אַז עֶר אִיז נִיט אַזוֹי פִיל אַלְט אִיז מֶען אִיהם נִיט מְצָרֵף.

(ח) וֶוען מֶען זָאגְט דִיא הוֹיעכֿי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה טָאהר מֶען נִיט שְׁמִיסִין אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה נָאר אוֹיס הֶערִין אִין נָאךְ זָאגִין אִין וֶוער עֶס שְׁמִיסְט אִיז זֶייעֶר זִינְד זֵייעֶר גְרוֹיס אִין דִיא אַנְדִירִי דַארְפִין עֶהם וֶוערִין.

(ט) אַז דֶער חַזָן הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט דִיא בְּרָכָה וְלַמַלְשִׁינִים זָאלל מֶען עֶהם אַוֶועק טְרֵייבִּין פִין דֶעם עָמוּד אִין אֵיין אַנְדֶערִיר זָאלל זָאגִין פִין וְלַמַלְשִׁינִים וֵויטֶער.

(י) אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאלְט אִין מִיטִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין קָאן נִיט זָאגִין וֵוייטִיר אַז עֶר הָאלְט פַאר אַתָּה חוֹנֵן זָאלל דֶער אַנְדִירִיר אָנְהֵייבִּין פִין אָנְהֵייבּ אִין אַז עֶר הָאלְט נָאךְ רְצֵה זָאלל דֶער אַנְדִירִיר אָנְהֵייבִּין רְצֵה, אִין אַז עֶר הָאלְט בֵּייא דִיא מִיטֶעלְסְטִי בְּרָכוֹת זָאלל דֶער אַנְדִירִיר זָאגִין פִין אָנְהֵייבּ דֶער בְּרָכָה וָואס עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין יוֹם כִּיפּוּר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי דֶער דִין אִין אַז עֶר הָאלְט פִין אַתָּה בְחַרְתָּנוּ בִּיז רְצֵה זָאלל דֶער אַנְדִירִיר אָנְהֵייבִּין אַתָּה בְחַרְתָּנוּ, אִין דֶעם יוֹצֵר וָואס דֶער עֶרְשְׁטִיר הָאט גִיזָאגְט דַארְף דֶער אַנְדִירִיר נִיט זָאגִין, אִין אַז עֶר הָאלְט בֵּייא מוּסָף פִין יוֹם כִּיפּוּר בֵּייא דִיא סְלִיחוֹת אָדִיר בֵּייא דֶער עֲבוֹדָה זָאל דֶער אַנְדִירִיר אָנְהֵייבִּין וִויא דֶער עֶרְשְׁטִיר אִיז גִיבְּלִיבִּין.

## דִינִים פּוּן דֶער הוֹיעֶכִיר שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה

(יא) אַז דֶער חַזָן הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין דֶער שְׁטִילֶר שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַארְף עֶר זִיךְ נִיט אִימֶקְעֶרִין צֵאדִין עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין דִיא עֶרְשְׁטֵי דְרֵייא בְּרָכוֹת אִין עֶר אִיז נָאךְ נִיט אוּים גִינַאנְגֶען דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועהן אִין דֶער הוֹיעֶכִיר שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר דֶעם דִין וִויא אַיָחִיד, נָאר אַז עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדִיר שַׁבָּת אִין יוֹם טוֹב הָאט עֶר נִיט מַזְכִּיר גִיוֶועהן פּוּן שַׁבָּת אִין פּוּן יוֹם טוֹב אִין הָאט שׁוֹין פַארְטִיג דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פּוּן שַׁחֲרִית דַארְף עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהל זָאגִין דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה.

(יב) אִין אֵיין תַּעֲנִית אַז דֶער חַזָן הָאט נִיט גִיזָאגְט עֲנֵנוּ פַאר רְפָאֵנוּ אַז עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיזָאגְט דִיא בְּרָכָה פּוּן רְפָאֵנוּ זָאלל עֶר זָאגִין עֲנֵנוּ אִין רְפָאֵנוּ אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גִיזָאגְט דִיא בְּרָכָה זָאלל עֶר זָאגִין עֲנֵנוּ בַּייא שְׁמַע קוֹלֵנוּ אִין זָאל אוּים לָאזִין נָאר שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה.

---

## שַׁעַר מג דִינִים פּוּן דִיכִינֶען

(א) פַאר דֶעם דִיכִינֶען זָאלִין דִיא כֹּהֲנִים אוֹיף הֵייבִּין דִיא הֶענְד אִין מַאכִין דִיא בְּרָכָה הוֹיעךְ בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (לְבָרֵךְ) צוּ בֶּענְטְשִׁין (אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (בְּאַהֲבָה) מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

(ב) אַז גַאנְץ קָהָל זֶענִין כֹּהֲנִים אַז עֶס אִיז דָא חָאטְשֵׁי אֵיין יִשְׂרָאֵל זָאלִין אַלֶע כֹּהֲנִים גֵייעֶן דִיכִינֶען, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין יִשְׂרָאֵל זָאלִין צֶעהן כֹּהֲנִים נִישְׁט גֵייעֶן דִיכִינֶען אִין דִיא אִיבְּרִיגֶע זָאלִין גֵייעֶן דִיכִינֶען, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא נָאר צֶעהן כֹּהֲנִים זָאלִין זֵייא אַלֶע גֵייעֶן דִיכִינֶען.

(ג) דִיא כֹּהֲנִים זָאלִין זִיךְ וַואשִׁין דִיא הֶענְד בִּיז צוּ דֶעם לֶעצְטִין גְּלִיד, פַאר רְצֵה, אִין אַז דֶער כֹּהֵן הָאט זִיךְ נִיט אָפּ־גִיוָאשִׁין דִיא הֶענְד אִידֶער פְרִיא זָאלל עֶר הַיינְט מַאכִין אַבְּרָכָה

עַל נְטִילַת יָדַיִם.

(ד) אַז דֶער כֹּהֵן הָאט נִיט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּם דוּכְנֶן אֵיידֶער דֶער חַזָן הָאט אוּיס גֶעלָאזְט רְצֵה זָאלל עֶר נִיט גֵיין דוּכְנֶן, נָאר אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַואשְׁן דִיא הֶענְד אֵיידֶער דֶער חַזָן הָאט אוּיס גֶעלָאזְט רְצֵה מֶעג עֶר דוּכְנֶן.

(ה) אֵיין כֹּהֵן וָואס עֶר קָאן נִיט אַרוֹיס זָאגֶן שַׁארְף דִיא ווֶערְטֶער טָאר נִיט דוּכְנֶן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט אוֹיף שָׁלוֹם סָלוֹם אִין אוֹיף וְיִשְׁמְרֶךָ וְיִסְמְרֶךָ זָאלל נִיט דוּכְנֶן.

(ו) אַקְלֵיינֶער וָואס עֶר אִיז נִיט אַרֵיין גֶעגַאנְגֶען אִין פֶערְצֶענְטֶין יָאהר אָדֶיר עֶר הָאט נִיט קֵיין צְווֵייא הָאר פוּן הִינְטֶען טָאהר נִיט דוּכְנֶן אַלֵיין נָאר מִיט אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים מֶעג עֶר דוּכְנֶן אִין אַבְּרָכָה מַאכֶין.

(ז) אַכֹּהֵן וָואס עֶר הָאט גֶעהַארְגֶעט אַנֶפֶשׁ אֲפִילוּ אוּמְגֶערִין אָדֶיר עֶר אִיז אַחָלָל אָדֶיר עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַגְרוּשָׁה טָאהר נִיט דוּכְנֶן, אִין אַז עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַמְשׁוּמָד טָאהר נִיט דוּכְנֶן צַאדִין עֶר הָאט גֶעטָאהן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

(ח) אַכֹּהֵן וָואס עֶר הָאט עֶפִּיס אַמוּם אוֹיף דֶעם פָּנִים אָדֶיר אוֹיף דִיא הֶענְד טָאהר נִיט דוּכְנֶן צַאדִין עֶר אִיז גֶעווֵיינְטְלִיךְ אִין דֶער שְׁטָאט אָדֶיר דֶער מִנְהָג אִיז אַרוֹיף צוּ לֵייגֶען דֶעם טַלִית אוֹיף דֶעם פָּנִים אִין אוֹיף דִיא הֶענְד מֶעג עֶר דוּכְנֶן.

(ט) אַז דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַרְבִיעִית וֵויין אוֹיף אֵיין מָאהל טָאהר עֶר נִיט דוּכְנֶן אֲפִילוּ עֶר אִיז נִיט שִׁיכּוֹר, אִין אַז עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה אַז עֶר אִיז נִיט שְׁטַארְק שִׁכּוֹר מֶעג עֶר דוּכְנֶן.

(י) אַז דֶער כֹּהֵן הַאלְט אִין מִיטִין דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדֶערֶער כֹּהֵן מֶעג עֶר גֵיין דוּכְנֶן נָאר עֶר זָאלל נִיט מַפְסִיק זַיין מִיט קֵיין שׁוּם וָוארְט נָאר עֶר זָאלל זָאגֶן דִיא בְּרָכָה מִיט בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר צוּרִיק דַאוֶונֶען פוּן וָויא עֶר הַאלְט.

(א) אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַכֹּהֵן אַז עֶס אִיז דָא אַנְדִירִי כֹּהֲנִים זָאלל עֶר נִיט דִיכֿינֶען אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירִי כֹּהֲנִים זָאלל עֶר אַבִּיסֶל רִירֶען דִיא פִּיס פַאר רְצֵה אִין זָאלל זָאגִין בִּיז וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת אִין זָאל גֵיין דִיכֿינֶען, אִין אֵיין אַנְדִירִיר זָאל פָאר זָאגֶען, אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר צִירִיק גֵיין צוּם עָמוּד אִין זָאגִין שִׂים שָׁלוֹם.

(יב) אַז עֶס אִיז דָא צְווֵייא כֹּהֲנִים אָדִיר מֶעהר זָאלל דֶער חַזָּן זָאגִין כֹּהֲנִים פַאר בִּרְכַּת כֹּהֲנִים, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא נָאר אֵיין כֹּהֵן זָאגְט עֶר נִיט כֹּהֲנִים, אִין מֶען דַארְף נִיט זָאגִין אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ בָּרְכֵנוּ, אִין אַטֵייל זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג מֶען זָאגְט שְׁטִיל אִין וִוען מֶען קוּמְט צוּ דֶעם וָוארְט כֹּהֲנִים זָאגְט מֶען הוֹיעֶךְ כֹּהֲנִים.

(יג) דֶער בַּעַל תְּפִלָּה טָאהר נִישְׁט זָאגִין קֵיין אָמֵן אִין נִיט דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מִיט דֶעם יְהִי רָצוֹן.

(יד) אַז דֶער כֹּהֵן הָאט שׁוֹין אֵיינְמָאהל גִידִיכֿינְט אִין גֵייט אִין אֵיין אַנְדִירִי שִׁיל מֶעג עֶר נָאךְ אַמָאהל דִיכֿינֶען מִיט אַבְּרָכָה. אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירִיר כֹּהֵן.

(טו) אַז דֶער כֹּהֵן הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעדַאוְוינְט אָדִיר עֶר הַאלְט אִין מִיטֶען דַאווִינֶען פַאר דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מֶעג עֶר גֵיין דִיכֿינֶען, אִין אַז עֶר הַאלְט אִין מִיטֶין דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה שְׁטֵייט אִין אוֹת י׳

(יו) אֵיין אָבֵל נָאךְ אַפָּאטִיר אָדִיר מוּטִיר אִין דִיא צְווֶעלִיף חֳדָשִׁים, אָדִיר נָאךְ אַנְדִירִי קְרוֹבִים אִין דִיא שְׁלוֹשִׁים זָאל נִישְׁט גֵייעֶן דִיכֿינֶען צַאדִין עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירִיר כֹּהֵן, אִין אַז מֶען הָאט עֶהם גִירִיפִין דִיכֿינֶען זָאלל עֶר גֵיין אִיבֶּער דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אַנְדִירִיר כֹּהֵן זָאלל דֶער אָבֵל אַרוֹיס גֵיין אוֹיס דֶער שִׁיל אֵיידִיר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט כֹּהֲנִים.

(א) דער וואָס איז עולה זאָגט קודם (בָּרְכוּ אֶת ד׳) לויבּט גאָט (הַמְבוֹרָךְ) וואָס ער איז גילויבּט, אין קהל ענטפֿערט (בָּרוּךְ ד׳) גילויבּט איז גאָט (הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד) וואָס ער איז גילויבּט אויף אייבּיג, נאָך דעם זאָגט ער בָּרוּךְ ד׳ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (אֲשֶׁר בָּחַר) וואָס ער האָט אויס דערוויילט (בָּנוּ) אין אינז (מִכָּל הָעַמִּים) פֿין אַללע פֿעלקיר (וְנָתַן לָנוּ) אין האָט אינז גיגעבּין (אֶת תּוֹרָתוֹ) זיין תּוֹרָה, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (נוֹתֵן הַתּוֹרָה) וואָס ער גיט דיא תּוֹרָה. מען דאַרף זאָגין בָּרְכוּ אין דיא בְּרָכָה הויעך קהל זאָל הערין אַז ער האָט גיזאָגט שטיל איז ער ניט יוצא נאָר ער בּרוּךְ ניט נאָך אַמאָל צו מאַכין דיא בְּרָכָה.

(ב) דער וואָס איז עולה דאַרף נאָך זאָגין יעדירים וואָרט צישטיל דעם וואָס לייענט, אין ווער עס קאָן זאָלל אַריין קוקען אין סֵפֶר אין זאָל נאָך זאָגין פֿין דעם סֵפֶר יעדירים וואָרט נאָר אַז ער האַלט נאָך יוצר אור אין מען האָט איהם אויף גירופֿין זאָלל ער נאָר גיט אויס הערין ניט נאָך זאָגין וויא עס שטייט אין שַׁעַר ל״ט אות י׳.

(ג) אַז מען האָט עהם אויף גירופֿין איידער ער האָט גיזאָגט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זאָלל ער עולה זיין אין נאָך דעם ווען ער זאָגט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זאָלל ער ניט זאָגין דיא בְּרָכָה אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ.

(ד) אַז דער וואָס איז עולה האָט מַפְסִיק גיוועהן איידער מען האָט אָנגיהויבּין צו לייעגין מיט ווערטיר וואָס קערין זיך ניט אָהן צו דעם לייענין דאַרף ער נאָך אַמאָהל אַבְּרָכָה מאַכין, אָבּער אַז דער בַּעַל קוֹרֵא האָט מַפְסִיק גיוועהן דאַרף ער ניט מאַכין נאָך אַמאָהל אַבְּרָכָה.

(ה) אַז ער האָט שוין עולה גיוועהן אין נאָך דעם האָט מען עהם נאָך אַמאָהל אויף גירופֿין זאָל ער נאָך אַמאָהל עולה זיין, אָבּער לְכַתְּחִילָּה זאָל מען ניט אויף רופֿין דעם וואָס האָט שוין עולה גיוועהן צאַדין אַבּהַן בִּמְקוֹם לֵוִי אַז עס איז נישט

קיין

קֵיין לֵוִי וְכַדוֹמֶה.

(י) נָאךְ דֶעם ווִיא מֶען הָאט גִילֵיינְט דִיא פַּרְשָׁה מַאכְט עֶר אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ) וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין (תּוֹרַת אֱמֶת) דָאס אִיז תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב (וְחַיֵּי עוֹלָם) אִין דָאס לֶעבִּין פוּן אֵייבִּיג (נָטַע בְּתוֹכֵנוּ) הָאט עֶר גִיפְּלַאנְצְט אִין אוּנְז, דָאס אִיז תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה וָואס דִיא הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבִּין אוּנְז גִילֶערִינְט וָואס דָארְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא וָואס מֶען לֶעבְּט אֵייבִּיג, (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ נוֹתֵן הַתּוֹרָה) מֶען טָאהר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין נָאךְ דֶעם לֵיינִין בִּיז מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה.

(יא) דִיא אִיבְּרִיגֶע דִינִים פוּן לֵיינִין שְׁטֵייעֶן אִין דֶעם סֵפֶר בִּרְכַּת הַבַּיִת.

## שַׁעַר מה דִינִים פוּן לֶעכְט צִינְדִין

(א) פְרַאטִיג פַאר נַאכְט זָאלל זִיךְ דִיא אִשָּׁה אָנְטִין בִּגְדֵי שַׁבָּת אוּן זָאל זִיךְ וַואשִׁין דִיא הֶענְד אוּן אָהנְצִינְדִין אַלֶע לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן נָאךְ דֶעם זָאלל זִיא לֵייגִין דִיא הֶענְד אַקֶעגִין דִיא אוֹיגִין אוּן זָאלל מַאכִין דִיא בְּרָכָה (בָּרוּךְ אַתָּה ד׳) גִילוֹיבְּט בִּיסְט דִיא גָאט (אֱלֹהֵינוּ) אוּנְזֶער גָאט (מֶלֶךְ הָעוֹלָם) דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער וֶועלְט (אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ) וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיהֵיילִיגְט (בְּמִצְוֹתָיו) מִיט זַיינִי מִצְוֹת (וְצִוָּנוּ) אוּן הָאט אוּנְז גִיבָּאטִין (לְהַדְלִיק) אָנְצִינְדִין (נֵר שֶׁל שַׁבָּת) דִיא לֶעכְט פוּן שַׁבָּת, אוּן נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאלל זִיא אַוֶועק נֶעמִין דִיא הֶענְד פוּן אַקֶעגִין דִיא אוֹיגִין אוּן זָאל קוּקֶען צוּ דִיא לֶעכְט, אוּן נָאךְ דֶעם זָאלל זִיא זָאגִין דִיא תְּחִינוֹת, עֶס אִיז רֶעכְט זִיא זָאלל מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹי גָאט זָאלל הֶעלְפִין אִיךְ זָאל הָאבִּין זִין אוּן אֵיינִיקְלִיךְ יִרְאֵי הַשֵּׁם אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווִיא זָאלִין לַאכְטִין אִין דֶער תּוֹרָה.

(ב) עֶס אִיז רֶעכְט דִיא אִשָּׁה זָאלל זִיךְ הַאלְטִין אַוואקְסִין לֶעכְטִיל זִיא זָאלל מִיט דֶעם אָנְצִינְדִין דִיא לֶעכְט אַלֶע שַׁבָּת

אין

אִין זָאלל אָנְצִינְדִין דִיא לֶעכְט וֶוען זֵייא שְׁטֵייֶען אוֹיף זֵייֶער אָרְט זִיא זָאלל נִישְׁט נֶעמִין דִיא לֶעכְט אִין דִיא הֶענְד אִין אָהנְצִינְדִין אִין נָאךְ דֶעם לֵייגֶען זֵייא אוֹיף זֵייֶער אָרְט, דָאס טָאהר מֶען נִיט, אִין מִיט אֵיין שְׁפֶּענְדִיל אִיז אוֹיךְ נִיט רֶעכְט אָהן צִי צִינְדִין דִיא לֶעכְט.

(ג) עֶס אִיז רֶעכְט דָאס דֶער מַאן זָאל פַארְרֶעכְטִין דִי לֶעכְט אוֹיף זֵייֶער אָרְט אִין אָנְצִינְדִין אִין תֵּיכֶף פַארְלֶעשִׁין כְּדֵי זִיא זָאל קָאנִין גְרִינְג אָנְצִינְדִין דִיא לֶעכְט.

(ד) אַז דָאס וַוייבּ אִיז נִיט אִין דֶער הֵיים אָדִיר עֶר הָאט נִיט קֵיין וַוייבּ זָאלל עֶר אָנְצִינְדִין דִיא לֶעכְט אִין אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא אִינְדֶער הֵיים נִיט עֶר נִיט זִיא זָאלל אָהן צִינְדִין דִיא לֶעכְט אֵיינִיר פִין דֶעם בְּנֵי בַּיִת אָדִיר אַיוּדִישֶׁע דִינְסְט אִין זָאל אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ה) אַיוֹלֶדֶת זָאלל דֶעם עֶרְשְׁטִין שַׁבָּת נִיט צִינְדִין קֵיין לֶעכְט נָאר דֶער מַאן זָאלל צִינְדִין דִיא לֶעכְט אִין אַבְּרָכָה מַאכִין, זִיא זָאלל נִיט צִינְדִין דִיא לֶעכְט בֵּייא דֶעם בֶּעט אִין נָאךְ דֶעם זָאל מֶען זֵייא טְרָאגִין צִי דֶעם טִישׁ, דָאס טָאהר מֶען נִישְׁט, אִין אַז דֶער מַאן אִיז נִיט אִין דֶער הֵיים זָאלל זִיא הֵייסִין אֵיין אַנְדִירִין צִינְדִין דִיא לֶעכְט בֵּייא דֶעם טִישׁ, אִין אַזוֹי אִיז דֶער דִין אַז דִיא אִשָּׁה אִיז קְרַאנְק זִיא קָאן נִיט גֵייֶען צִי דֶעם טִישׁ.

(ו) מֶען דַארְף אָנְצִינְדִין לֶעכְט אִין אַלֶע חֲדָרִים וָואס מֶען גֵייט אַרוּם אִין זֵייא בַּאנַאכְט נָאר אַבְּרָכָה זָאל מֶען נִיט מַאכִין נָאר אִין דֶער שְׁטִיבּ וָואס מֶען עֶסְט אִין וֶוען אֵיין אַנְדִירֶער צִינְד אָן דִיא לֶעכְט אִין דִיא אַנְדִירֶע חֲדָרִים זָאל זִיא קוֹדֶם אָנְצִינְדִין אִין שְׁטִיבּ וְוִיא מֶען עֶסְט אִין אַבְּרָכָה מַאכִין אִין נָאךְ דֶעם זָאל דֶער אַנְדִירֶער אָנְצִינְדִין אִין דִיא אַנְדִירֶע חֲדָרִים אִיז אַז זִיא הָאט נִיט קֵיין אַנְדִירִין, זָאלל זִיא קוֹדֶם אָנְצִינְדִין דִיא לֶעכְט אִין דִיא אַנְדִירֶע חֲדָרִים אָן אַבְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם זָאל זִיא אָנְצִינְדִין אִין דֶער שְׁטִיבּ וְוִיא מֶען עֶסְט אִין אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ז) זיא

(ז) זיא דַארְף צִינְדין צְווייא לֶעכְט, אין אַטייל צִינְדין זִיבְּען לֶעכְט, אין אַטייל צִינְדין צֶעהְין לֶעכְט, אין וויא אַזוי זיא איז זִיך נוֹהֵג איין מָאל דַארְף זיא שׁוין אַזוי פִיל צִינְדין, אין אַז זיא הָאט גיצִינְדין וויינִיקער מיט איינִים דַארְף זיא אין דִיא אַנְדירֶע שַׁבָּתִים צִינְדין מֶער מיט איינִים אין אַז זיא איז אָרים זָאל זיא צִינְדֶען אַגְרֶעסֶער לֶעכְט וויא פְרִיר אָדיר זָאל מוֹסִיף זַיין אַבִּיסֶעל עֶהְל נָאר מַחֲמַת* אוֹנֶס הָאט זיא ווייניגער גיצִינְדין דַארְף זיא נִיט מוֹסִף זַיין אין דִיא אַנְדירֶע שַׁבָּתִים, אין אַז זיא הָאט נִיט צוּ צִינְדין נָאר אֵיין לֶעכְט זָאל זיא צִינְדין אין אַבְרָכָה מַאכִין אַפִּילוּ זיא איז זִיךְ נוֹהֵג צוּ צִינְדין אַסאַךְ לֶעכְט, אין אַז זיא הָאט אִימְגֶערִין מיט אֵיין לֶעכְט מֶער גִיצִינְדֶען דַארְף זיא נִיט צִינְדין דִיא אַנְדירֶע שַׁבָּתִים נָאר וויא זיא פְלֶעגְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין.

(ח) נָאךְ דֶעם וויא זיא הָאט גיצִינְדין דִיא לֶעכְט זָאל זיא תֵיכֶף מַאכִין דִיא בְּרָכָה זיא זָאל נִיט מַפְסִיק זַיין מיט אַנְדירֶע זַאכִין אין אַז זיא הָאט מַפְסִיק גִיוֶועןן מֶעג זיא מַאכִין דִיא בְּרָכָה כָּל זְמַן מֶען וָואלְט נָאךְ גִימֶעגְט צִינְדין לֶעכְט אָבֶּער אַז מֶען טָאר שׁוין נִיט צִינְדין קיין לֶעכְט טָאר מֶען קיין בְּרָכָה מַאכִין הָאטְשִׁי זיא הָאט גִיצִינְדין פְרִיער לֶעכְט.

(ט) נָאךְ דֶעם וויא זיא הָאט גִיבֶּענְטשׁ לֶעכְט טָאר זיא קיין שׁוּם מְלָאכָה טִיעֶן אַזוי וויא שַׁבָּת צַאדִין זיא הָאט זִיךְ אוֹיסְגִינוּמִין דָאס זיא איז נָאךְ נִיט מְקַבֵּל שַׁבָּת. (ג) אין אַפִּילוּ זיא הָאט נָאר אין זִין גִיהַאט דָאס זיא איז נִיט מְקַבֵּל שַׁבָּת הֶעלְפְט אוֹיךְ, אָבֶּער אַיין מַאנְזְבִּיל אַז עֶר צִינְד לֶעכְט מֶעגְ עֶר טָאן נָאךְ דֶעם אַמְלָאכָה נָאר אִיז רֶעכְט דָאס עֶר זָאל זִיךְ אוֹיס נֶעמִין אַז עֶר איז נִיט מְקַבֵּל שַׁבָּת.

(י) אַז זיא דַארְף גֵייעֶן טְבִילָה הָאבִּין אַז זיא קָאן אַהֵיים קוּמֶען צִינְדין לֶעכְט נָאךְ דֶעם בָּאדִין פַאר דֶער טְבִילָה זָאל זיא אַהֵיים גֵייעֶן, אין אַז נִיט זָאל דֶער מַאן צִינְדין לֶעכְט אין דֶער הֵיים מיט אַבְּרָכָה אין זיא זָאל צִינְדין צְווייא לֶעכְט בַּייא דֶעם

בעדיר

*נאר אז מחמת

בֶּעדִיר אִין דֶער שְׁטִיב וְוִיא עֶר עֶסְט, נִיט אִין קֵיין אַנְדִיר חֶדֶר, אִין חָאטְשִׁי אֵיין לֶעכְט זָאל זַיין אַגְרוֹיס עֶס זָאל בְּרֶענִין בִּיז צוּם עֶסִין אִין זִיא מֶעג אַבְּרָכָה מַאכִין חָאטְשִׁי דֶעם בֶּעדִירֶם וְוייבּ צִינְד אוֹיךְ לֶעכְט דָארְט.

(יא) דִיא צַייט פוּן לֶעכְט צִינְדִין הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן אַשָּׁעָה מִיט צְוֶועלִיף מִנִּיט פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן בִּיז אֵיין פֶעְרְטִיל שָׁעָה פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵיין אִין דֶער צַייט וֶועהר עֶס צִינְד פְרֶיעֶר אִיז גִילוּבְּט, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין פֶערְטִיל שָׁעָה בִּיז מִיטֶעלִי שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן טָאר מֶען שׁוֹין קֵיין לֶעכְט צִינְדִין נָאר מֶען זָאל הֵייסִין אֵיין גוֹי אַנְצִינְדִין אֵיין לֶעכְט נִיט מֶער אִין זִיא זָאל אַבְּרָכָה מַאכִין נָאר וְוייל עֶס אִיז דֵעוֹת אַז אַפֶערְטִיל שָׁעָה אִיז נִיט גִינִיג זָאל מֶען גִזְהָר זַיין אַז אִיז נִיט דָא קֵיין דְרִיטֶעל שָׁעָה בִּיז מִיטֶעלֶע שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן זָאל מֶען נִיט אַלֵיין צִינְדֶען דִיא לֶעכְט אִין עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל צִינְדֶען לֶעכְט דְרֵייא פֶערְטִיל שָׁעָה פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן אִין אַז זִיא הָאט גִיצִינְדֶען גָאהר פְרִיא עֶס אִיז גִיוֶועןאֵיין צֶעהִינְטִיל טָאג לוֹיט דֶער טָאג אִיז מִיט דְרֵייא מִנִּיט לֶערְךְ בִּיז נַאכְט אִין עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין שָׁעָה מִיט צְוֶועלִיף מִנִּיט בִּיז נַאכְט דַארְף מֶען פַארְלֶעשִׁין דִיא לֶעכְט אִין נָאךְ אַמָהל אָן צִינְדִין מִיט אַבְּרָכָה וֶוען דִיא צַייט אִיז, אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין שָׁעָה מִיט צְוֶועלִיף מִנִּיט אִין עֶס אִיז נִיט גִיוֶוען קֵיין צֶעהִינְטִיל טָאג מִיט דְרֵייא מִנִּיט וֶוען מֶען הָאט גִיצִינְדִין אַז מֶען הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גִיוֶוען תֵּיכֶף הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶוען אִין אַז נִיט נִיט. (ד) אִין פוּן תִּשְׁרִי בִּיז נִיסָן אִיז אַצֶעהִינְטִיל טָאג וֶוייניגִיר וְוִיא אַשָּׁעָה מִיט צְוֶועלִיף מִנִּיט, אִין אַז זִיא הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גִיוֶוען בְּשַׁעַת אָנְצִינְדִין טָאר זִיא נִיט פֶערְלֶעשִׁין אִין נִיט אָנְצִינְדֶען נָאר אֵיין אַנְדִירֶע זָאל פַאר לֶעשִׁין אִין אָנְצִינְדֶען. (ה) אִין וֶוער עֶס הָאט קֵיין זֵייגִיר זָאל צִינְדִין לֶעכְט וֶוען דִיא זִין שַׁאנְט נָאךְ אוֹיף דִיא שְׁפִּיץ בֵּיימִיר אִין וֶוען עֶס אִיז פַארְוָואלְקִינְט זָאל מֶען צִינְדִין וֶוען דִיא הִינֶער הֵייבִּין זִיךְ אָן צוּ זֶעצִין.

(יב) אז זיא איז מסופק צו זיא האט צו פריא גיצינדין דיא לעכט זאל דער מאן אדיר איין אנדירער אנצינדין צוויא לעכט אין זאל קיין ברכה מאכין אדיר אז זיא האט אסאך לעכט גיצינדין זאלל ער אוים לעשין צוויא לעכט אין זאל זייא נאך אמאהל אנצינדען אן אברכה, אבער זיא אליין טאר ניט אוים לעשין אין ניט אנצינדען אין קיין שום מלאכה טאהן צאדין זיא האט זיך אוים גינומין דאס זיא איז ניט מקבל שבת.

(יג) אז זיא איז מסופק צו זיא האט אברכה גימאכט טאר זיא ניט מאכין אברכה אויף אספק.

(יד) מען דארף אנצינדין חאטשי איין גרוים לעכט עס זאל ברענין ביז אין דער נאכט אין אז זיא האט ניט נאר קליינע אז מען עסט דארט וויא זיא צינד מעג זיא אברכה מאכין וייל פון ווען דיא זין איז אינטער גיגאנגין האט מען אהנאה אז מען עסט ביא אלעכט אין אז ניט ניט.

(טו) דיא לעכט וואס מען האט זייא גיבענטשט אויף דעם טיש טאר מען זייא ניט מטלטל זיין פון זייער ארט אפילו איין אנדירר וואס האט ניט מקבל שבת גיוועזן אין ווער עס וויל לייגין פון דיא לעכט אין הענג לאכטיר אדיר אין דיא העסים זאל מען זייא לייגין איידיר מען בענטשט זייא אין מען מעג זייא מצרף זיין צו דער צאל פון דיא בענטש לעכט. (ו) אין אז מען איז זייא ניט מצרף זאל זייא אנצינדין איין אנדירער נאך דעם וויא זיא בענטשט לעכט, אין אז עס איז ניט דא קיין אנדירער זאל זיא קודם אנצינדין אין הענג לאכטיר אין נאך דעם אויף דעם טיש (ז).

(יו) אין בלינדע מעג בענטשין לעכט נאר אז זיא האט אין מאן זאל דער מאן צינדין אין אברכה מאכין ניט זיא, אין אז אנדירע צינדין אויך לעכט אין דער שטיב מאהר זיא ניט אברכה מאכין נאר אז זיא איז דער עיקר בעלת הבית אין דער שטיב זאלל זיא פריער צינדין אין אברכה מאכין אין נאך דעם

זאלין

זאלין דיא אנדירע צינדין זייערי לעכט און אברכה מאכין ·

(יז) צוויא בעלי בתים אדיר מער אז זיא עסין אין איין שטיב יעדירער פון זיינעם מעגין זייערי ווייביר בענטשין לעכט אויף איין טיש יעדירע אויף אירע לעכט, אבער איינער פון דעם בני בית וואס עסין קאסט ביא דעם בעל הבית דהיינו איין מאכטיר אדיר אשניר אדיר אדינסט טאר ניט בענטשין לעכט אויף דעם טיש וויא דיא בעלת הבית האט גיבענטשט צאדין אין אנאנדירער שטיב וויא מען עסט אויך דארט אדיר מען באניצט זיך דארט מיט עסין נארג פון שבת אדיר אז זיא האט איין עקסטיר חדר וואס איז מיוחד פאר איר אדיר פאר איר מאן אדיר פאר ביידי זאל זיא דארט בענטשין לעכט ·

(יח) איין אורח אמאנזביל וואס ער האט אחדר מיוחד וואס ער עסט דארט אדיר ער שלאפט דארט און דער בעל הבית באניצט זיך ניט דארט דארף ער צו צינדין לעכט אין זיין חדר און אברכה מאכין האטשי ער האט אווייב און דער היים וואס זיא צינד לעכט און אפילו ער עסט קאסט ביא דעם בעל הבית און אז ער האט ניט קיין חדר מיוחד דהיינו דער בעל הבית באניצט זיך אויך אין דעם חדר דארף ער ניט צינדין אין זיין חדר און אז ער צינד זאל ער קיין ברכה מאכין און אז דער אורח האט ניט קיין ווייב און ניט קיין חדר מיוחד און ער עסט ניט ביא דעם בעל הבית זאל ער געבין אגראשיר דעם בעל הבית צו שטייער אויף דיא לעכט דאס ער זאל אויך יוצא זיין אדיר ער זאל אנצינדין זיין לעכט און אברכה אין זיין חדר און אז עס איז דא עטליכע אורחים וואס האבין אחדר מיוחד זאל איינער פון זיא צינדין לעכט און אברכה מאכין און דיא אנדירע זענין יוצא ·

(יט) איין אשה וואס איז אין דער פרעמד און זיא איז ניט אויף קאסט מעג זיא צינדין לעכט אויף דעם טיש וואס דיא בעלת הבית צינד און זאלל אברכה מאכין נאר זיא זאלל אהן

צינדין

צינדן האטשי איין גרויס לעכט עס זאלל ברענן ביז אין דער נאכט אין אז זיא איז אויף דעם בעל הבית קאסט טאהר זיא קיין ברכה מאכן צאדין זיא צינד אין איין אנדיר חדר ווים מען באניצט זיך דארט מיט עסן ווארג אויף שבת.

(כ) דער עיקר מצוה פון לעכט צינדן איז אין דער שטיב וויא דער בעל הבית עסט אין אויף דעם טיש וויא מען עסט אין אין דיא אנדירי חדרים וואס מען באניצט זיך דארט אדיר מען שלאפט דארט זאלל דער בעל הבית אדיר איין אנדירר צינדן לעכט אהן א ברכה אפילו דער בעל הבית האט איין חדר מיוחד זאל ער קיין ברכה מאכן אז זיין ווייב האט גיבענטשט לעכט אין דער שטיב וויא מען עסט.

(כא) מען דארף אנצינדן דיא בענטש לעכט אויף זייער ארט, אין אז מען האט זיא אהנגעצינדן אין אחדר וואס מען באניצט זיך דארט אין מען האט זיא אריין גיברענגט אין דער שטיב וויא מען עסט מעג מען אברכה מאכן אויף זיא אבער אז מען האט זיא אהנגיצינדן אין אחדר וואס מען באניצט זיך ניט דארט שבת אין מען האט זיא אריין גיברענגט ברענינדיג אין דער שטיב וואס מען עסט טאהר מען קיין ברכה מאכן אויף זיא מען מוז זיא פארלעשין אין נאך אמאהל אהנצינדן אין שטיב, אין אפילו מען האט אויף זיא אברכה גימאכט אין דעם חדר וואס מען באניצט זיך דארט גאר ניט שבת דארף מען זיא פארלעשין אין אהנצינדן אין שטיב וויא מען עסט אין אברכה מאכן נאר דיא אשה וואס האט אברכה גימאכט טאר ניט פארלעשין אין ניט אהנצינדן.

(כב) סוכות וואס מען עסט אין סוכה זאל מען בענטשין לעכט אין סוכה אין אין שטיב זאל מען אנצינדן אהן אברכה האטשי דאס בני בית עסט אין שטיב, אין אז עס רעגנט זאל מען צינדן אין שטיב מיט אברכה אין אז עס קאן זיין מען וועט קאנין עסין אין סוכה זאל מען צינדן אין סוכה אויך אן אברכה

אין

אין אז עס איז דא אשלאג ביא דער סוכה זאל מען צי מאכין דעם שלאג אין בענטשין לעכט אין סוכה, מען טאהר ניכט בענטשין לעכט אין סוכה אין אריין נעמין אללע לעכט אין שטיב אבער אז עס בלייבט אין סוכה אויך מעג מען אריין נעמין אין שטיב אויך נאר שבת טאר מען ניט צאדין דיא אשה האט זיך אוים גינימין דאס זיא איז ניכט מקבל שבת, אין אז צוויא בעלי בתים עסין אין סוכה מעגין זיא ביידי בענטשין לעכט אין סוכה נאר אז איינער וויל אריין נעמין זיינע לעכט אין שטיב טאר מען ניט צאדין ער לאזט איבער האטשי איין לעכט פון זיינע אין סוכה.

(כג) אז דיא לעכט וואס זענין ניט דארט ווי מען עסט וואס זיא ברויכען צי ברענין ביז נאכט וויא עס שטייט אין אות י"ד אין זיא האבין זיך פארלאשין פאר נאכט אז עס איז נאך מעהר וויא איין דריטעל שעה ביז נאכט זאלל איין אנדירר אנצינדין זיא אין אברכה מאכין, אין אז עס איז גיבליבין אפילו איינס פון דיא לעכט וואס איז ניט פארלאשין גיווארין זאל מען ניט קיין ברכה מאכין, אין בשעת מען צינד אהן דיא לעכט זאל מען זיא ניט רירין פון זייער ארט.

(כד) אז רוב קהל האט שוין מקבל שבת גיוועהן טאהר מען שוין קיין לעכט צינדין, אין דארט וויא עס איז דא צוויא שילין אדיר צוויא בתי מדרשים גייט יעדירר נאך זיין שיל אדיר זיין בית המדרש וואס ער דאווינט דארט אז מען האט אין זיין שיל מקבל שבת גיוועהן טאהר מען שוין אין דערהיים ניכט צינדין קיין לעכט נאר דארך אגוי אדיר מען זאל הייסין איינעם פון דעם אנדירין בית המדרש וואס מען האט נאך ניט מקבל שבת גיוועהן ער זאלל אנצינדין דיא לעכט אין ער זאל אברכה מאכין.

(כה) דיא אשה וואס צינד לעכט דאס ערשטי מאל דארף ניכט מאכין קיין שהחיינו נאר וויא מען איז זיך נוהג צי מאכין

אשהחיינו

אַשֶׁהֶחֱיָינוּ דַארְף מֶען נִיט מְבַטֵל זַיין דֶעם מִנְהָג.

(כו) ווִיא מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּ בֶּענְטשְׁין לֶעכְט מִיט דֶער כַּלָה פַאר דֶער חוּפָּה אִין אַוָואכִין טָאג דָאס אִיז אַמִנְהָג בְּטָעוּת עֶס אִיז אַבְּרָכָה לְבַטָלָה.

(כז) דִיא אִשָׁה וָואס בֶּענְטשְׁט לֶעכְט דַארְף אַלֵיין אָהן צִינְדֶען דִיא לֶעכְט נִישְׁט אֵיין אַנְדִירֶיר זָאלְל אָהן צִינְדִין אִין זִיא זָאלְל בֶּענְטשְׁין.

(כח) יוֹם טוֹב זָאלְל זִיא קוֹדֶם מַאכִין דִיא בְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם אָהן צִינְדִין דִיא לֶעכְט אִין מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּ מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָינוּ בְּשַׁעַת לֶעכְט צִינְדִין נָאךְ דֶער בְּרָכָה נָאר דִיא אַנְדִירִי טֶעג פֶּסַח זָאלְל זִיא קֵיין שֶׁהֶחֱיָינוּ מַאכִין, אִין אַז דֶער מַאנְזְבִּיל צִינְד לֶעכְט זָאל עֶר קֵיין שֶׁהֶחֱיָינוּ מַאכִין, נָאר בֵּייא קִדוּשׁ, אִין וָואס אַטֵייל זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג סוּכּוֹת צוּ מַאכִין לֵישֵׁב בְּסוּכָּה נָאךְ לֶעכְט צִינְדִין דָאס אִיז אַבְּרָכָה לְבַטָלָה, דִיא בְּרָכָה פוּן יוֹם טוֹב אִיז בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב.

(כט) יוֹם כִּיפּוּר זָאלְל זִיא צִינְדִין לֶעכְט אִין נָאךְ דֶעם מַאכִין דִיא בְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים, אִין זָאל מַאכִין אַשֶׁהֶחֱיָינוּ, אִין נָאךְ דֶעם זָאלְל זִיא שׁוֹין נִישְׁט מַאכִין שֶׁהֶחֱיָינוּ בְּשַׁעַת דֶער חַזָן מַאכְט שֶׁהֶחֱיָינוּ פַאר מַעֲרָב דַאווינֶען, אִין אַז דֶער מַאנְזְבִּיל צִינְד זָאלְל עֶר נִיט מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת לֶעכְט צִינְדֶען.

(ל) אַז שַׁבָּת גִיפַאלְט זִיךְ אִין יוֹם טוֹב מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם טוֹב, אִין מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה נָאךְ דֶעם ווִיא מֶען הָאט אָהנְגִיצִינְדִין דִיא לֶעכְט אַזוֹי ווִיא שַׁבָּת, אִין אַז יוֹם כִּיפּוּר גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת מַאכְט מֶען לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְיוֹם הַכִּפּוּרִים.

(לא) מֶען טָאהר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דִיא לֶעכְט צִינְדִין אִין דֶער שִׁיל אָדֶיר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ נִיט שַׁבָּת נִיט יוֹם טוֹב נִיט

יוֹם

יוֹם כִּיפּוּר אֲפִילוּ וֶוען מֶען צִינְד אָהן זֵיין יוֹם כִּיפּוּר לֶעבְּט אִין שִׁיל טָאהר מֶען נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין, נָאר אִין דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ וָואס מֶען עֶסְט דָארְט דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף דִיא לֶעבְּט וָואס מֶען צִינְד אוֹיף דֶעם טִישׁ וָואס מֶען עֶסְט אָבֶּער יוֹם כִּיפּוּר זָאל מֶען נִיט בֶּענְטשִׁין לֶעבְּט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ נָאר אִין שְׁטִיב.

## שַׁעַר מ״ו דִינִים פוּן קִידוּשׁ

(א) עֶס אִיז אֲחִיוּב צוּ מַאכִין קִידוּשׁ פְּרַאטִיג צוּ נַאכְט פַאר דֶעם עֶסִין אוֹיף אַכּוֹס וויין, אִין נָשִׁים זֶענִין אוֹיךְ מְחִיוּב צוּ מַאכִין קִידוּשׁ אָדִיר צוּ הֶערִין קִידוּשׁ אַזוֹי וִויא אַיין מַאנְזְבִּיל דֶער קִידוּשׁ אִיז אַזוֹי קוֹדֶם זָאגְט מֶען יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכוּלוּ בִּיז לַעֲשׂוֹת, אִין נָאךְ דֶעם מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אַיין נָאךְ זָאגְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו (וְרָצָה בָנוּ) אִין הָאט גִיוָואלְט אִין אִינְז (וְשַׁבָּת קָדְשׁוֹ) אִין זֵיין הֵיילִיגִין שַׁבָּת (בְּאַהֲבָה) מִיט לִיבְּשַׁאפְט (וּבְרָצוֹן) אִין מִיט ווילֶען (הִנְחִילָנוּ) הָאט עֶר אִינְז גִימַאכְט יַרְשִׁינִין דֶעם שַׁבָּת (זִכָּרוֹן) דֶער שַׁבָּת אִיז אַיין גִידֶענְקְנִישׁ (לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית) צוּ דֶער ווערְק וָואס גָאט הָאט בַּאשַׁאפִין אִין אָנְהֵייבּ פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס הֵייסְט מִיט דֶעם וָואס מִיר רִיעֶן אִין דֶעם טָאג וָואס גָאט הָאט גִירִיעט נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין דִיא וֶועלְט אִין דִיא זֶעקְס טָאג אִיז דָאס אַזֵכֶר דָאס גָאט הָאט אַלֶעם בַּאשַׁאפִין, (תְּחִלָּה) שַׁבָּת אִיז דָאס עֶרְשְׁטֵי (לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ) צוּ אַלֶע יָמִים טוֹבִים (זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם) וָואס דִיא יָמִים טוֹבִים זֶענִין אַזֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִין שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אַזֵכֶר וָוארִין אִין מִצְרַיִם זֶענִין מִיר גִיוֶועהן קְנֶעכְט מֶען הָאט גָאר קַיין מְנוּחָה אִין קַיין תַּעֲנוּג גִיהַאט אִין גָאט הָאט אִינְז אוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן מִצְרַיִם אִין הָאט אִינְז גִיגֶעבִּין שַׁבָּת מִיר זָאלִין הָאבִּין מְנוּחָה אִין תַּעֲנוּג, (וְשַׁבַּת קָדְשְׁךָ) אִין דֵיין הֵיילִיגִין שַׁבָּת (בְּאַהֲבָה) מִיט לִיבְּשַׁאפְט וּבְרָצוֹן אִין מִיט ווילִין (הִנְחַלְתָּנוּ) הָאסְט אִינְז גִימַאכְט יַרְשִׁינִין

מִיר

מִיר זָאלִין אויךְ רֵיעֶן אִין דֶעם טָאג וָואס דִיא הָאסְט גִירֵיעֶט, בָּרוּךְ אַתָּה ד' (מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת) וָואס עֶר הֵיילִיגְט דֶעם שַׁבָּת ׃

(ב) אַז מֶען הֶערְט קִדּוּשׁ פֿוּן אֵיין אַנְדִירִין אִיז מֶען יוֹצֵא נָאר מֶען זָאלל אוֹיסְהֶערִין יֶעדִירִים וָוארְט אִין דֶער וָואס מַאכְט קִדּוּשׁ זָאלל מְכַוֵּין זַיין מוֹצִיא זַיין אִין דֶער וָואס הֶערְט קִדּוּשׁ זָאלל מְכַוֵּין זַיין יוֹצֵא זַיין, אֲפִילוּ מֶען הֶערְט קִדּוּשׁ פֿוּן אֵיין אִשָּׁה אִיז מֶען יוֹצֵא נָאר לְכַתְּחִילָּה זָאל מֶען זִיךְ נִיט לָאזִין מוֹצִיא זַיין פֿוּן אֵיין אִשָּׁה אִין אַז מֶען הֶערְט פֿוּן אֵיין קְלֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז נִיט אַלְט גִיוָוארִין דְרֵייצֶעהְן יָאהר אָדִיר עֶר הָאט נָאךְ נִיט קֵיין צְוֵויא הָאר אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא צַאדִין דֶער קְלֵיינִיר הָאט נִיט גִידַאוֶונְט אִין דֶער וָואס הֶערְט הָאט גִידַאוֶונְט מַעֲרִיב אִיז עֶר יוֹצֵא בְּדִיעֲבַד אָבֶער לְכַתְּחִלָּה זָאלל מֶען אַלֵיין קִדּוּשׁ מַאכֶען וּלְכָל חַפָּחוֹת זָאלל מֶען נָאךְ זָאגֶען יֶעדִירִים וָוארְט, אִין דִיא בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן זָאלל מֶען נִיט נָאךְ זָאגִין צַאדִין עֶר וֵוייסְט זֶעכִיר דָאס עֶר וֶועט הָאבִין צִי טְרִינְקִין וויין תֵּיכֶף אִין נָאךְ דֶעם קִדּוּשׁ זָאלל עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין בִּיז עֶר טְרִינְקְט אֲבִיסֶל וויין אִין זָאלל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צִי עֶר וֶועט הָאבִין צִי טְרִינְקִין זָאלל עֶר אוֹיס־הֶערִין דִיא בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אִין זָאלל אִין זִין הָאבִין נִישְׁט יוֹצֵא צִי זַיין אִין אַז עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ דֶעם וויין זָאל עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין ׃

(ג) ווער עֶס הָאט נִיט גִידַאוֶונְט מַעֲרִיב קָאן נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם קִדּוּשׁ פֿוּן אֵיין אִשָּׁה וָואס זִיא הָאט גִידַאוֶונְט מַעֲרִיב אָבֶער אַז מֶען הֶערְט פֿוּן אַמַאנְצְבִּיל וָואס הָאט גִידַאוֶונְט מַעֲרִיב הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועהְן ׃

(ד) אַז מֶען הֶערְט קִדּוּשׁ פֿוּן צְוֵוייא וָואס מַאכִין אויף אֵיין מָאהל קִדּוּשׁ הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהְן, אִיבֶּער דֶעם זָאל דֶער בַּעַל הַבַּיִת אַלֵיין מַאכִין קִדּוּשׁ כְּדֵי עֶר זָאלל מוֹצִיא זַיין דָאס בְּנֵי בַּיִת ׃

פֿין

(ה) פוּן וֶוען מֶען הָאט מְקַבֵּל שַׁבָּת גְיוֶועהן טָאר מֶען נִיט עֶסִין אִין נִיט טְרִינְקִין אֲפִילוּ וַואסִיר בִּיז מֶען מַאכְט קִידוּשׁ, אִין דִיא אִשָּׁה וָואס הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט לֶעכְט הָאט זִיא מִסְתָּמָא מְקַבֵּל שַׁבָּת גְיוֶועהן, אִין אֲפִילוּ מֶען הָאט נִיט מְקַבֵּל שַׁבָּת גְיוֶועהן אַז עֶס הֵייבְּט אָהן טֵינְקֶעל צוּ וֶוערִין טָאהר מֶען נִיט טוֹעֵם זַיין בִּיז מֶען מַאכְט קִידוּשׁ אֲפִילוּ יוֹם טוֹב אַז עֶס אִיז אִין עֶרֶב שַׁבָּת אִין מֶען עֶסְט אָדִיר טְרִינְקְט פוּן בַּאטָאג וֶוען עֶס וֶוערְט טֵינְקֶעל טָאהר מֶען נִישְׁט עֶסִין אִין נִיט טְרִינְקִין בִּיז מֶען מַאכְט קִידוּשׁ, דַארְף מֶען בֶּענְטְשִׁין אָדִיר מַאכִין אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אִין דַאוִוינִין מַעֲרִיב אִין נָאךְ דֶעם קִידוּשׁ מַאכִין וָוארִין אַז מֶען וִויל מַאכִין קִידוּשׁ פַאר דֶעם בֶּענְטְשִׁין אִין פַאר מַעֲרִיב אִיז דָא אַסַאךְ דִינִים.

(ו) אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסִין קִידוּשׁ מַאכִין זָאלְל עֶר מַאכִין קִידוּשׁ בַּאנַאכְט וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט גִימַאכְט הַמּוֹצִיא אֵיידִיר עֶר הָאט גִיגֶעסִין זָאלְל עֶר מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף דֶער חַלָּה אִין זָאלְל נִיט מַאכִין הַמּוֹצִיא נָאר עֶר זָאל הָאבִּין לֶחֶם מִשְׁנֶה, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט גִיגֶעסִין אַבִּיסְל זָאל עֶר קִידוּשׁ מַאכִין אוֹיף וַויין אִין אַז עֶר הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר אַבְּרָכָה גִימַאכְט אוֹיף וַויין זָאלְל עֶר נִיט מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן בַּייא דֶעם קִידוּשׁ, אִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין וַויין זָאל עֶר מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף לֶחֶם מִשְׁנֶה אִין זָאלְל נִיט מַאכִין הַמּוֹצִיא אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט נָאךְ דֶעם בֶּענְטְשִׁין זָאלְל עֶר מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף וַויין אִין זָאל זִיךְ נָאךְ אַמָאהל וַואשִׁין אִין עֶסִין אַכְּזַיִת אָדִיר עֶר זָאלְל עֶסִין אַכְּזַיִת גִיבֶּעקְס, אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט בַּאטָאג זָאל עֶר מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף וַויין זָאל נִיט זָאגִין יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ נָאר בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אִין אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו בִּיז מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת, אִין אַגַאנְצִין טָאג הָאט עֶר צֵייט קִידוּשׁ צוּ מַאכִין.

(ז) אַז עֶר הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין פַאר קִידוּשׁ אִין הָאט גִימַאכְט עַל נְטִילַת יָדַיִם מֶעג עֶר מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף וַויין אִין אִין אַנְדֶערִירִין זָאלְל אָהנְגִיסִין דָאס כּוֹס אִין נָאךְ קִידוּשׁ זָאלְל עֶר טְרִינְקִין אִין

מאכין

מַאכִין הַמוֹצִיא אוֹיף דִיא חַלוֹת ׃

(ח) אַז מֶען הָאט גֶיהֶערְט קִידוּשׁ סְתַם מֶען הָאט זִיךְ נִיט מְכַוֵין גִיוֶועהְן יוֹצֵא צוּ זַיין, אָדֶער דֶער וָואס הָאט גִימַאכְט קִידוּשׁ הָאט גִימַאכְט סְתַם עֶר הָאט זִיךְ נִיט מְכַוֵין גִיוֶועהְן מוֹצִיא צוּ זַיין דֶעם אַנְדִירִין, אִיז אַסָפֵק צוּ עֶר הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהְן אִיבֶּער דֶעם זָאלל עֶר אַלֵיין נִיט מַאכִין קִידוּשׁ נָאר עֶר זָאלל הֶערִין פֿוּן אֵיין אַנְדִירִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין אַנְדִירִין זָאלל עֶר אַרוֹים גֵיין פַאר דֶעם עֶסִין אִין אַרֵיין קוּמֶען אִין מַאכִין קִידוּשׁ אִין אַז זַיין סֵדֶר אִיז תָּמִיד אַלֵיין צוּ מַאכִין קִידוּשׁ זָאלל עֶר יֶעצְט אוֹיךְ מַאכִין קִידוּשׁ, אִין אַז דֶער וָואס הֶערְט קִידוּשׁ הָאט מְכַוֵין גִיוֶועהְן נִיט יוֹצֵא צוּ זַיין אָדִיר דֶער וָואס מַאכְט קִידוּשׁ הָאט מְכַוֵין גִיוֶועהְן נִישְׁט מוֹצִיא צוּ זַיין מִיט דֶעם קִידוּשׁ הָאט עֶר וִוידֶער נִישְׁט יוֹצֵא גִיוֶועהְן ׃

(ט) וֶוער עֶס ווייסְט נִיט צוּ עֶר וֶועט הָאבִּין וויין קִידוּשׁ צוּ מַאכִין, אִין הָאט גִיהֶערְט קִידוּשׁ פֿוּן אֵייגֶעם אִין יֶענֶער הָאט אִין זִין גִיהַאט מוֹצִיא צוּ זַיין אִין הָאט עֶר* אִין זִין גִיהַאט דָאס וֶוען עֶר וֶועט הָאבִּין וויין זָאלל עֶר נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם הֶערִין אִין אַז עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבִּין קֵיין וויין זָאלל עֶר יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם הֶערִין, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִיהַאט קֵיין וויין הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדִירִין עֶר זָאלל הֶערִין נָאךְ אַמָאהל קִידוּשׁ מַאכִין אִין אַז עֶר הָאט בַּאקוּמִין וויין זָאלל עֶר אַרוֹים גֵיין פַאר דֶעם קִידוּשׁ אִין אַרֵיין קוּמֶען אִין מַאכִין קִידוּשׁ, אָדִיר עֶר זָאלל הֶערִין קִידוּשׁ פֿוּן אֵיין אַנְדִירִין ׃

(י) אַפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גִימַאכְט מֶעג מַאכִין קִידוּשׁ נָאךְ אַמָאהל עֶר זָאלל מוֹצִיא זַיין אֵיין מַאנְזְבִיל אָדִיר אֵיין אִשָּׁה וָואס קָאן נִיט אַלֵיין מַאכִין קִידוּשׁ אִין אַפִילוּ ווענִין קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵייא פַארְשְׁטֵייעֶן אִין מֶען בְּרוּךְ זֵייא צוּ לֶערְנִין קִידוּשׁ מַאכִין מֶעג עֶר מַאכִין קִידוּשׁ, אָבֶּער ווענִין אַזוֹי אֵיינִים וָואס קָאן אַלֵיין קִידוּשׁ מַאכִין טָאהר מֶען נִיט מַאכִין קִידוּשׁ

---

*און ער האט

קִדוּשׁ דֶער וָואס הָאט שׁוין גִימַאכְט קִדוּשׁ אָדִיר עֶר ווִיל נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם קִדוּשׁ, אִין אֵיין אִשָׁה טָאהר נִישְׁט מַאכִין קִדוּשׁ פִּין אֵיין אַנְדִירְנְס וֶועגִין אַז זִיא הָאט שׁוין גִימַאכְט קִדוּשׁ אָדִיר זִיא ווִיל נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם קִדוּשׁ, אִין אַז מֶען מַאכְט קִדוּשׁ פִּין אֵיין אַנְדֶערִינְס וֶועגִין זָאלל מֶען גֶעבִּין צִי טְרִינְקֶען דֶעם וָואס עֶר אִיז יוֹצֵא מִיט דֶעם קִדוּשׁ אִין זָאלל טְרִינְקֶען אָהן אַבְּרָכָה.

(יא) אַז עֶר הָאט קִדוּשׁ גִימַאכְט אוֹיף אַכּוֹס וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט דָאס עֶס אִיז ווַיין, נָאךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוָואהר גִיוָוארִין דָאס עֶס אִיז וַואסִיר אָדִיר עֶסִיג אָדִיר שְׁלֶעכְטִיר ווַיין וָואס אִיז שְׁטַארְק פַארְדָארְבִּין גִיוָורִין וָואס עֶס הָאט נִיט דֶעם דִין פִּין ווַיין, דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין קִדוּשׁ, נָאר אַז עֶס אִיז גִיוֶועהִן ווַיין אוֹיף דֶעם טִישׁ אָדִיר אוֹיף דֶער בַּאנְק אִין זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶועהִן בִּשְׁעַת בְּרָכָה עֶר זָאלל טְרִינְקֶען נָאךְ ווַיין דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין קִדוּשׁ נָאר עֶר זָאלל תֵּיכֶף טְרִינְקֶען פִּין דֶעם ווַיין עֶר זָאלל נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז עֶר וֶועט טְרִינְקֶען, אִין אַז עֶס אִיז נִישְׁט גִיוֶועהִן ווַיין פַאר עֶהם נָאר זַיין דֵעָה אִיז גִיוֶועהִן בִּשְׁעַת בְּרָכָה צִי טְרִינְקֶען נָאךְ ווַיין זָאל עֶר מַאכִין נָאךְ אַמָאהל קִדוּשׁ אִין זָאלל נִיט מַאכִין קֵיין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָפֶן, אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועְן אִין דֶעם כּוֹס בִּיעֶר אָדִיר בְּרַאנְפִין הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהִן מִיט דֶעם קִדוּשׁ אִין זָאלל מַאכִין אַשֶׁהַכֹּל אִין טְרִינְקֶען.

(יב) דָאס כּוֹס פִּין קִדוּשׁ דַארְף זַיין פִּין אֵיין רְבִיעִית דָאס אִיז לְפָּחוֹת אֵיין דְרֵייצִינְטִיל לִיטֶער אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין רְבִיעִית ווַיין מֶעג עֶר דִירְגִיסִין מִיט אַבִּיסְל וַואסִיר נָאר עֶס זָאל זִיךְ נִיט פִילֶען דֶער טַעַם פִּין ווַאסִיר אִין דֶער סֵדֶר פִּין מֶענְטְשִׁין אִיז צִי טְרִינְקֶען ווַיין וָואס עֶר אִיז אַזוֹי צִינָאסִין, אִין אַז דָאס כּוֹס אִיז גְרֶעסִיר פִּין אַרְבִיעִית אִין עֶר הָאט נִישְׁט נָאר אַרְבִיעִית ווַיין זָאלל עֶר אַרַיין לֵייגִין אַפֵּרִי אִין דֶעם כּוֹס עֶס זָאלל זַיין פִיל אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פֵּרִי מֶעג עֶר קִדוּשׁ מַאכִין חָאטְשִׁי

דאס

דָאס כּוֹס אִיז נִיט פִיל אַז עֶס אִיז דָא אַרְבִיעִית וַויין.

(יג) מֶען דַארְף טְרִינְקֶען פֿוּן דֶעם כּוֹס אַזוֹי פִיל אַז עֶר הַאלְט דִיא מַשְׁקֶה פֿוּן אֵיין זַייט פֿוּן דֶעם מַאהל דִירְקֶענְט מֶען אַז עֶר הָאט דָארְט מַשְׁקֶה אִין בֵּייא אֵיין מִיטֶעלִין מֶענְטשׁ אִיז דָאס אַרוֹב פֿוּן אַרְבִיעִית, אִין אַגְרוֹיסִיר מֶענְטשׁ דַארְף טְרִינְקֶען מֶעהר, נָאר מֶעהר פֿוּן אַרְבִיעִית דַארְף מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען, אִין אַז מֶען הָאט גָאר נִיט גִיטְרִינְקֶען פֿוּן דֶעם כּוֹס נִיט עֶר נִיט דִיא וָואס הָאבִּין גִיהֶערְט קִידוּשׁ הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהן אָבֶּער אַז עֶר הָאט גִיטְרִינְקֶען הָאטְשֶׁי דִי וָואס הָאבֶען גִיהֶערְט הָאבִּין נִישְׁט גִיטְרִינְקֶען הָאבִּין זֵייא יוֹצֵא גִיוֶועהן, אִין אַז דֶער וָואס מַאכְט קִידוּשׁ קָאן נִיט טְרִינְקֶען זָאלל עֶר גֶעבֶּען דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעהֶערְט זֵייא זָאלֶען טְרִינְקֶען אַרוֹב כּוֹס.

(יד) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵוייא אָדִיר מֶעהר אִין אַז יֶעדֶערֶער וֶועט עֶקְסְטִיר קִידוּשׁ מַאכִין וֶועט נִיט זַיין צִי טְרִינְקֶען אַרוֹב, זָאל אֵיינִיר קִידוּשׁ מַאכִין אִין טְרִינְקֶען אַרוֹב אִין דִיא אַנְדִירִי זָאלִין נָאךְ זָאגִין אִין יוֹצֵא זַיין.

(טו) עֶס אִיז אַמִצְוָה דָאס אַלֶע וָואס זֶענִין יוֹצֵא מִיט דֶעם קִידוּשׁ זָאלִין פַארְזוּכִין פֿוּן דֶעם וַויין נָאר אַז עֶס אִיז וֵויינִיג וַויין זָאלִין זֵייא נִיט טְרִינְקֶען אִין זֶענִין יוֹצֵא אִין אַז זֵייא טְרִינְקֶען דַארְפִין זֵייא קֵיין בְּרָכָה מַאכִין נָאר אַז זֵייא הָאבִּין נִיט גִיוְוּסְט אַז מֶען וֶועט זֵייא גֶעבִּין צִי טְרִינְקֶען דַארְפִין זֵייא אַבְּרָכָה מַאכִין.

(טז) אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶועהן נָאךְ דֶעם קִידוּשׁ פַאר דֶעם טְרִינְקֶען מִיט רֵייד וָואס קֶערִין זִיךְ נִיט אָהן צִי דֶעם קִידוּשׁ דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אִין נִיט קִידוּשׁ אִין אַז דִיא וָואס הֶערִין הָאבִּין מַפְסִיק גִיוֶועהן דַארְפִין זֵייא מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן.

(יז) אַז עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגִין נָאךְ קִידוּשׁ אֵיידִיר עֶר הָאט גִיטְרִינְקֶען פֿוּן קִידוּשׁ אָדִיר אֵיידִיר עֶר הָאט גִיגֶעסִין דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל קִידוּשׁ מַאכִין צַאדִין עֶר הָאט גִיטְרִינְקֶען אַגַאנְץ

רביעית

רְבִיעִית וַויין דַארְף עֶר נִיט מַאכִין נָאךְ אַמָאהל קִידוּשׁ.

(יח) אַז דָאס כּוֹס הָאט זִיךְ אוֹיס גִינָאסִין נָאךְ קִידוּשׁ אֵיידִיר עֶר הָאט גִיטְרִינְקִין זָאלְל עֶר אָהנְגִיסִין אֵיין אַנְדִיר כּוֹס אִין זָאל מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אִין דַארְף נִישְׁט מַאכִין קִידוּשׁ, אִין אַז בְּשַׁעַת בְּרָכָה הָאט עֶר בְּדֵעָה גִיהַאט צֵי טְרִינְקִין נָאךְ וַויין דַארְף עֶר קֵיין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אוֹיךְ נִיט מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין אַנְדִיר כּוֹס וַויין זָאלְל עֶר אַרוֹיס גֵיין וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת כ״ח אִין אַריין קוּמִין אִין מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף דֶעם לֶחֶם מִשְׁנֶה אִין בֵּייא דֶעם קִידוּשׁ פִין אִינְדֶער פְרִיא אַז עֶר הָאט קִידוּשׁ גִימַאכְט אוֹיף וַויין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי דֶער דִין אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַויין אִין הָאט קִידוּשׁ גִימַאכְט אוֹיף בְּרַאנְפְּן אָדִיר בִּיעֶר דַארְף עֶר נִיט קֵיין אַנְדִיר כּוֹס.

(יט) וַויין וָואס הָאט אַשְׁלֶעכְטִין רֵיחַ אָדִיר עֶר אִיז אוֹיס גִיוֶועפְּט גִיוָוארִין דֶער טַעַם מִיט דֶעם רֵיחַ טָאהר מֶען קֵיין קִידוּשׁ מַאכִין אוֹיף עֶהם אִין אַז עֶר אִיז פַארְשִׁימֶעלְט זָאלְל עֶר עֶהם דַארִיךְ זֵייעֶן פַאר שַׁבָּת אִין אַז נִישְׁט זָאלְל עֶר זֵייעֶן אִין שַׁבָּת דַארִיךְ אַטִיכְל נָאר עֶר זָאלְל נִישְׁט מַאכִין קֵיין גְרִיבִּיל אִין דֶעם טִיכִיל אִין אַז עֶר אִיז נִיט רָאוּי צֵי טְרִינְקִין אוּמְגִיזַייגְן טָאהר מֶען נִיט זֵייעֶן אִין שַׁבָּת, אִין אַז עֶר זֵייעֶט נִיט דֶעם וַויין טָאהר מֶען קֵיין קִידוּשׁ מַאכִין אוֹיף עֶהם, אִין אַז עֶר אִיז זוֹיעֶר גִיוָוארִין וָואס רוֹב מֶענְטְשִׁין קָאנִין עֶהם נִיט טְרִינְקִין פַאר זוֹיעֶרְקֵייט טָאר מֶען קֵיין קִידוּשׁ מַאכִין אוֹיף עֶהם, אוֹיף רָאזִשִׁינְקִים וַויין מֶעג מֶען מַאכִין קִידוּשׁ נָאר מֶען זָאלְל נִזְהָר צֵי מַאכִין עֶהם כְּדִין וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ג׳ אִין עֶר זָאל נִיט זֵיין פַארְדָארְבִין וָוארִין דֶער רָאזִשִׁינְקֶע וַויין וֶוערְט גִיךְ פַארְדָארְבִין, אִין אַז עֶר הָאט קִידוּשׁ גִימַאכְט אוֹיף שְׁטַארְק פַארְדָארְבִּינֶעם וַויין אִיז דֶער דִין וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י״א אִין אַז עֶר אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק פַארְדָארְבִין דְהַיְינוּ עֶס אִיז אַסָפֵק צֵי מֶען בְּרוֹיךְ צֵי מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן זָאלְל עֶר הֶערִין קִידוּשׁ פִין אֵיין אַנְדִירִין אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירִיר הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהְן.

(כ) עס

(כ) עס איז אַמִצְוָה קִידוּשׁ מאַכֶן דַוְקָא אויף ווײַן אַפִּילוּ דער ווײַן איז טײַער און אַז ער וועט קויפֿן ווײַן וועט ער נישט קאָנען קויפֿן קיין פֿלייש זאָלל ער גיכער קויפֿן ווײַן, און אַז עס איז ניט דאָ קיין ווײַן אין דער שטאָט זאָל ער קידוש מאַכֶן אויף דעם לֶחֶם מִשְׁנֶה ניט אויף אַנדירע מַשְׁקֶה נאָר אינדערפֿריא מעג ער קידוש מאַכֶן אויף אַנדירי מַשְׁקֶה דְהַיְינוּ ביר, מעד, בְּראַנפֿן און אַז ער האָט קידוש גימאַכט בייא נאַכט אויף אַנדירע מַשְׁקֶה האָט ער יוצא גיוועזן.

(יא) אַז מען מאַכט קידוש אויף בְּראַנפֿן אַפִּילוּ שַׁבָּת פֿריא דאַרף דאָס כוס זיין פֿון אַרְבִיעִית און אַז עס ניט דאָ קיין רְבִיעִית האָט ער ניט יוצא גיוועזן.

(כב) אַז ער מאַכט קידוש אויף לֶחֶם מִשְׁנֶה זאָל ער זיך וואַשין און מאַכֶן עַל נְטִילַת יָדַיִם און זאָל אַרוף לייגין בֵּיידי הֶענְד אויף דעם לֶחֶם מִשְׁנֶה און זאָל זאָגִין יוֹם הַשִּׁשִּׁי ביז לַעֲשׂוֹת און נאָך דעם זאָל ער מאַכֶן הַמּוֹצִיא און נאָך דעם זאָל ער זאָגִין די בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ ביז מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת און נאָך דעם זאָל ער אָנְהייבִּין די חַלָּה אָן עסין.

(כג) אַז ער האָט ניט אויף וואָס קידוש צו מאַכֶן אַז ער האָפֿט מען זאָלל עהם בְּרֶענְגִין דאַרף ער וואַרטִין אַפִּילוּ ביז אין דער האַלְבּיר נאַכט און אַז ער האָט קיין האָפֿינוּנג מעג ער עסין אָהן קידוש, און אַז ער האָט נישט און דער פֿריא אויף וואָס קידוש צו מאַכֶן און קיין ברויט אויך ניט דאַרף ער ניט וואַרטִין.

(כד) און דער פֿריא בייא דעם קידוש זאָגט מען עַל כֵּן בֵּרַךְ און אַז ער האָט נישט גיזאָגט נאָר אַבְּרָכָה גימאַכט אויף דעם כוס האָט ער יוצא גיוועהן, און אַז ער האָט נישט קיין מַשְׁקֶה זאָלל ער ניט עסין נאָר ניט ביז ער מאַכט הַמּוֹצִיא אויף לֶחֶם מִשְׁנֶה איז ער מיט דעם יוצא קידוש און ער זאָל ניט זאָגִין עַל כֵּן בֵּרַךְ פֿאַר דער הַמּוֹצִיא.

(כה) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשִׁין אוֹיף קִדוּשׁ שַׁבָּת פְּרִיא אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַסַאךְ בְּרַאנְפְּין דָאס יֶעדִידֶער זָאלְל קִדוּשׁ מַאכִין אוֹיף אַכּוֹס פוּן אַרְבִיעִית זָאלְל אֵיינֶער מַאכִין קִדוּשׁ הוֹיךְ אוּן דִיא אַנְדִירִי זָאלִין יוֹצֵא זַיין אוּן זַייא זָאלִין קוֹדֶם מַאכִין מְזוֹנוֹת אוֹיף דֶעם גִיבֶּעקְם אוּן עֶסִין אוּן נָאךְ דֶעם זָאלִין זַייא מַאכִין אַשֶׁהַכֹּל אוֹיף בְּרַאנְפְּין אַפִילוּ אוֹיף אַקְלֵיין גְלֶעזִיל, (א) אוּן וֶוער עֶס הָאט נִיט צוּ פַארְבַּאסִין קֵיין כְּזַיִת גִיבֶּעקְם אוּן עֶסְט נִיט דָארְטִין טָאהר עֶר נִיט טְרִינְקִין קֵיין בְּרַאנְפְּין אוּן נִיט עֶסִין גָאר נִיט חָאטְשֶׁי עֶר הָאט גִיהֶערְט קִדוּשׁ.

(כו) נָאךְ שַׁחֲרִית טָאהר מֶען נִיט טְרִינְקִין אַפִילוּ קֵיין וַואסִיר אָדִיר קַאפֶּע בִּיז מֶען מַאכְט קִדוּשׁ אוּן דִיא וַואבִּיר וָואס דַאוִוינִין נִיט טָאהרִין זַייא נִיט עֶסִין נִישְׁט טְרִינְקִין גָאר נִיט נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאגִין בִּיז זַייא מַאכִין קִדוּשׁ אָדִיר זַייא זָאלִין זִיךְ לְכָל הַפָּחוֹת קוֹדֶם וַואשִׁין אוֹיף לֶחֶם מִשְׁנֶה, אוּן דִיא נָשִׁים וָואס זַייא דַאוִוינִין מֶעגִין טְרִינְקִין קַאפֶּע פַאר דֶעם דַאוִוינִין אָבֶּער נָאךְ שַׁחֲרִית טָאהרִין זַייא נִיט בִּיז זַייא מַאכִין קִדוּשׁ.

(כז) אַז עֶר וִויל עֶסִין תֵּיכֶף נָאךְ קִדוּשׁ דַארְף עֶר נִישְׁט מַאכִין אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אוֹיף דֶעם קִדוּשׁ אוּן אַז עֶר וִויל נִיט עֶסִין תֵּיכֶף אָדִיר עֶר וִויל אַרוֹיס גֵייעֶן וִויא עֶס שְׁטֵייט אוּן אוֹת כ"ח זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה.

(כח) נָאךְ קִדוּשׁ דַארְף מֶען זִיךְ תֵּיכֶף וַואשִׁין צוּ דֶער סְעוּדָה אָדִיר מֶעז זָאל עֶסִין אַכְּזַיִת גִיבֶּעקְם פוּן דִיא פִינֶעף מִינֵי דָגָן סַייא דֶער וָואס מַאכְט קִדוּשׁ סַייא דִיא וָואס הֶערִין קִדוּשׁ אוּן אַז מֶען אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגִין פַאר דֶער סְעוּדָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט פַאר בִּיסִין אַכְּזַיִת גִיבֶּעקְם אוּן מֶען הָאט נִיט גִיטְרִינְקִין אַגַאנְץ רְבִיעִית וֶוין אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא מִיט דֶעם קִדוּשׁ דַארְף מֶען נָאךְ אַמָאהל קִדוּשׁ מַאכִין אוּן אַז מֶען וִויל אַרוֹיס גֵיין נָאךְ קִדוּשׁ אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּ פַארְבַּאסִין אַכְּזַיִת גִיבֶּעקְם זָאלְל מֶען טְרִינְקִין נָאךְ אַרְבִיעִית וֶוין חוּץ דֶעם קִדוּשׁ אוּן בְּדִיעֶבַד

אִיז

איז ער יוצא אפילו ער האט געטרינקען קידוש ארביעית וויין אין אז ער האט קיין וויין אויך ניט און וויל גיין אין איין אנדיר חדר וואס עס איז אין דער שטיב אז זיין דעה איז געוועהן צו עסין אין דעם חדר אדיר מען זעהט ביז אין דעם חדר פון וויא ער האט קידוש געמאכט, אדיר מען קאן הערין דעם קידוש פון דער שטיב אין אנדירין חדר איז מען יוצא מיט דעם קידוש, און אז ניט ניט, און אז מען האט נישט צו עסין קיין כזית געבעקס און ניט צו טרינקען ארביעית וויין און מען נאשט זיך ניט תיכף אויף דעם ארט טאהר מען קיין קידוש מאכין.

(כט) יום טוב איז מען מחויב צו מאכין קידוש אין אללע דינים וואס זענען ביא קידוש פון שבת זענען ביא קידוש פון יום טוב אויך, דער קידוש פון יום טוב מיט דער טייטש איז אזוי, קודם מאכט מען בורא פרי הגפן און נאך דעם זאגט מען ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם (אשר בחר בנו) וואס ער האט אויסדערוויילט אין אונז (מכל עם) פון אללע פעלקיר (ורוממנו) און האט אונז דירהויבין (מכל לשון) פון אללע לשונות (וקדשנו במצותיו) און האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצות (ותתן לנו) און האסט אונז געגעבין (ד' אלהינו) גאט אינזער גאט (באהבה) מיט ליבשאפט (מועדים לשמחה) ימים טובים צו פרייד (חגים וזמנים לששון) דיא פייער טעג מיט ימים טובים צו פרייד. פסח זאגט מען (את יום חג המצות הזה זמן חרותינו) דעם פייער טאג וואס מען עסט מצות עס איז דיא צייט וואס מיר זענען פרייא געווארין פון מצרים. שבועות זאגט מען (את יום חג השבועות הזה זמן מתן תורתינו) דיא צייט וואס מען האט גיגעבין דיא תורה. סוכות זאגט מען (את יום חג הסוכות הזה) (זמן שמחתינו) דיא צייט וואס מיר פרייען זיך. שמיני עצרת און שמחת תורה זאגט מען את (יום שמיני העצרת החג הזה זמן שמחתינו) (מקרא קודש) עס ווערט אנגירופין הייליג (זכר ליציאת מצרים) דאס איז אזכר צו

דעם

דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פּוּן מִצְרַיִם (כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ) וָוארִין אִין אוּנְז הָאסְט דוּא אוֹיס דֶערְוֵוייְלְט (וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ) אוּן אוּנְז הָאסְט דוּא גֶעהֵיילִיגְט (מִכָּל הָעַמִּים) פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער (וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ) אִין דִיא הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים (בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן) מִיט טָאפִּילְטֶע פְרֵייד (הִנְחַלְתָּנוּ) הָאסְט אוּנְז גֶעמַאכְט יַרְשִׁינֶען (בָּרוּךְ אַתָּה ד' (מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים) וָואס עֶר הֵיילִיגְט דִיא יִשְׂרָאֵל אִין דִיא יָמִים טוֹבִים.

אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט מֶען (אֶת יוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה) דֶעם טָאג וָואס גָאט גֶעדֶענְקְט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ בֵּייא דֶעם מִשְׁפָּט, (יוֹם תְּרוּעָה) דֶעם טָאג וָואס מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, אוּן אַז עֶס גֶעפַאלְט אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען (יוֹם זִכְרוֹן תְּרוּעָה) דֶעם טָאג וָואס מֶען אִיז מַזְכִּיר פוּן דֶעם שׁוֹפָר בְּלָאזֶען (כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים) דִי טַאטְשׁ שְׁטֵייט שׁוֹין פְרִיעֶר, (וּדְבָרְךָ אֱמֶת) אוּן דֵיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת (וְקַיָּים לָעַד) אוּן עֶס שְׁטֵייט אֵייבִּיג בָּרוּךְ אַתָּה ד' (מֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ) עֶר אִיז אַמֶּלֶךְ אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט (מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְיוֹם הַזִּכָּרוֹן) וָואס עֶר הֵיילִיגְט יוּדִין אוּן דֶעם טָאג פוּן דֶעם גֶעדֶענְקְנִישׁ.

(ל) אַלֶע יָמִים טוֹבִים מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ נָאךְ קִידוּשׁ הוּץ דִיא אַנְדֶערֶע טֶעג פֶּסַח מַאכְט מֶען נִיט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ, אוּן דִיא עֶרשְׁטֶע טֶעג סוּכּוֹת מַאכְט מֶען לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה נָאךְ קִידוּשׁ אוּן נָאךְ דֶעם שֶׁהֶחֱיָנוּ.

(לא) יוֹם טוֹב אַז גֶעפַאלְט זִיךְ אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען קוֹדֶם יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ בִּיז לַעֲשׂוֹת אוּן נָאךְ דֶעם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן אוּן נָאךְ דֶעם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, אוּן נָאךְ בְּאַהֲבָה זָאגְט מֶען שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וּמוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה אוּן מֶען לָאזְט אוֹיס מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים, אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ אַזוֹי וִויא יוֹם טוֹב אַז עֶר הָאט אוֹיס גֶעלָאזְט מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים הָאט עֶר יוֹצֵא גֶעוֶועזְן אוּן אַז עֶר הָאט נִיט גֶעזָאגְט יוֹם הַשִּׁשִּׁי וַיְכֻלּוּ זָאל עֶר זָאגִין דָאס אוֹיף אַכּוֹס וַויין וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ דִיא נַאכְט.

(לב) יוֹם

(לב) יום טוב אַז עֶס גִיפַאלְט זִיךְ אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת מַאכְט מֶען קוֹדֶם פְּרִי הַגָּפֶן אִין נָאךְ דֶעם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ. אִין נָאךְ דֶעם בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ אוֹיף דֶעם לֶעכְט אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען (בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (הַמַּבְדִיל) וָואס עֶר שֵׁייד אָפּ (בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל) צְוִוישֶׁען הֵיילִיג אִין צְוִוישֶׁען נִיט הֵיילִיג, (בֵּין אוֹר לְחוֹשֶׁךְ) צְוִוישֶׁען לֶעכְטִיגְקֵייט אִין צְוִוישֶׁען פִינְסְטֶערְנִישׁ, (בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים) צְוִוישֶׁען דִיא יִשְׂרָאֵל אִין צְוִוישֶׁען דִיא פֶעלְקֶער (בֵּין קְדוּשַּׁת שַׁבָּת לִקְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב הִבְדַּלְתָּ) צְוִוישֶׁען דֶער קְדוּשָּׁה פוּן שַׁבָּת אִין צְוִוישֶׁען דֶער קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב הָאסְטּ דִיא אָפְּגִישֵׁייד, (וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי) אִין דֶעם זִיבְּטֶען טָאג (מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה) פוּן דִיא זֶעקְס וָואכִין טֶעג (קִדַּשְׁתָּ) הָאסְט דִיא גִיטָאהן הֵיילִיגִין (הִבְדַּלְתָּ) דִיא הָאסְט אָפְּגִישֵׁייד (וְקִדַּשְׁתָּ) אִין הָאסְט גִיטָאהן הֵיילִיגִין (אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל) דֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל (בִּקְדוּשָּׁתֶךָ) מִיט דֵיין הֵיילִיגְקֵייט (בָּרוּךְ אַתָּה ד' הַמַּבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְקוֹדֶשׁ) וָואס עֶר טִיט אָפְּשֵׁיידִין צְוִוישֶׁען אֵיין הֵיילִיגְקֵייט אִין צְוִוישֶׁען אַנְדִיר הֵיילִיגְקֵייט אִין נָאךְ דֶעם מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָינוּ אִין דִיא עֶרְשְׁטֵי טֶעג סוּכּוֹת מַאכְט מֶען קוֹדֶם לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה אִין נָאךְ דֶעם שֶׁהֶחֱיָינוּ.

(לג) אֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יוּד וָואס אִיז גִיקִימֶען קֵיין חוּץ לָאָרֶץ אִין זֵיין דֵעָה אִיז צוּרִיק צִי גֵיין קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר נִיט מַאכִין קֵיין קִדּוּשׁ דֶעם אַנְדִירִין טָאג יוֹם טוֹב, אִין אַז עֶס גִיפַאלְט זִיךְ אִין שַׁבָּת אִיז עֶר יוֹצֵא מִיט דֶעם קִדּוּשׁ וָואס דֶער בַּעַל הַבַּיִת מַאכְט חָאטְשֵׁי עֶר מַאכְט דֶעם קִדּוּשׁ פוּן יוֹם טוֹב אוֹיךְ.

(לד) וִויא מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צִי מַאכִין קִדּוּשׁ אִין שׁוּל זָאלל מֶען נִיט מְבַטֵּל זֵיין דֶעם מִנְהָג אִין מֶען זָאל גֶעבִּין טְרִינְקִין אֵיין קְלֵיינִים, אִין אִינְדֶערְהֵיים דַארְף עֶר נָאךְ אַמָּאהל צִי מַאכִין קִדּוּשׁ, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין קְלֵיינֶער זָאלל עֶר טְרִינְקֶען אַגַאנְץ רְבִיעִית וויין אִין דֶער הֵיים זָאלל עֶר שׁוֹין נִישְׁט

מאכין

מַאכְּן קֵיין קִידוּשׁ צַאדִין עֶר דַארְף מוֹצִיא זַיין דָאס בְּנֵי בַיִת׃

## שַׁעַר מז דִינִים פּוּן הַבְדָלָה

(א) דֶער סֵדֶר פּוּן הַבְדָלָה אִיז אַזוֹי מֶען גִיסְט אָהן אַכּוֹס וויין עֶס זָאלל אַבִּיסְל אִיבֶּער גֵיין אִין זָאלל נֶעמֶען דָאס כּוֹס אִין דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד אִין דִיא בְּשָׂמִים אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אִין זָאלל זָאגִין הִנֵה אֵל יְשׁוּעָתִי בִּיז אֶקְרָא אִין נָאךְ דֶעם מַאכְט מֶען בּוֹרֵא פְּרִי הַגָפֶן אִין נָאךְ דֶעם נֶעמְט מֶען דִיא בְּשָׂמִים אִין דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד אִין דָאס כּוֹס אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אִין מֶען מַאכְט בּוֹרֵא מִינֵי בְשָׂמִים אִין מֶען שְׁמֶעקְט דִיא בְּשָׂמִים אִין נָאךְ דֶעם לֵייגְט מֶען אַנִידִיר דִיא בְּשָׂמִים אִין מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אוֹיף דֶער הַבְדָלָה אָדִיר אוֹיף דִיא לֶעכְט בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם (בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ) וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין דִיא לֶעכְטִיגְקֵייט פּוּן דֶעם פֵייעֶר, אִין זָאל בַּאקוּקֶען דִיא נֶעגִיל בֵּייא דִיא לֶעכְט אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ (הַמַבְדִיל) וָואס עֶר הָאט אָבְּגִישֵׁייד (בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל) צְוִוישִׁין הֵיילִיג אִין נִישְׁט הֵיילִיג (בֵּין אוֹר לְחוֹשֶׁךְ) צְוִוישִׁין לֶעכְטִיגְקֵייט אִין צְוִוישִׁין פִינְצְטֶערְנִישׁ (בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִים) צְוִוישִׁין יוּדִין אִין צְוִוישִׁין דִיא אַנְדִירֵי פֶעלְקִיר (בֵּין יוֹם הַשְׁבִיעִי) צְוִוישִׁין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג (לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַעֲשֶׂה) צְוִוישִׁין זֶעקְס וָואכִינְדִיגֶע טֶעג בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל׃

(ב) אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין וויין מֶעג עֶר נֶעמִין אַנְדֶערִי מַשְׁקֶה דְהַיְינוּ בִּיעֶר, מֶעהט, בְּרַאנְפִין, אָדִיר נִישְׁט קֵיין וַואסִיר קְוַואס, מִילִיךְ, בָּארְשְׁט, אַז מֶען הָאט גִימַאכְט אוֹיף זֵייא הַבְדָלָה הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהן עֶס אִיז אַבְּרָכָה לְבַטָלָה׃

(ג) אַז מֶען הֶערְט הַבְדָלָה אִין דֶער וָואס זָאגְט אִין דֶער וָואס הֶערְט הָאבִּין זִיךְ מְכַוֵון גִיוֶועהן יוֹצֵא זַיין הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועהן אִין אַז נִיט אִיז אַסָפֵק צִי מֶען הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהן אִין עֶס אִיז בֶּעסִיר מֶען זָאל נָאךְ זָאגִין יְעדִירִים וָוארְט, דֶער עִיקָר הַבְדָלָה

אִיז

אִיז דִיא בְּרָכָה פוּן הַמַבְדִיל בִּיז צוּם סוֹף.

(ד) אַז אֵיינֶער הֶערְט הַבְדָלָה אוּן עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט אַז עֶר וֶועט נִיט הָאבִּין קֵיין וַויין הַבְדָלָה צוּ מַאכִין זָאלל עֶר יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם הֶערִין אוּן אַז עֶר וֶועט הָאבִּין וַויין זָאלל עֶר נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם הֶערִין, אַז עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַויין זָאל עֶר הֶערִין נָאךְ אַמָאהל הַבְדָלָה פוּן אֵיין אַנְדִירִין אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדִירִיר הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהן אוּן אַז עֶר הָאט גִיהַאט וַויין זָאל עֶר לְכַתְּחִילָה הַבְדָלָה מַאכִין אוּן מוֹצִיא זַיין אֵיין אַנְדֶערִין אָדֶיר עֶר זָאל הֶערִין הַבְדָלָה פוּן אֵיין אַנְדִירִין אוּן אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירִיר מֶעג עֶר אוֹיךְ מַאכִין הַבְדָלָה אַפִילוּ עֶר אִיז נִיט מוֹצִיא קֵיין אַנְדֶערִין.

(ה) אַז עֶר אִיז גִישְׁטַאנִין בַּייא דֶער שְׁטִיבּ אוּן הָאט גִיהֶערְט הַבְדָלָה פוּן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט אִין שְׁטִיבּ, אוּן הָאט אִין זִין גִיהַאט יוֹצֵא צוּ זַיין אִיז עֶר נִישְׁט יוֹצֵא צַאדִין דֶער וָואס מַאכְט הַבְדָלָה הָאט מְכַוֵון גִיוֶועהן מוֹצִיא זַיין יֶעדִירִין וָואס עֶר הֶערְט.

(ו) נָשִׁים אִיז אַסְפֵק צוּ זַייא זֶענִין מְחוּיָב הַבְדָלָה צוּ מַאכִין אִיבֶּער דֶעם זָאלל זַיא נִיט מַאכִין אַלֵיין הַבְדָלָה נָאר זַיא זָאלל הֶערִין הַבְדָלָה פוּן אֵיין אַנְדִירִין, אוּן אַז זַיא הָאט נִיט פוּן וֶועמִין צוּ הֶערִין מֶעג זַיא אַלֵיין מַאכִין הַבְדָלָה.

(ז) וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין יוֹצֵא גִיוֶועהן מִיט הַבְדָלָה אַפִילוּ עֶר אַלֵיין הָאט גִימַאכְט הַבְדָלָה מֶעג עֶר מַאכִין הַבְדָלָה פוּן אֵיין אַנְדֶערִינְס וֶועגִין וָואס קָאן אַלֵיין נִישְׁט מַאכִין קֵיין הַבְדָלָה נָאר פוּן וֶועגִין אֵיין אִשָׁה טָאהר עֶר נִיט מַאכִין הַבְדָלָה.

(ח) דָאס כּוֹס פוּן דֶער הַבְדָלָה דַארְף זַיין פוּן אַרְבִיעִית דָאס אִיז אֵיין דְרֵייצֶעהְנְטִיל לִיטֶער אַפִילוּ עֶר מַאכְט הַבְדָלָה אוֹיף בְּרַאנְפִין אוּן עֶר זָאלל טְרִינְקֶען אֵיין רוֹב אוּן לְכַתְּחִילָה זָאלל עֶר טְרִינְקֶען אֵיין גַאנְצִין רְבִיעִית כְּדֵי עֶר זָאלל מַאכֶען אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה.

(ט) מען טאר ניט עסין אדיר טרינקין פון ווען עס ווערט נאכט ביז מען מאכט הבדלה נאר וואסיר מעג מען טרינקען פאר הבדלה נאר אז ער האט אנגיהובין צו עסין פון באטאג מעג ער עסין אין טרינקען פאר דעם בענטשין אבער אז ער האט ניט גיגעסין קיין ברויט נאר פירות אדיר געטרינקען משקה ווען עס ווערט נאכט טאהר מען שוין ניט עסין אין טרינקען מען דארף מאכין אברכה אחרונה אין דאוויגין מעריב אין מאכין הבדלה

(י) אז ער האט גיגעבין פאר הבדלה זאלל ער נאך דעם מאכין הבדלה אין אז ער האט זיך דירמאנט אמיטען דער סעודה זאל ער בענטשין אין מאכין הבדלה, אין אז ער האט זיך דירמאנט נאך דער המוציא אידיר ער האט גיגעסין זאל ער עסין ווייניגער פון אכזית ברויט אין זאל מאכין הבדלה אין זאלל ארוים גייען אין אריין קומען אין מאכין נאך אמאהל המוציא. (א)

(יא) ווער עס האט ניט גידאווינט אדיר ער האט פארגעסין צו זאגין אתה חוננתנו אין דארף אנצינדין אלעכט אדיר איין אנדירע מלאכה טוען פאר דער הבדלה זאל ער זאגין המבדיל אין זאל ניט מזכיר זיין דעם שם ניט פון אנהייב ניט צום סוף אין נאך דעם מעג ער מאכין הבדלה אדיר ער זאל הערין הבדלה.

(יב) אז ער האט קיין הבדלה גימאכט מוצאי שבת זאלל ער מאכין זינטיג אדיר מאנטיג אדיר דינסטיג נאר ער זאל ניט מאכין קיין בורא מאורי האש אין ניט קיין בשמים שמעקין.

(י) אז ער האט ניט אויף וואס צו מאכין הבדלה אז ער קלערט דאס זינטיג וועט ער האבין זאל ער ניט עסין ביז זינטיג נאך הבדלה אין אז ער האט ניט קיין קלעריבין אדיר ער איז אשלאפיר מענטש זאל ער זאגין המבדיל אין זאל ניט מזכיר זיין דעם שם ומלכות אין זאלל מאכין בורא מאורי האש אין אויף דיא בשמים אין מעג עסין תיכף.

(יד) ווער עס האט ניט קיין בשמים אדיר ער האט גישט קיין חוש הריח זאלל ער מאכין הבדלה אן בשמים אין אויף

אטריקונעם

אטריקענעם הדס אדער אויף אכלי וואס שמעקט שיין אז עס איז ניט דא קיין בשמים אין דער כלי זאל ער קיין ברכה מאכין אין מען איז זיך נוהג צו מאכין בורא מיני בשמים אויף אללע מין בשמים עס איז רעכט מען זאל נעמין עטליכע מינים בשמים.

(טו) ווער עס האט קיין וואקסינע הבדלה זאל נעמין צוויי אנדירע לעכט חוץ דיא לעכט וואס זענין אויף דעם טיש אין ווער עס האט ניט נאר איין לעכט מעג אויך מאכין בורא מאורי האש, נאר מען טאהר קיין ברכה מאכין צאדין מען איז נאנט צו דיא לעכט.

(טז) אזוי לעכט וואס אגוי האט עס אנגיצינדין שבת טאר מען קיין ברכה מאכין אויף עס צאדין ער האט עס אנגיצינדין וועגין איין קראנקין אדיר איולדות, אין אז מען האט אנגיצינדין איין לעכט אין מוצאי שבת פון דעם לעכט וואס דער גוי האט עס אנגיצינדין אין שבת מעג מען אברכה מאכין אבער אין מוצאי יום כיפור טאר מען קיין ברכה מאכין אויף עס.

(יז) אויף אלעכט פון דער שיל טאר מען קיין ברכה מאכין אין מוצאי יום כיפור זאלל מען אנצינדין איין לעכט ביא דעם שיל לעכט וואס האט גיברענט פון ערב יום כיפור אין מען זאל אברכה מאכין אויף ביידי.

(יח) אלעכט וואס מען האט אנגיצינדין מיט אשוועבילי אין מוצאי שבת מעג מען אברכה מאכין אין מוצאי יום כיפור טאר מען ניט נאר וויא עס שטייט אין אות י"ז.

(יט) אלאמפ אדיר אלאמטערין אז מען זעהט דעם פלאם מעג מען אברכה מאכין אז מען איז נאנט צו עהם.

---

## שער מח דינים פון קידוש לבנה

(א) נאך דיא זיבען טאג פון דעם מולד אז דיא לבנה איז איז שיין אין עס זעהען זיך אהן דרייא מיטעלי שטערין, גייט מען אויף אזוי ארט וויא דיא לבנה זעהט זיך אין מען שטעלט

זיך

זיך אקעגין מזרח אין מען זאגט הללו את ד' מן השמים ביז ולא יעבור אין נאך דעם זאגט מען דיא ברכה ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם (אשר במאמרו) וואס מיט זיין זאגין (ברא שחקים) האט ער באשאפין דיא הימלען (וברוח פיו) אין מיט דעם ווינט פון זיין מאהל (כל צבאם) אללע זייערי העררשאפטין דאס איז דיא זון מיט דער לבנה מיט דיא מזלות (חוק וזמן) איין גיזעץ מיט איין צייט (נתן להם) האט ער גיגעבין זייא (שלא ישנו) דאס זייא זאלין נישט פאר ענדירין (את תפקידם) זייער באפעהל, זייא מוזין גייען אין דער צייט וואס גאט האט זייא אויס גיזעצט, (ששים ושמחים) זייא טוען זיך פרייען (לעשות רצון קונם) צו טוען דעם ווילען פון זייער באשעפער (פועל אמת גאט איז אפועל אמת (שפעלתו אמת) וואס זיין ווערק איז אמת, ווארין אז אמיינסטער מאכט אזאך דהיינו אטיש ער הייסט ניט קיין אמתדיגער פועל ווארין דאס האלץ פון דעם טיש האט ער ניט גימאכט אבער גאט איז איין אמתדיגער פועל דעם שטאף פון דער זאך האט ער אויך גימאכט, (וללבנה אמר שתתחדש) אין צו דער לבנה האט ער גיזאגט דאס זיא זאלל באנאיט ווערין אללע חודש (עטרת תפארת) דאס איז איין קרוין מיט איין שיינקייט (לעמוסי בטן) צו דיא יודין וואס זענין אנגילאדין מיט מצות פון ווען זייא גייען ארויס אויס דער מוטערס בויך, (שהם עתידים) אין זייא זענין אהנגיבריים (להתחדש כמותה) זייא זאלין באנאיט ווערין אזוי וויא דיא לבנה, ווען משיח וועט קומען (ולפאר ליוצרם) אין זייא זאלין בארימען זייער באשעפער (על שם כבוד מלכותו) אויף דעם נאמן פון זיין כבוד פון זיין מלוכה, ברוך אתה ד' (מחדש חדשים) וואס ער טוט באנייען דיא חדשים.

(ב) מוצאי שבת מעג מען מקדש זיין דיא לבנה אז עס איז נאך דריי מעת לעת פון דעם מולד, נאר די בעלי מקובלים שרייבין דאס מען זאלל נישט מקדש זיין ביז נאך דיא זיבען מעת לעת

פון

פון דעם מולד.

(ג) אז מוצאי שבת קומט אויס אין די צעהן מעת לעת פון דעם מולד זאלל מען נישט מקדש זיין די לבנה ביז מוצאי שבת.

(ד) אז די לבנה איז צוגעדעקט מיט איין דין וואלקענדיל און זיא זעהט זיך ארויס גוט מעג מען זיא מקדש זיין, און אז ער האט אנגעהויבען די ברכה און נאך דעם איז זיא צוגעדעקט געווארען מעג מען פארטיג מאכען די ברכה, נאר אז מען זעהט איידער מען האט אנגעהויבען די ברכה דאס זיא וועט צוגעדעקט ווערען אין מיטען דער ברכה זאלל ער ניט אהנהייבען.

(ה) אז מען שטייט אויף אזוי ארט וואס מען קאן נישט זעהן די לבנה טאהר מען ניט מקדש זיין, און ווער עס שטייט ביי דעם פענסטער און זעט די לבנה מעג ער מקדש זיין נאר אז מען קאן זאלל מען עפענען דאס פענסטער.

(ו) עס איז א מצוה מקדש זיין די לבנה מען זאלל נישט שטייען אונטער איין דאך נאר אז מען קאן אנדערש נישט מעג מען אפילו מען שטייט אונטער א דאך נאר מען זאל זעהן די לבנה.

(ז) פאר תשעה באב און פאר יום כיפור איז מען נישט מקדש די לבנה, און מוצאי יום כיפור איז מען מקדש די לבנה, און נאך תשעה באב אדער איין אנדערן תענית נאך מעריב זאלל מען עפים טועם זיין און נאך דעם מקדש זיין די לבנה, נאר אז קהל איז מקדש די לבנה מעג מען מיט זייא מקדש זיין אפילו מען האט ניט טועם געוועהן כדי מען זאלל מקדש זיין און איינים מיט קהל.

(ח) די נאכט פון שבת אדער יום טוב איז מען ניט מקדש די לבנה צאדין עס וועט קיין צייט זיין נאך דעם מקדש זיין.

(ט) מען זאל ניט מקדש זיין די לבנה פאר מעריב, נאר אז די צייט איז קארץ און מען פארכט זיך נאך מעריב וועט ניט

זיין

זיין קיין לבנה אדיר ער הערט קהל איז מקדש דיא לבנה מעג מען מקדש זיין פאר מעריב.

(י) אז ער האלט אין מיטין מעריב און ער האט דירזעהן דיא לבנה און עס איז קיין צייט מקדש זיין נאר דיא נאכט, און ער פארכט זיך דאס נאך מעריב וועט ניט זיין קיין לבנה זאלל ער פארטיג מאכען דיא פרשה אדער דיא ברכה און זאלל מקדש זיין דיא לבנה נאר ער זאל נישט זאגין נאר דיא ברכה אליין פון קידוש לבנה, און אין מיטען דיא שמונה עשרה טאר מען ניט בשום אופן.

(יא) מען מעג מקדש זיין דיא לבנה ביז פינפצעהן טאג מיט דרייא שעה ווייניגער איין פינפטעל שעה פון דעם מולד נאר עס איז אדעה אז מען מעג ביז דער וועכצינטער נאכט פון דעם מולד און נאך דעם טאהר מען ניט נאר ער זאלל זאגין די ברכה און זאל ניט מזכיר זיין דעם שם ומלכות ניט פון אנהייב און ניט צום סוף, ער זאלל זאגין ברוך אשר במאמרו און זאל אויס לאזין ברוך מחדש חדשים.

(יב) ווער עס קאן אליין ניט מקדש זיין זאל ער אויס הערין פון איין אנדירן און זאל נאך זאגין יעדעס ווארט, און אפילו ווער עס האט שוין מקדש געוועזן מעג זאגין מיט איין אנדירן וואס ער קאן אליין ניט.

(יג) נשים ווענין נישט מקדש דיא לבנה און איין קליינער וואס ער פארשטייט דאס ענין פון קידוש לבנה בדארף מקדש זיין דיא לבנה.

(יד) איין בלינדער דארף אויך מקדש זיין דיא לבנה.

(טו) איין אבל אין דיא ערשטע דרייא טאג זאלל ניט מקדש זיין דיא לבנה צאדין עס וועט גאר קיין צייט זיין נאך דעם מקדש זיין, און דיא איבריגע טעג פון דער שבעה טאר ער אויך ניט מקדש זיין צאדין עס וועט זיך ניט אויס לאזין דיא שבעה ביז עלף טאג פון דעם מולד.

(א) דיא נאכט פאר עֶרֶב פֶּסַח דארף מען בודק חָמֵץ זיין תֵּיכֶף נאך מַעֲרִיב, און פאר בְּדִיקַת חָמֵץ מאכט מען דיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (עַל בִּיעוּר חָמֵץ) מיר זאלין מְבַעֵר זיין דעם חָמֵץ, און נאך דעם זאלל ער בודק חָמֵץ זיין און זאל ניט מַפְסִיק זיין ביז ער מאכט פארטיג דיא בְּדִיקָה און אז ער האט מַפְסִיק געוועהן איידיר ער האט אָהנגעהויבן בודק זיין מיט רייד וואס קערין זיך ניט אהן צו דער בְּדִיקָה דארף ער נאך אַמָאהל אַבְּרָכָה מאכין אָבֶער אז ער האט מַפְסִיק געוועזן נאך דעם ווי ער האט אָנגעהויבן צו זוּכֶען האטשי ער האט נישט געפינען דארף ער ניט מאכין נאך אַמָאהל אַבְּרָכָה,

(ב) אז ער האט אָהנגעהויבן בודק חָמֵץ זיין אהן אַבְּרָכָה מעג ער מאכין דיא בְּרָכָה כָּל זְמַן ער האט ניט פארטיג גימאכט דיא בְּדִיקָה,

(ג) מיט איין בְּרָכָה מעג מען בודק זיין אַסַאךְ שְׁטִיבֶּער, און אז ער וויל מעג ער שיקען איין אַנְדירין בודק זיין און דיא אַנְדירי חֲדָרִים נאר דער שָׁלִיחַ זאל הערין דיא בְּרָכָה פון דעם בַּעַל הַבַּיִת און אז ער האט ניט געהערט זאלל ער נישט גייען בודק זיין,

(ד) אז דער בַּעַל הַבַּיִת איז ניט בודק נאר ער הייסט איין שָׁלִיחַ בודק זיין זאל דער שָׁלִיחַ אַבְּרָכָה מאכין,

(ה) אז דער בַּעַל הַבַּיִת איז ניט אין דער היים זאלל זיין ווייב בודק חָמֵץ זיין מיט אַבְּרָכָה, אָדִיר זיא זאלל הייסין איין אַנְדירין בודק זיין און ער זאל אַבְּרָכָה מאכין,

(ו) איין אִשָּׁה וואס האט קיין מאן איז מְחוּיָב בודק חָמֵץ זיין מיט אַבְּרָכָה אָדִיר זיא זאל הייסין איין אַנְדירין בודק זיין און ער זאל מאכין אַבְּרָכָה אָבֶער אז זיא האט גיהייסן איין אַנְדירי אִשָּׁה בודק זיין זאל זיא קיין בְּרָכָה מאכין,

(ז) האטשי מען האט אוים גירוימט דיא שְׁטִיבּ פון באטאג

און

אִין מֶען הָאט נִיט אַרֵיין גִיבְּרֶענְגְט קֵיין חָמֵץ דַארְף מֶען בּוֹדֵק זֵיין בַּאנַאכְט מִיט אַבְּרָכָה, נָאר מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צִי לֵייגִין צֶעהִין שְׁטִיקְלִיךְ חָמֵץ פַאר בְּדִיקַת חָמֵץ אִין אַז מֶען הָאט נִיט גִילֵייגְט דַארְף מֶען אוֹיךְ בּוֹדֵק חָמֵץ זֵיין.

(ח) דֶער אַפִּיטְרוֹפִּים פִין דִיא יְתוֹמִים אִיז אוֹיךְ מְחוּיָב בּוֹדֵק חָמֵץ זֵיין מִיט אַבְּרָכָה.

(ט) אַז צְוֵויא מֶענְטְשִׁין זִיצֶען אִין אֵיין שְׁטִיבּ וֶועלִיכֶער עֶס אִיז פְּרִיֶער בּוֹדֵק חָמֵץ זָאלל מַאכִין אַבְּרָכָה אִין דֶער אַנְדֶערֶער דַארְף נִיט.

(י) אַז מֶען הָאט נִיט בּוֹדֵק חָמֵץ גִיוֶועהְן דִיא נַאכְט זָאלל מֶען בּוֹדֵק זֵיין בַּאטָאג עֶרֶב פֶּסַח מִיט אַלֶעכְט וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין אות י״ג מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט בּוֹדֵק גִיוֶועהְן עֶרֶב פֶּסַח זָאל עֶר בּוֹדֵק זֵיין אִין פֶּסַח מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט נִיט בּוֹדֵק גִיוֶועהְן פֶּסַח זָאל עֶר בּוֹדֵק זֵיין נָאךְ פֶּסַח אָהְן אַבְּרָכָה.

(יא) אִין שִׁיהל אָדִיר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַארְף דֶער שַׁמָשׁ בּוֹדֵק חָמֵץ זֵיין אִין עֶר זָאלל קוֹדֶם בּוֹדֵק חָמֵץ זֵיין אִין דֶער הֵיים מִיט אַבְּרָכָה אִין זָאל פַּטְרִין מִיט דֶער בְּרָכָה דִיא בְּדִיקָה פִין שִׁיל אָדִיר פִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

(יב) אַז עֶר הָאט גִיפִינִין רֶעכְטִין חָמֵץ אִין פֶּסַח וָואס עֶס אִיז פַארְבְּלִיבִּין פִין פַאר פֶּסַח אַז עֶר הָאט בּוֹדֵק חָמֵץ גִיוֶועהְן פַאר פֶּסַח זָאל עֶר דֶעם חָמֵץ מְבַעֵר זֵיין אָהְן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט בּוֹדֵק חָמֵץ גִיוֶועהְן אָדִיר דֶער חָמֵץ אִיז אִין פֶּסַח גִיוָוארִין זָאל עֶר מְבַעֵר זֵיין אִין אַבְּרָכָה מַאכֶען עַל בִּיעוּר חָמֵץ.

(יג) מֶען דַארְף בּוֹדֵק חָמֵץ זֵיין מִיט אַוַואקְסִין לֶעכְטִיל עֶס זָאל נִיט זֵיין צְוֵוייא אִינְאֵיינִים אִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין וַואקְסִין לֶעכְטִיל זָאל עֶר נֶעמִין אַלֶעכְטִיל פִין שְׁמַאלְץ אִין אַז עֶר הָאט נִיט זָאל עֶר נֶעמִין אַלֶעכְט פִין חֵלֶב, אָבֶער מִיט אַלֶעמְפִּיל מִיט אֵייל אָדִיר מִיט נַאפְט טָאר מֶען נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן.

(יד) אַז עֶר הָאט בּוֹדֵק גִיוֶועהְן דִיא נַאכְט פִין דֶעם דְרֵייצִינְטֶען

טאג

טָאג זָאל עֶר דִיא אַנְדִירֶע נַאכְט בּוֹדֵק זַיין אָן אַבְּרָכָה נָאר אַז עֶר הָאט אַריין גִיבְּרֶענְגְט חָמֵץ אִין דֶער שְׁטִיבּ זָאל עֶר בּוֹדֵק זַיין מִיט אַבְּרָכָה אִין עֶס אִיז רֶעכְט דָאס עֶר זָאל זִיךְ בַּאנִיצִין מִיט חָמֵץ כְּדֵי עֶר זָאל קָאנִין אַבְּרָכָה מַאכִין.

(טז) אַז עֶר גֵייט אַוֶּועק פוּן דֶער הֵיים אִין דִיא דְרֵייסִיג טָאג פַאר פֶּסַח אִין וֶועט נִיט אַהֵיים קוּמֶען פַאר פֶּסַח דַארְף עֶר בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דִיא נַאכְט אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶּועק אִין זָאלל נִיט קַיין בְּרָכָה מַאכִין.

(יז) מֶען דַארְף בּוֹדֵק זַיין אַללֶע עֶרְטֶער וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַריין חָמֵץ אַפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַחְשַׁשׁ טָאמֶער הָאט מֶען אַריין גִיבְּרֶענְגְט חָמֵץ אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין גִיט אִין אַללֶע חֲדָרִים אִין אוֹיךְ דֶעם בּוֹדִים אִיז אִין דֶעם קֶעלִיר וָואס מֶען גֵייט אַרוּם מִיט חָמֵץ, אִין מֶען זָאל זוּכֶען גִיט אִין אַללֶע ווִינְקְלִיךְ נִיט וִויא מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג נָאר צִינוּף נֶעמִין דִיא בְּרֶעקְלִיךְ וָואס מֶען לֵייגְט מִיט דֶעם אִיז מֶען גָאר נִיט יוֹצֵא.

---

## שַׁעַר נ׳ דִינִים פוּן סְפִירָה צֵיילִין

(א) דִיא אַנְדִירֶע נַאכְט פוּן פֶּסַח נָאךְ מַעֲרִב הֵייבְּט מֶען אָן צוּ צֵיילִין סְפִירָה, אִין אַטֵייל זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג צוּ צֵיילִין נָאךְ דֶעם סֵדֶר אַף רֶעכְטִין, אִין דִיא אַנְדִירֶע טֶעג מֶעג מֶען צֵיילִין פַאר מַעֲרִב נָאךְ שְׁטֶערְן שְׁטֵיין.

(ב) אַז עֶר הָאט נִיט גִיצֵיילְט תְּחִלַּת נַאכְט זָאל עֶר צֵיילִין וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט נִיט גִיצֵיילְט בַּאנַאכְט זָאלל עֶר צֵיילִין בַּאטָאג אָן אַבְּרָכָה אִין דִיא אַנְדִירֶע נֶעכְט מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט בַּאטָאג אוֹיךְ נִיט גִיצֵיילְט זָאל עֶר דִיא אַנְדִירֶע נֶעכְט צֵיילִין אָן אַבְּרָכָה נָאר עֶס אִיז גְלֵייךְ עֶר זָאל אוֹיס הֶערִין דִיא בְּרָכָה פוּן דֶעם ש״צ אָדִיר פוּן אֵיין אַנְדִירִין אִין זָאל אִין זִין הָאבִּין יוֹצֵא זַיין

אין

אִין יֶענֶער זָאל אִין זִין הָאבִּין מוֹצִיא זַיין.

(ג) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ עֶר הָאט גִיצֵיילְט אִין עֶס אִיז שׁוֹין דָארִיךְ דֶער גַאנְצֶער טָאג זָאל עֶר צֵיילִין דִיא אַנְדֶרֶע נַאכְט מִיט אַבְּרָכָה.

(ד) אַז עֶר צֵיילְט אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ אִין פַארְשְׁטֵייט נִיט וָואס עֶר זָאגְט אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא עֶר מִיז צֵיילִין אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט, אִיבֶּער דֶעם אִיז יֶעדִירִיר מְחוּיָב צוּ לֶערְנִין דִיא טֵייטְשׁ פוּן דֶעם צֵיילִין דִיא טֵייטְשׁ אִיז אַזוֹי (יוֹם אֶחָד) אֵיין טָאג (שְׁנֵי יָמִים) צְוֵוייא טֶעג (שְׁלֹשָׁה יָמִים) דְרֵייא טֶעג (אַרְבָּעָה) פִיעֶר (חֲמִשָּׁה) פִינֶעף, (שִׁשָּׁה) זֶעקְס, (שִׁבְעָה) זִיבְּעֶן, (שְׁמוֹנָה) אַכְט, (תִּשְׁעָה) נַאהִין, (עֲשָׂרָה) צֶעהִין, (אַחַד עָשָׂר) עֶלִיף, (שְׁנֵים עָשָׂר) צְוֶועלִיף, (שְׁלֹשָׁה עָשָׂר) דְרֵייצִין, (אַרְבָּעָה עָשָׂר) פֶערְצִין, (חֲמִשָּׁה עָשָׂר) פִיפְצֶען, (שִׁשָּׁה עָשָׂר) זֶעכְצִין, (שִׁבְעָה עָשָׂר) זִיבְּעצִין, (שְׁמוֹנָה עָשָׂר) אַכְצִין (תִּשְׁעָה עָשָׂר) נַאהִנְצִין, (עֶשְׂרִים) צְוָואוּונְצִיג, (אֶחָד וְעֶשְׂרִים) אֵיינְעם צְוָואנְצִיג, (שְׁלוֹשִׁים) דְרֵייסִיג, (אַרְבָּעִים) פֶערְצִיג (שֶׁהֵם שָׁבוּעַ אֶחָד) וָואס זֵייא זֶענִין אֵיין וָואךְ (שֶׁהֵם שְׁנֵי שָׁבוּעוֹת וָואס זֵייא זֶענִין צְוֵוייא וָואכִין) (שֶׁהֵם שְׁלֹשָׁה שָׁבוּעוֹת וָואס זֵייא זֶענִין דְרֵייא וָואכִין).

(ה) אַז עֶר הָאט נִיט גִיצֵיילְט נָאר דִיא טֶעג אַלֵיין דְהַיְינוּ דֶעם אַכְטִין טָאג הָאט עֶר גִיזָאגְט הַיּוֹם שְׁמוֹנָה יָמִים אִין הָאט נִיט גִיזָאגְט שֶׁהֵם שָׁבוּעַ אֶחָד וְיוֹם אֶחָד אָדִיר עֶר הָאט נִישְׁט גִיזָאגְט הַיּוֹם שְׁמוֹנָה יָמִים נָאר הַיּוֹם שָׁבוּעַ אֶחָד וְיוֹם אֶחָד אָדִיר דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג הָאט עֶר גִיזָאגְט הַיּוֹם שָׁבוּעַ אֶחָד זָאלל עֶר צֵיילִין סְפִירָה נָאךְ אַמָאהל אָן אַבְּרָכָה.

(ו) מֶען טָאהֶר נִיט צֵיילִין סְפִירָה בִּיז שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן אִין אַז עֶר הָאט גִיצֵיילְט פְרִיעֶר אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועןַ קֵיין אַכְט צֶעהִין מִינוּט בִּיז שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועןַ נָאר עֶר זָאלל נָאךְ אַמָאל צֵיילִין אָן אַבְּרָכָה וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט.

(ז) אַז מֶען הָאט עֶס גִיפְרֶעגְט וְויפִיל אִיז אִין דֶער סְפִירָה, אִין עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיצֵיילְט סְפִירָה זָאל עֶר זָאגִין נֶעכְטִין אִיז

גיוועןַ

גיוועז אזויפיל אין אז ער האט געזאגט וויפיל האנט איז אז ער האט ניט געזאגט האנט אדיר היום מעג ער ציילין מיט אברכה אין אז ער האט געזאגט היום זאל ער ציילין אן אברכה צאדין ער האט אין זין געהאט דאס ער זאל ניט יוצא זיין מיט דעם מעג ער ציילין מיט אברכה.

(ה) מען זאל ניט מאכין אברכה ביז ער ווייסט וויפיל עס איז אין דער ספירה אין אז ער האט ניט געוויסט בשעת ברכה האט ער יוצא געוועז.

(ט) אז ער האט געשריבען דיא ספירה אין האט ניט געציילט מיט דעם מאהל האט ער ניט יוצא געוועהן.

(י) אז ער האט ניט גיט געציילט דיא ספירה אז ער האט נאך ניט מפסיק געוועז מיט אנדירע ווערטיר זאל ער ציילין דיא ספירה אן אברכה אבער אז ער האט שוין מפסיק געוועז אפילו ער האט געזאגט הרחמן הוא יחזיר לנו אין האט זיך דירמאנט אז ער האט זיך טועה געוועז דארף ער נאך אמאל אברכה מאכין

(יא) איין אונז איידיר מען האט דעם מת באהאלטין טאר קיין ברכה מאכין נאר ער זאל ציילין אן אברכה איז די אנדירי נעכט זאל ער ציילין מיט אברכה.

(יב) נשים דארפין ניט ציילין קיין ספירה נאר אז זיי ווילען מעגין זייא ציילין מיט אברכה נאר אז זיא האט איין מאהל אנאנכין טאג פארפעלט טאר זיא שוין ניט ציילין מיט אברכה.

(יג) איין קליינער וואס ער פארשטייט דאס ענין פון ספירה ציילין דארף שוין אויך ציילין ספירה.

(יד) ווער עס איז שכור אז ער איז ניט שטרק שכור מעג ער ציילין ספירה אבער אז ער איז שטארק שכור זאל ער ניט ציילין ביז ער ניכטערט זיך אוים.

## שער נא דינים פון שופר בלאזין

(א) פאר שופר בלאזין מאכט מען אברכה ברוך אתה ביז העולם

העולם לשמוע קול שופר, דאָס איז טייטש, צו הערין דאָס קול פֿין דעם שופר, אין נאָך דעם מאַכט מען שהחינו אין דער וואָס בּלאָזט זאָל מכוין זיין מוציא צו זיין אין זיי זאָלין מכוין זיין יוצא זיין אין זאָלין נאָך זאָגין אָמן, אין זאָלין ניט זאָגין בּרוך הוא וברוך שמו, אין נאָך דעם טאָר מען ניט מפסיק זיין צו שמועסין אפילו אויף לשון קודש בּיז נאָך אַלֶע תּקיעות פֿין דער הזכיר שמונה עשרה, אין אַז דער בּעל תוקע האָט מפסיק געווען איידיר ער האָט אָנגיהויבּין צו בּלאָזין אפילו מיט איין וואָרט וואָס קער זיך נישט אָהן צו דעם בּלאָזין דאַרף ער נאָך אַמאָהל מאַכין די בּרכות אין לכתחילה זאָלל ער מאַכין די בּרכות הויך אין די וואָס הערין זאָלין מכוין זיין יוצא זיין נאָר אַז ער האָט גימאַכט שטיל אָדיר זיי האָבּין ניט מכוין גיוועהן יוצא צו זיין בּרויך מען נישט נאָך אַמאָהל צו מאַכין די בּרכות אין אַז ער האָט שוין פֿין פֿריער יוצא גיוועהן מיט די תקיעות ער בּלאָזט יעצט נאָר מוציא זיין אַנדירי אין זיי האָבּין ניט מפסיק גיוועהן נאָר דער בּעל תוקע דאַרף מען אויך ניט מאַכין קיין אַנדירי בּרכה אין אַז איינער פֿין די וואָס הערין האָט מפסיק גיוועהן איידיר ער האָט גיהערט די ערשטי תקיעה דאַרף ער מאַכין די בּרכות אַליין צו שטיל, אין אַז נאָך דעם ווייא מען האָט שוין גיבּלאָזין אפילו איין תקיעה האָט מען מפסיק גיוועהן סאַי דער בּעל תוקע סאַי די וואָס הערין, דאַרף מען נישט מאַכין נאָך אַמאָהל אַבּרכה.

(ב) אַז ער האָט גימאַכט די בּרכות אין קאָן ניט בּלאָזין זאָלל איין אַנדירער בּלאָזין אָהן אַבּרכה, אין אַז דער ערשטיר האָט שוין אַבּיסל גיבּלאָזין זאָלל דער אַנדירער אָהנגהייבּין וויא דער ערשטער איז גיבּליבּען, אין אַז דער אַנדערער האָט נישט געהערט די בּרכות זאָלל ער מאַכען די בּרכות שטיל אין אַז דער אַנדירער האָט שוין יוצא גיוועהן מיט די תקיעות פֿין פֿריער דאַרף ער קיין בּרכה מאַכען, אין אַז דער אַנדערער

האאט

הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶעם אָהנְהֵייבּ פֿוּן דִיא תְּקִיעוֹת אִין הָאט נָאךְ נִישְׁט יוֹצֵא גִיוֶועהן זָאלל עֶר אָהנְהֵייבִּין פֿוּן אָהנְהֵייבּ דִיא תְּקִיעוֹת.

(ג) דֶער וָואס בְּלָאזְט דַארְף מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין אַז עֶר קָאן נִישְׁט גִיט מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין דֶער אַנְדֶערֶער קָאן מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין קָאן נִישְׁט גִיט בְּלָאזִין זָאלל אֵיינֶער מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין דֶער אַנְדִירִיר זָאל בְּלָאזִין.

(ד) וֶוער עֶס אִיז גִיקוּמִין אִין שׁוּל נָאךְ דֶעם וִויא דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ הָאט שׁוֹין גִימַאכְט דִיא בְּרָכוֹת אֵיידִיר עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בְּלָאזִין שׁוֹפָר זָאלל עֶר אַלֵיין מַאכִין דִיא צְוֵייא בְּרָכוֹת צוּ שְׁטִיל אִין אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט שֶׁהֶחֱיָנוּ נָאר דִיא עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה נִיט זָאלל עֶר מַאכִין נָאר דִיא עֶרְשְׁטִי בְּרָכָה, אִין אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶין וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בְּלָאזִין זָאלל עֶר שׁוֹין נִישְׁט מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין זָאלל אוֹיס הֶערִין גִיט אַלֶע תְּקִיעוֹת פֿוּן דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין זָאלל דֶעמָאלְט מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט אַלֶע תְּקִיעוֹת זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל בְּלָאזִין נָאךְ דֶעם דַאוִונִין אָהן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט עֶר זָאל נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דִיא תְּקִיעוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט זָאל עֶר נָאךְ דֶעם דַאוִונִין מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין בְּלָאזִין אַלֶע תְּקִיעוֹת.

(ה) מֶען מֶעג נֶעמִין דֶעם אַנְדֶערִינְס שׁוֹפָר אָהן זַיין יְדִיעָה אִין אַבְּרָכָה מַאכִין אִין בְּלָאזִין נָאר אַז עֶר אִיז מַקְפִּיד טָאהר מֶען נִישְׁט.

(ו) אַז מֶען הָאט גִיגַאזִילְט אָדִיר גִיגַאנְבִיט אַשׁוֹפָר טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אָבֶּער מִיט דִיא תְּקִיעוֹת אִיז מֶען יוֹצֵא, אִין אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז אוֹיךְ יוֹצֵא מִיט דִיא תְּקִיעוֹת מֶעג עֶר אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז עֶר הָאט גִיגֶעבִּין דֶעם שׁוֹפָר פֿיר אֵיין אַנְדִירִין בְּמַתָּנָה אָדִיר עֶר הָאט עֶהם פֿאַרְקוֹיפְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ מְיָאֵשׁ גִיוֶועהן אֵיידֶער עֶר הָאט אִיהם גִישֶׁענְקְט אָדִיר פַארְקוֹיפְט מֶעג מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ז) אז דער שופר איז גילעכירט אדיר גישפאלטן טאהר מען ניט בלאזן מען מיז אשאלה פרעגן.

(ח) אז עס איז נישט דא קיין שופר מעג מען הייסן אגוי ער זאלל גייען ברענגן אשופר פון איין אנדיר דארף חאטשי עס איז מעהר פון אתחום שבת, נאר מען טאהר נישט ארויס טראגן דעם שופר אוים דעם בית המדרש אדיר אוים דער שטיב צאדין עס איז דא איין עירוב אין דער שטאט.

(ט) דיא צייט פון שופר בלאזן איז אגאנצין טאג פון ווען דיא זון הייבט אהן צו שיינען און אז מען האט גיבלאזין פון ווען אהן עס איז נאר טאג גיווארען האט מען יוצא גיוועהן ביז אבעקן מיט פאר שטערין שטייען און אז עס איז שוין נישט דא קיין אבעקן מיט ביז נאכט זאלל מען בלאזין אהן אברכה און נאך שטערין שטייען טאהר מען ניט בלאזין.

(י) ווער עס האט שוין יוצא גיוועהן מיט דיא תקיעות מעג בלאזן פון איין אנדירנס וועגין, און אז דער אנדירער קאן זאלל ער אליין מאכין דיא ברכות און אז ער קאן נישט זאלל דער בעל תוקע מאכין דיא ברכות נאר פון וועגין איין אשה טאהר מען נישט מאכין דיא ברכות נאר אז זיא קאן מעג זיא אליין מאכין דיא ברכות און אז נישט זאלל מען בלאזען אהן דיא ברכות.

(יא) אז ער איז מסופק צו ער האט יוצא גיוועהן מיט דיא תקיעות דעם ערשטין טאג זאלל ער בלאזין אהן אברכה, און דעם אנדירין טאג ברויך ער ניט בלאזין.

(יב) נשים וועגין פטור פון תקיעת שופר און אז זיא ווילען מעגין זייא בלאזין און אברכה מאכין נאר זיא קאן ניט מוציא זיין איין מאנזביל.

(יג) איין טויבער איז פטור פון תקיעת שופר און אז ער בלאזט איז קיין אנדירער ניט יוצא מיט זיין בלאזין נאר אז ער קען ניט רעדין און הערט דאס קול פון שופר איז ער מחויב מיט

תקיעת

תקיעת שופר און קאן מוציא זיין אין אנדירן מיט זיין בלאזן.

(יד) איין בלינדיר איז חייב אין תקיעת שופר און קאן מוציא זיין אין אנדירן מיט זיין בלאזן נאר אז עס איז דא איין אנדירער וואס ער קאן זאל* אבער תוקע זאל דער בלינדיר ניט זיין קיין בעל תוקע צאדין ער האט אחזקה ער זאלי זאן אבער תוקע זאל מען איהם ניט מסלק זאן.

(טו) אז ער קאן ניט בלאזן מיט דעם שופר אז ער האלט אמיטען די תקיעות מעג ער זאגין אז שופר ויהי נועם אדיר ער מעג גייען אין איין אנדיר חדר נעמין איין אנדירין שופר אבער אז ער האט נאך ניט געמאכט ניט איין תקיעה נאך די ברכות מאר ער ניט זאגין ויהי נועם און ניט גייען אין איין אנדיר חדר נעמין איין אנדירין שופר נאר ער זאל געבין דעם שופר איין אנדירין וואס ער קאן בלאזן.

## שער נב דינים פון סוכות

(א) די ערשטי טעג סוכות דארף מען בענטשין לעכט אין סוכה און זיא זאלל מאכין שהחיינו בשעת לעכט בענטשין אבער ניט די ברכה לישב בסוכה, די אנדערע דינים פון לעכט בענטשין שטייען אין שער מ"ה.

(ב) די ערשטי נאכט פון סוכות זאלל ער מאכין קידוש אין סוכה ווען עס איז זיכער נאכט און מען מאהר ניט עסין ערב סוכות פון מיטאג קיין ברויט דער סדר פון קידוש שטייט אין שער מ"ו, לישב בסוכה איז טייטש, מען זאלל זיך זאמין אין סוכה, און אז ער האט געמאכט קידוש אין שטיב זאלל ער מאכין שהחיינו אין ניט לישב בסוכה, און נאך דעם ווען ער עסט דאס ערשטי מאהל אין סוכה זאלל ער מאכין שהחיינו אויך נאר עס איז דא דעות אז אין חוץ לארץ וויל מען מאכט די אנדערי נאכט אשהחיינו זאל מען ניט מאכין אשהחיינו אז מען עסט דעם ערשטין טאג אין דער סוכה צאדין אז מען האט

די

---
* קאן זאן

דיא אנדערי זאגט אויך ניט גימאכט אשהחינו זאלל מען דער נאך מאכין דאס ערשטי מאהל אז מען עסט אין דער סוכה אשהחינו.

(ג) אז עס רעגינט אין סוכה וואס ווען עס זאל אזוי רעגינן אין שטוב וואלט ער ארויס אויס דער שטוב אין איין אנדירי שטוב דארף ער נישט עסין אין סוכה ער מעג עסין אין שטוב, אין אז ער עסט אין סוכה מאהר ער ניט מאכין לישב בסוכה, נאר דיא ערשטי נאכט פון סוכות האטשי עס רעגינט איז מען מחויב צו מאכין קידוש אין מאכין שהחינו אין עסין אכזית ברויט אין סוכה אין מען זאלל ניט מאכין לישב בסוכה אין די איבריגע סעודה מעג ער עסין אין שטוב אז עס רעגינט אין סוכה, אין זאלל בענטשין אין שטוב, אין דיא אנדירי זאגט אז עס רעגינט אין סוכה זאלל מען קידוש מאכין אין עסין אין שטוב, אין סוף דער סעודה זאלל ער גיין אין סוכה אין עסין אכזית ברויט אין נישט מאכין לישב בסוכה אז עס האט ניט אויף גיהערט צו רעגינן אין זאלל אריין אין שטוב בענטשין אין אז עס האט אויף גיהערט צו רעגינן זאלל ער אין דער סוכה מאכין לישב בסוכה אין זאל עסין ברויט גרעסיר וויא איין איי אין זאלל דארט בענטשין אין אז מען זעהט אז עס וועט אויף הערין צו רעגינן אין אשעה אדיר אין צווייא שעה ברויך מען צו ווארטין דיא צווייא שעה נאר מעהר ברויך ער נישט צו ווארטין אז ער איז זיך מצער מיט דעם ווארטין אין אז ער קאן גיין אין איין אנדירי סוכה וויא עס איז דא אשלאק אין זאל דארטין עסין דיא גאנצי סעודה זאל ער גיין אין זאל מאכין לישב בסוכה.

(ד) אז עס האט גירעגינט אין האט גיגעסין אין שטוב אין מיטין דער סעודה האט אויף גיהערט צו רעגינן דארף ער ניט גיין אין סוכה אין אז ער איז גיגאנגין אין מאכט דארט פארטיג דיא סעודה זאלל ער מאכין לישב בסוכה אין זאל עסין ברויט

מֶעהר וויא איין אֵיי גְרוֹים.

(ה) אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אִין סוּכָּה אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגְנֶען אוּן אִיז אַרַיין אִין שְׁטִיבּ אוּן נָאךְ דֶעם הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעגְנֶען בַּארְף עֶר נִישְׁט גֵיין צוּרִיק אִין סוּכָּה אוּן אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק אִין סוּכָּה אוּן וִויל נָאךְ עֶסְן בַּארְף עֶר מַאכְן נָאךְ אַמָאהל לֵישֵׁב בַּסוּכָּה אַז עֶר עֶסְט בְּרוֹיט גְרֶעסֶער וִויא אֵיין אֵיי אָבֶּער אַז עֶר אִיז גֶעוֶעסְן אִין סוּכָּה נָאר עֶר הָאט צוּ גֶעמַאכְט דֶעם שְׁלָאף אוּן נָאךְ דֶעם הָאט עֶר אוֹיפְגֶעמַאכְט בַּארְף עֶר נִיט מַאכְן נָאךְ אַמָאהל לֵישֵׁב בַּסוּכָּה.

(ו) אַז דֶער רֶעגְן הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט נָאר עֶס רִינְט אַרָאפּ פוּן דֶעם סְכָךְ אָדֶער עֶס אִיז אַבְּלָאטֶע (אַמַאראַסְט) אִין דֶער סוּכָּה אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִצְטַעֵר צוּ עֶסְן אִין דֶער סוּכָּה מֶעג עֶר עֶסְן אִין שְׁטִיבּ נָאר אַז עֶס אִיז דָא נָאנְט אֵיין סוּכָּה מִיט אַשְׁלָאק אִיז עֶר מְחוּיָב צוּ גֵיין עֶסְן אִין יֶענֶער סוּכָּה אוּן מַאכְן לֵישֵׁב בַּסוּכָּה.

(ז) אַז עֶר אִיז זִיךְ מִצְטַעֵר צוּ עֶסְן אִין סוּכָּה מֵחֲמַת עֶס אִיז קַאלְט אוּן דִיא פֶעטֵי מַאכָלִים וֶוערְין פַארְגַלִיוֶוערְט, אָדֶער מֵחֲמַת עֶס אִיז דָא פְלִיגֶען, אָדֶער מֵחֲמַת עֶס אִיז עֶהם שְׁטַארְק קַאלְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִיט וָואס אָהן צוּטְהוּן מֶעג עֶר עֶסְן אִין אִין שְׁטִיבּ, אִין דִיא עֶרְשְׁטֵי צְוֵויא נֶעכְט יוֹם טוֹב זָאלְל מֶען זִיךְ מַחְמִיר זַיין אַזוֹי וִויא עֶס רֶעגְנְט אִין דִיא עֶרְשְׁטֵי צְוֵויא נֶעכְט יוֹם טוֹב וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ג׳.

(ח) אַז דִיא לֶעבְּט הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאשְׁן אִין סוּכָּה בְּרַאטִיג צוּ נַאכְט, מֶעג עֶר עֶסְן אִין שְׁטִיבּ אוּן אַז עֶר קָאן גֵיין אִין אֵיין אַנְדֶערֶער סוּכָּה עֶס אִיז עֶהם נִיט קֵיין גְרוֹיסֵי טִירְחָה בַּארְף עֶר גֵיין, אוּן עֶר מֶעג הֵייסְן אַגוֹי עֶר זָאלְל אַרַיין טְרָאגֶען דִיא לֶעכְט פוּן דֶער שְׁטִיבּ אִין סוּכָּה.

(ט) בֵּייא דֶעם קִידוּשׁ פוּן בַּאטָאג אַז עֶר גֵייט תֵּיכֶף עֶסְן זָאל עֶר נִיט מַאכְן לֵישֵׁב בַּסוּכָּה נָאר נָאךְ דֶער הַמּוֹצִיא אוּן אַז

עֶר

ער גייט נישט תיכף עסן און האט צו פארבאסן געבעקס פון די פינעף מיני דגן מעהר ווי א איין הויגרין איי זאלל ער מאכן לישב בסוכה פאר דעם קידוש טרינקן און אז ער האט נישט אזוי פיל געבעקס נאר אבנות זאלל ער נט מאכן לישב בסוכה בשעת קידוש.

(י) ווען מען מאכט נט קידוש אדיר מען האט נט געמאכט לישב בסוכה בשעת קידוש זאלל מען מאכן די ברכה לישב בסוכה נאך דער המוציא פאר דעם עסן און אז ער האט געמאכט פאר דער המוציא האט ער יוצא געוועהן, און אז ער האט נט געמאכט פאר דעם עסן זאלל ער מאכן ווען ער האט זיך דער מאנט אז ער האט נאך צו עסן, און אפילו ער האט שוין פארטיג געמאכט די סעודה זאל ער מאכן לישב בסוכה און זאל עסן אבנות ברויט.

(יא) אז ער וויל עסן ברויט וואס מען מאכט המוציא מעהר ווי א איין הויגרין איי מוז ער עסן אין סוכה און מאכן לישב בסוכה און אז ער וויל עסן ווייניגער דארף ער נט עסן אין סוכה און אז ער עסט אין סוכה זאלל ער נט מאכן לישב בסוכה נאר די ערשטע נאכט אפילו ער עסט נאר אבנות מאכט ער לישב בסוכה.

(יב) פירות מעג מען עסן אין שטיב נאר דער וואס איז מהמיר צו עסן אין סוכה זאל אויף עס קומן א ברכה נאר ער זאל נט מאכן לישב בסוכה.

(יג) געבעקס וואס מען מאכט מזונות אדיר געקעכן פון מעל שפייז וואס מען מאכט מזונות אז ער עסט מער ווי א איין איי דארף ער עסן אין סוכה און נט מאכן לישב בסוכה, און אז ער האט קובע סעודה געוועזן אויף דעם דארף ער מאכן לישב בסוכה.

(יד) פלייש אדיר פישה אדיר אנדיר געקעכן אדיר מאלאיען ברויט אז ער האט זיך קובע סעודה געוועזן און עסט

מֶעהר וִויא אֵיין אֵיי דַארְף עֶר עֶסִין אִין סֻכָּה אוּן זָאלל נִישְׁט מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה נָאר עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל זִיךְ וַואשִׁין צוּ בְּרוֹיט אוּן מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אוּן אַז עֶר עֶסְט נִיט אַגַאנְצִין טָאג קֵיין בְּרוֹיט וָואס מֶען מַאכְט הַמּוֹצִיא זָאלל עֶר מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט קוֹבֵעַ סְעוּדָה גִיוֶועהן.

(טו) וַואסִיר מֶעג מֶען טְרִינְקִין אִין שְׁטִיבּ נָאר וֶוער עֶס אִיז מַחְמִיר נִיט צוּ טְרִינְקִין נָאר אִין סֻכָּה דֶער אִיז גִילוֹיבְּט נָאר עֶר זָאל נִיט מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה.

(טז) אַז עֶטְלִיכֶע מֶענְטשִׁין הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעצְט טְרִינְקֶען מַשְׁקֶה אִינְאֵיינִים אִיז אַסָפֵק צוּ זֵייא זָאלִין מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען זִיךְ וַואשִׁין צוּ בְּרוֹיט אוּן מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אוּן עֶסִין מֶער וִויא אֵיין אֵיי, הָאטְשֵׁי אֵיינִיר פוּן זֵייא זָאל זִיךְ וַואשִׁין אוּן זָאל מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה הַמּוֹצִיא אוּן זָאלִין מְכַוֵּון זַיין אַלֶע זֵייא זָאלִין יוֹצֵא זַיין.

(יז) וֶוער עֶס זִיצְט אַגַאנְצִין טָאג אִין סֻכָּה אַפִילוּ עֶר גֵייט אַרוֹיס אַז זַיין דֵעה אִיז תֵּיכֶף צוּרִיק קוּמֶען אִין סֻכָּה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין נָאר אֵיין מָאל לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אַפִילוּ עֶר הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט אוּן אַצַייט אַרוֹיס הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאל גִיוַואשִׁין צוּ אֵיין אַנְדֵירִיר סְעוּדָה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה נָאר אַז עֶר אִיז גִיגַאנְגִין דַאוֵינִין דַארְף עֶר נָאךְ דֶעם נָאךְ אַמָאהל מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אַז עֶר וִויל עֶסִין.

(יח) אַז עֶר אִיז גִיגַאנְגִין אִמִיטִין דֶער סְעוּדָה אִין אֵיין אַנְדֵירִיר סֻכָּה אוּן וִויל דָארְטִין עֶסִין דַארְף עֶר מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אוּן זָאל עֶסִין מֶער פוּן אֵיין אֵיי בְּרוֹיט.

(יט) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ עֶר הָאט גִימַאכְט לֵישֵׁב בְּסֻכָּה זָאל עֶר נִיט מַאכִין לֵישֵׁב בְּסֻכָּה.

(כ) נָשִׁים זֶענִין פָּטוּר פוּן סֻכָּה אוּן אַז זֵייא וִויל עֶסִין אִין סֻכָּה מֶעג זֵייא מַאכִין דִיא בְּרָכָה לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אוּן אֵיין אַנְדֵירִיר טָאר נִיט מַאכִין פַאר זֵייא לֵישֵׁב בְּסֻכָּה אַז עֶר הָאט שׁוֹין יוֹצֵא

גִיוֶועֶהן דְהַיְינוּ אַז עֶר מַאכְט פַּיר זַייא קִידוּשׁ זָאל עֶר נִיט מַאכֶין לֵישֵׁב בַּסוּכָּה ׃

(כא) אַיין קְרַאנְקֶיר אִיז פָּטוּר פוּן סוּכָּה אֲפִילוּ עֶר אִיז נִיט שְׁטַארְק קְרַאנְק נָאר דֶער קָאפּ אָדֶיר דִיא אוֹיגֶען טְהוּעֶן עֶס זַייא אֲפִילוּ וֵוינִיג בַּאדַיינֶער וֶוערֶן אוֹיךְ פָּטוּר וֶוען עֶר בְּרוּיךְ זַייא זָאלֶין אִיהְם בַּאדִינֶען אָבֶּער אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק קְרַאנְק וָואס עֶס אִיז אַסַכָּנָה וֶוערֶן דִיא בַּאדִינֶער פָּטוּר אֲפִילוּ וֶוען עֶר בְּרוּיךְ זַייא נִיט צוּ הָאבֶין עֶר הָאט גִינוּג אֵיינֶים צוּם בַּאדִינֶען אִיז נָאר אֵיינֶער פָּטוּר ׃

(כב) אַשְׁלִיחַ מִצְוָה אִיז פָּטוּר פוּן סוּכָּה אִין עֶר טָאר נִיט מַתְמִיד זַיין צוּ הָאבֶין עֶר קָאן עֶסֶין אִין סוּכָּה אָן אַטִירְחָה אִין עֶר וֶועט נָאר נִיט מְבַטֵּל זַיין פוּן דֶער מִצְוָה דַארְף עֶר עֶסֶין אִין סוּכָּה אִין מַאכֶין לֵישֵׁב בַּסוּכָּה ׃

(כג) וֶוער עֶס גֵייט אִין וֶועג בַּאטָאג אִיז פָּטוּר פוּן סוּכָּה בַּאטָאג צוּ הָאבֶין עֶר קֶען עֶסֶין אִין סוּכָּה אָן אַטִירְחָה אִין אִיז חַיָיב בַּאנַאכְט אִין וֶוער עֶס גֵייט בַּאנַאכְט אִיז פָּטוּר בַּאנַאכְט אִין אִיז חַיָיב בַּאטָאג אִין וֶוער עֶס אִיז מַתְמִיד צוּ עֶסֶין אִין סוּכָּה אִיז גִילוֹיבְּט אִין זָאל מַאכֶין לֵישֵׁב בַּסוּכָּה ׃

(כד) אַסְעוּדָה פוּן אַבְּרִית מִילָה אָדֶיר אֵיין אַנְדֶירֶע סְעוּדָה דַארְף מֶען עֶסֶין אִין סוּכָּה ׃

(כה) אַבְּלִיגֶער פוּן פִינֶעף וֶוערְס יָאהר דַארְף עֶסֶין אִין סוּכָּה אִין מַאכֶין לֵישֵׁב בַּסוּכָּה ׃

(כו) מֶען זָאל נִיט גֵייעֶן עֶסֶין אִין אֵיין אַנְדֶירֶינְס סוּכָּה אָן זַיין יְדִיעָה אִין אַז עֶר אִיז גִיגַאנְגֶין מֶעג עֶר מַאכֶין לֵישֵׁב בַּסוּכָּה צוּ הָאבֶין אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז מַקְפִּיד טָאר מֶען נִישְׁט גֵייעֶן אִין נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכֶין ׃

(כז) מֶען זָאל נִיט מַאכֶין אַסוּכָּה אוֹיף אַנַאנְדֶירֶינְס פְּלַאץ אָן זַיין יְדִיעָה אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט טָאר עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכֶין בִּיז עֶר נֶעמְט רְשׁוּת פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת ׃

(כח) מֶען טָאהר נִישְׁט מַאכִין דִיזֶע סוּכָּה אוֹיף דֶער גַאס אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט טָאהר עֶר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין מֶען נֶעמְט רְשׁוּת פֿוּן דֶעם שְׂרָרָה פֿוּן דֶער שְׁטָאט, אִין דִיא זַאטִין פֿוּן דֶעם שְׁטְרָאז הָאט אוֹיךְ דֶעם דִין פֿוּן דֶער גַאס נָאר לְעֶרֶךְ דְרַיי וִוינֶער אֵיילִין וָואס זֶענִין פַאר דֶער שְׁטִיבּ דָאס אִיז זַיין מֶעג מֶען מַאכִין דָארְט אַסוּכָּה.

(כט) אַז עֶר הָאט צוּגִידֶעקְט דִיא סוּכָּה מִיט סְכָךְ פֿוּן גָזֵל אַז זַיין דֵעָה אִיז צוּ בַּאצָאהלִין דִיא וֶוערְט פֿוּן דֶעם סְכָךְ הָאט עֶר יוֹצֵא גִיוֶועהְן אִין אַז נִישְׁט אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא אִין טָאהר קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, אִין עֶר זָאלל נִזְהָר זַיין לְכַתְּחִילָּה אַז עֶר זָאלל נִיט אַלֵיין אָפְּשְׁנַיידִין דֶעם סְכָךְ פֿוּן גוֹיאִישֶׁע פֶעלְדִיר אֲפִילוּ מִיט דֶעם גוֹי׳ס רְשׁוּת נָאר אֵיין אַנְדֶערִיר וָואס עֶר וֶועט נִיט זִיצִין אִין דֶער סוּכָּה אָדִיר דֶער גוֹי זָאלל אָבְּשְׁנַיידִין דֶעם סְכָךְ אִין זָאלל בַּייא אִיהם קוֹיפִין, אִין אַז דֶער גוֹי הָאט דָאס פֶעלְד פֿוּן דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער גוֹי גִיט עֶהם רְשׁוּת מֶעג עֶר אַלֵיין אָפְּשְׁנַיידִין אִין בְּדִיעֲבַד אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁנִיטִין מִיט דֶעם גוֹי׳ס רְשׁוּת אִיז עֶר אוֹיף אַלֶע פֶעלל יוֹצֵא.

(ל) עֶר זָאלל נִישְׁט מַאכִין דִיא סוּכָּה אִינְטֶער אֵיין בּוֹים אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט זָאלל עֶר פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה.

(לא) מֶען זָאלל נִישְׁט מַאכִין דִיא סוּכָּה אִינְטֶער אֵיין דַאךְ וָואס מֶען הָאט אַרָאפּ גִינוּמִין דִיא שִׁינְדְלִין אִין דִיא לַאטִין זֶענִין גִיבְּלִיבִּין צַאדִין עֶס אִיז דָא פִיעֶר טְפָחִים צְווִישִׁין דִיא לַאטִין, אִין וֶוען מֶען זָאלל אַוֶועק נֶעמִין דֶעם סְכָךְ וָואס אִיז אַקֶעגִין דִיא לַאטִין וָואלְט גִיוֶועהְן דֶער שָׁאטִין מֶעהר פֿוּן דֶער זוּן.

(לב) אַז עֶר מַאכְט דִיא סוּכָּה לֶעבִּין דֶער שְׁטִיבּ אִין דִיא וַואנְט פֿוּן דֶער שְׁטִיבּ אִיז אַוַואנְט צוּ דֶער סוּכָּה זָאלל עֶר דֶעם סְכָךְ לֵייגִין בִּיז צוּ דֶער וַואנְט אִין אַז עֶס אִיז דָא פִיעֶר טְפָחִים אִינְטֶער דֶעם דַאךְ זָאל מֶען נִיט זִיצֶען אִינְטֶער דֶעם דַאךְ.

(לג) אַז מֶען מַאכְט אַשְׁלַאק אוֹיף דֶער סוּכָּה זָאלל מֶען

וֶוען דָאס דֶער שְׁלַאק זָאלל נִיט זַיין גִיבּוֹיגִין אַקֶעגִין דֶעם סְכַךְ אִין אַז עֶר אִיז גִיבּוֹיגִין טָאהר מֶען אַקֶעגִין דֶעם גִיבּוֹיגְנִים נִיט עֶסִין אִין וֶוען מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דֶעם סְכַךְ זָאל זַיין אוֹיף גִימַאכְט דֶער שְׁלַאק׃

(לד) מֶען זָאלל נִישְׁט צוּ דֶעקִין מִיט כֵּלִים אֲפִילוּ מִיט צוּ בְּרָאכִינֶע כֵּלִים אִין נִיט מִיט עֶסִין וַוארְג אִין זָאל נִיט לֵייגִין קֵיין לֵייטִיר אוֹיף דֶעם סְכַךְ׃

(לה) מֶען זָאלל נִישְׁט לֵייגִין קֵיין סְכַךְ פוּן אַזוֹי אַיין זַאךְ וָואס דֶער סֵדֶר אִיז עֶס זָאלל אוֹיס טְרִיקִינִין׳ אִין נִיט פוּן אַזַאךְ וָואס הָאט אַשְׁלֶעכְטִין רֵיחַ אִין נִיט פוּן אַזַאךְ וָואס דִיא בְּלֶעטִיר פַאלִין אַרָאפּ׃

(לו) מֶען זָאל נִיט מַאכִין דִיא סוּכָּה אוֹיף אַזוֹי אָרְט וָואס אִיז דָארְט אַשְׁלֶעכְטִיר רֵיחַ אָדִיר וָואס אִיז דָא מֶערִישְׁקִים אָדִיר אַיין אַנְדִירִי זַאךְ וָואס וֶועט עֶהם מְצַעֵר זַיין׃

(לז) מֶען זָאלל נִישְׁט לֵייגִין וֶוייניג סְכַךְ עֶס דַארְף זַיין דֶער שָׁאטִין פוּן דֶעם סְכַךְ מֶעהר פוּן דֶער זוּן וָואס שַׁיינְט אַרַיין׳ אִין עֶס זָאל נִיט זַיין צוּ פִיל סְכַךְ עֶס זָאל נִיט קָאנִין אַרַיין רֶעגִינִין אִין סוּכָּה׃

(לח) אַז עֶר וִויל מַאכִין דִיא סוּכָּה אִין שְׁטִיב זָאלל עֶר פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה וִויא עֶר זָאלל זִיךְ נוֹהֵג זַיין אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט דִיא סוּכָּה אָדִיר דֶעם סְכַךְ נִישְׁט וִויא דָא שְׁטֵייט זָאלל עֶר פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה אִין דָאס אִיז אַכְּלָל אוֹיף אַלֶע דִינִים וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר אַז עֶס אִיז נִיט גִינוּי וִויא עֶס שְׁטֵייט טָאר מֶען נִיט פַארְגֶלֵייכִין צוּ דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט נָאר מֶען מוּז פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה׃

---

## שַׁעַר נג דִינִים פוּן אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין

(א) מֶען זָאלל שְׁטֵייעֶנְדִיג נֶעמִין דֶעם לוּלָב אִין דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד אִין דֶעם אֶתְרוֹג זָאלל עֶר קוֹדֶם נֶעמִין אִיבֶּער

גיקערט

גֶּיקֶערְט מִיט דֶעם פּיטוּם אַרָאפּ אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד, אִין זָאל מַאכְין שְׁטֵייעֶנְדִיג דִיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (עַל נְטִילַת לוּלָב) צוּ נֶעמִין דֶעם לוּלָב, אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זָאל עֶר מַאכְין שֶׁהֶחֱיָינוּ אוֹיךְ, אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר נֶעמִין דֶעם אֶתְרוֹג מִיט דֶעם פִּיטוּם אַרוֹיף אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד, אִין זָאלל שָׁאקְלִין, דִיא אַנְדִירֶע טֶעג דַארְף עֶר נִיט מַאכְין קֵיין שֶׁהֶחֱיָינוּ נָאר אַז עֶר הָאט נִיט גִיבֶּענְטשְׁט אֶתְרוֹג דֶעם עֶרשְׁטִין טָאג זָאל עֶר מַאכְין שֶׁהֶחֱיָנוּ וֶוען עֶר בֶּענְטשְׁט דָאס עֶרְשְׁטִי מָאהל.

(ב) וֶוער עֶס אִיז גִילִינְקְט זָאלל נֶעמִין דֶעם לוּלָב אִין זַיין רֶעכְטִיר הַאנְד וָואס בַּיא אַנֶדעְרִי אִיז דָאס דִיא לִינְקֶע אִין דֶעם אֶתְרוֹג אִין זַיין לִינְקֶער הַאנְד.

(ג) אַז מֶען הָאט גִינוּמִין דֶעם אֶתְרוֹג אִין דֶער רֶעכְטִיר הַאנְד אִין דֶעם לוּלָב אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד אָדִיר עֶר הָאט גִינוּמִין דֶעם אֶתְרוֹג מִיט דֶעם לוּלָב אִין אֵיין הַאנְד זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין דֶעם אֶתְרוֹג מִיט דֶעם לוּלָב וִויא דֶער דִין אִיז אָהְן אַבְּרָכָה.

(ו) אַלֶלֶע פִיר מִינִים דַארְף עֶר נֶעמִין מִיט דֶעם שְׁפִּיץ אַרוֹיף אַזוֹי וִויא זֵייא וַואקְסִין אִין אַז אֵיינֶם פֿוּן זֵייא אִיז גִיוֶועהְן אִיבֶּער גֶיקֶערְט הָאט עֶר נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהְן, אִין דֶער שְׁפִּיץ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג אִיז דֶער פִּיטוּם.

(ה) אַז עֶס פֶעלְט אֵיינֶם פוּן דִיא פִיר מִינִים אָדִיר אֵיינֶם פוּן זֵייא אִיז פָּסוּל זָאל עֶר זֵייא נֶעמִין אָהְן אַבְּרָכָה אִין נָאךְ דֶעם אַז עֶר בַּאקוּמְט פִיר מִינִים וָואס זֶענִין כָּשֵׁר זָאל עֶר זֵייא נֶעמִין אִין אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ו) אַז נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט אַבְּרָכָה גִימַאכְט הָאט עֶר גִיוֶועהְן דָאס אֵיינְם פוּן דִיא פִיר מִינִים פֶעלְט אָדִיר עֶס אִיז פָּסוּל אָדִיר עֶס אִיז אִיבֶּער גִיקֶערְט זָאלל עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז עֶר וֶועט נֶעמִין דִיא פִיר מִינִים כְּדִין, אִין אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶועהְן

מיט

מִיט וֶוערְטֶיר וָואס קֶער זִיךְ נִיט אָהן צוּ אֶתְרוֹג בֶּענְטְשְׁין זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין דִיא פִיר מִינִים כְּדֵין אִין זָאלל מַאכִין אַבְּרָכָה אוֹיף דֶעם מִין וָואס אִיז גִיוֶועזְן שֶׁלֹּא כְּדֵין דְהַיְינוּ אַז דֶער אֶתְרוֹג אִיז גִיוֶועהְן פָּסוּל זָאלל עֶר מַאכִין עַל נְטִילַת אֶתְרוֹג אִין אַז דִיא עֲרָבָה אִיז גִיוֶועהְן שֶׁלֹּא כְּדֵין זָאלל עֶר מַאכִין עַל נְטִילַת עֲרָבָה נָאר אַז אֵיינֶם פוּן זֵייא אִיז נִיט גִיוֶועזְן אַוַודַאי פָּסוּל נָאר מֵחֲמַת סָפֵק זָאל עֶר נִיט קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ז) נָאךְ דֶער בְּרָכָה זָאל מֶען שָׁאקְלִין מִיט דִיא פִיר מִינִים אִין אַז מֶען הָאט נִיט גִישָׁאקְלְט הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועהְן נָאר מֶען זָאלל נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין אִין שָׁאקְלִין אָהן אַבְּרָכָה.

(ח) אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט אַבְּרָכָה פַאר דֶעם נֶעמִין דִיא פִיר מִינִים זָאלל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכָה כָּל זְמַן עֶר הָאט זֵייא אִין דִיא הֶענְד אִין אַז עֶר הָאט זֵייא שׁוֹין אַרוֹיס גִילֵייגְט אוֹיס דִיא הֶענְד אִין עֶר הָאט זֵייא גִינוּמִין כְּדֵין זָאלל עֶר שׁוֹין קֵיין בְּרָכָה מַאכִין צַאדִין עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט בְּפֵירוּשׁ עֶר זָאלל נִיט יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם נֶעמִין.

(ט) אַז אֵיינֶם פוּן דִיא פִיר מִינִים אִיז גָזֵל אָדֵיר גְנֵבָה טָאר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין, נָאר אַז דֶער גַנָב אָדֵיר דֶער גַזְלָן הָאט עֶס פַארְקוֹיפְט אָדֵיר גִישֶׁענְקְט אֵיין אַנְדֵירִין אִין דֶער וָואס אִיז זַיין גִיוֶועהְן הָאט זִיךְ מְיַיאֵשׁ גִיוֶועהְן אֵיידֵיר דֶער גַזְלָן הָאט גִישֶׁענְקְט אָדֵיר פַארְקוֹיפְט מֶעג מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין.

(י) דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג טָאר מֶען נִיט נֶעמִין דִיא פִיר מִינִים פוּן אֵיין אַנְדֵירִין צוּ בֶּענְטְשְׁין צַאדִין עֶר שֶׁענְקְט זֵייא עֶס בְּמַתָּנָה אוֹיף דֶעם תְּנַאי עֶר זָאלל זֵייא עֶהם אָפְּגֶעבִין, אִין אַז עֶר הָאט נָאר פָּשׁוּט גִילֵיגִין פוּן עֶהם זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין כְּדֵין אָהן אַבְּרָכָה, אִין אַז עֶר הָאט גִינוּמִין אָהן זַיין ווִיסִין דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין כְּדֵין מִיט אַבְּרָכָה אִין דֶעם אַנְדֶערִין טָאג יוֹם טוֹב אִין חוּץ לָאָרֶץ טָאהר מֶען אוֹיךְ נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין אוֹיף גִילֵיגִינֶע מִינִים צַאדִין מֶען הָאט אִיהְם גִישֶׁענְקְט וִויא דֶעם

ערשטיז

עֶרְשְׁטִין טָאג אִין דִיא אַנְדִירִי טֶעג מֶעג עֶר לֵייעֶן אִין מֶעג נֶעמִין זַייא אָהן דֶעם חַבֶרִים וִויסִין נָאר אַז עֶר וַוייסְט דָאס דֶער חַבֵר אִיז מַקְפִּיד אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא.

(יא) דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבִּין צִי בֶּענְטשִׁין אֶתְרוֹג דִיא קִינְדֶער צַאדִין מֶען הַאלְט אָזְן דִיא פִּיר מִינִים אִין דִיא הֶענְד מֶען זָאל זַייא נִיט לָאזִין בַּייא דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֵיין אִין דִיא הֶענְד.

(יא) נָשִׁים זֶענִין פָּטוּר פִון אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין נָאר אַז זַייא ווִילִין מֶעגִין זַייא בֶּענְטשִׁין מִיט אַבְרָכָה.

(יג) דִיא צַייט פִון אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין זַיי פִין וֶוען דִיא זִין הֵייבְּט אָהן צִי שְׁפְּרָאצִין בִּיז אַבְּצֶעדְן מִינִיט פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵיין אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט גִיבֶּענְטשְׁט אֶתְרוֹג בִּיז אַבְטְצֶעדְן מִינִיט פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵיין זָאלל עֶר נֶעמִין אָהן אַבְרָכָה בִּיז שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן, אִין אַז עֶר דַארְף גִינֵייטִיג אַוֶועק אִין אַוֶועג מֶעג עֶר בֶּענְטשִׁין אֶתְרוֹג פִין וֶוען עֶס הֵייבְּט אָהן צִי טָאגִין מִיט אַבְרָכָה.

(יד) מֶען זָאלל זַיין גִיוָואְרִינְט דָאס דִיא פִּיר מִינִים זָאלִין זַיין כָּשֵׁר וֶוער עֶס וַוייסְט נִיט דִיא דִינִים וֶוען עֶר קוֹיפְט דִי מִינִים זָאלל עֶר פְרֶעגִין אַמוֹרֶה הוֹרָאָה צִי זַיי זֶענִין כָּשֵׁר אִין אַז מֶען בֶּענְטשְׁט מִיט קָהָל׳ס אֶתְרוֹג זָאלל מֶען אַכְטִינג גֶעבִּין צִי זֶעעֶן דָא אַלֶע פִּיר מִינִים צִי עֶס פֶעהלְט נִישְׁט קֵיין עֲרָבוֹת אָדִיר צִי עֶס אִיז נִישְׁט אָפּ גִיבְּרָאכִין דֶער שְׁפִּיץ פִין דֶעם הָדַס אָדִיר פִין דֶער עֲרָבָה אִין צִי עֶס אִיז נִיט צִי שְׁפַּאלְטִין דֶער לוּלָב.

(טו) מֶען טָאהר נִיט עֶסִין פַאר אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין אִין דֶער וָואס וַוארְט מֶען זָאלל עֶהם בְּרֶענְגִין דִיא מִינִם זָאל וַוארְטִין בִּיז מִיטָאג לֶענְגֶער נִישְׁט וָוארִין מֶען טָאהר נִישְׁט פַאסְטִין אִין יוֹם טוֹב אִין דֶער וָואס הָאט חֲלִישַׁת הַלֵב מֶעג טוַּעם זַיין פַאר אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין.

---

## שַׁעַר נד דִינִים פִון חֲנוּכָּה לֶעכְט

(א) דִיא עֶרְשְׁטִי נַאכְט פִון חֲנוּכָּה מַאכְט מֶען דְרֵייא בְּרָכוֹת

אײדער מען צינדט דאס חנוכה לעכטיל, נאך דעם װיא עס שטײט גרײט אהן צו צינדען, קודם מאכט מען ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו (להדליק נר חנוכה) אהן צו צינדען דאס לעכט פין חנוכה, אין נאך דעם מאכט מען ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם (שעשה נסים) װאס ער האט געטאהן נסים (לאבותינו) צו אונזערע עלטערן (בימים ההם) אין דיא טעג (בזמן הזה) אין דער צײט אין נאך דעם מאכט מען שהחיינו, אין נאך דעם זאל ער צינדען ער זאל ניט זאגען הנרות הללו ביז ער צינדט אהן.

(ב) אז ער האט ניט געמאכט שהחיינו דאס ערשטע מאל זאל ער מאכען אשהחיינו װען ער דערמאנט זיך.

(ג) דיא אנדערע נעכט זאל ער מוסיף זיין אלײן מיט אײן לעכטיל מעהר דאס לעכטיל װאס ער איז מוסיף זאל זיין צו דער לינקער זײט אין זאל מאכען צװײא ברכות להדליק אין שעשה נסים אין נאך דעם זאל ער אהנצינדען דיא לעכט, ער זאל אנהײבען צו צינדען בײא דעם לעכטיל װאס ער האט מוסיף געװעהן װאס איז אויף דער לינקער זײט אין זאל צינדען פין דער לינקער זײט צו דער רעכטער זײט אין זאל זאגען הנרות הללו.

(ד) אז ער האט ניט צו צינדען נאר אײן לעכט זאל ער צינדען אין א ברכה מאכען אין אז נאך דעם האט ער נאך צו צינדען זאל ער צינדען װיפיל מען דארף אין דער נאכט אין זאל נישט קײן ברכה מאכען.

(ה) װער עס האט ניט צו צינדען קײן חנוכה לעכט אין זיין װײב צינדט אויך ניט אדער ער האט קײן װײב אין ער האט ניט געהערט דיא ברכות פין אײן אנדערן װאס האט אן געצינדען װען ער זעהט אנגעצינדעטע חנוכה לעכט זאל ער מאכען דיא ברכה שעשה נסים אין דיא ערשטע נאכט זאל ער מאכען שהחיינו אויך אין אז ער האט נאך דעם באקומען דיא נאכט לעכטליך צו צינדען

זאל

זאל ער ניט מאכין נאר להדליק אליין.

(ו) נשים זענין אויך מחויב צו צינדין הנוכה לעכט נאר אז דער מאן צינד אין דער היים איז יוצא די אשה מיט דעם גאנצין בני בית אפילו די אשה איז ניט גיוועזן אין דער היים בשעת דער מאן האט גיצינדין איז זיא יוצא נאר עס איז רעכט זיא זאל אויך זיין בשעת צינדין און אז דער מאן האט ניט גיצינדין אין דער היים דארף זיא צינדין מיט די ברכות מאכין אין דער היים אדיר זיא זאל הייסין איין אנדירין צינדין און אז זיא צינד קאן זיא מוציא זיין דאס בני בית אפילו איין מאנזביל קאן זיא מוציא זיין.

(ז) ווער עס איז ניט אינדער היים און זיין ווייב צינד אין דער היים אז ער איז אויך אזוי ארט וואס מען צינד ניט זאל ער צינדין און אז ער איז אויך אזוי ארט וואס מען צינד און ער זעט די לעכט דארף ער ניט צינדין נאר אז ער וויל מחמיר זיין מעג ער צינדין מיט די ברכות נאר אז קודם האט ער זיך פארלאזט יוצא זיין מיט זיין ווייבס צינדין און נאך דעם האט ער זיך מיישב גיוועזן אליין צינדין זאל ער צינדין אן אברכה.

(ח) בחורים אדיר אורחים וואס האבין ניט ווער עס זאלל צינדין אין דער היים זענין זיא מחויב צו צינדין און אז זיי האבין ניט ברויבין זיא צו געבין איין פרוטה דעם בעל הבית וואס צינד דאס זיא זאלין אויך האבין אחלק אין די לעכט און דער בעל הבית זאל צריין מאן אביסעל מער אייל, און אז דער בעל הבית וויל מעג ער צריין מאן אימזונסט אביסעל אייהל מער פון זייערט וועגין און איז זיא מקנה זענין זיא יוצא און זיא זאלין הערין די ברכות פון דעם בעל הבית און זאלין אין זין האבין יוצא זיין און אז ער האט אחדר וואס איז מיוחד צו עס מיז ער אליין צינדין דארט ער איז ניט יוצא מיט דעם בעל הבית.

(ט) דאס גאנציא בני בית איז יוצא מיט דעם וואס דער בעל הבית צינד אן די לעכטליך און די אלע וואס זענין

אויף

אוֹיף קֶעסְט בַּייא עֶם הַייסִין פוּן זַיין בְּנֵי בַּיִת נָאר אַז זַייא ווִילִין אַלַיין צִינְדִין אִיז זַייעֶר רֶעכְט אוּן זָאלִין מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת נָאר יֶעדִירֶער זָאל לַייגִין זַייגֶע לֶעכְט אוֹיף אַיין בַּאזוּנְדִיר אָרְט אוּן אַז בְּשַׁעַת דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גִיצִינְדִין הָאבִין זַייא אִין זַיין גִיהַאט יוֹצֵא זַיין טָארִין זַייא שׁוֹין נָאךְ דֶעם נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת, אוּן אַז זַייא הָאבִין נִיט צוּ צִינְדִין נָאר אַיין לֶעכְט מֶעגִין זַייא אוֹיךְ אַלַיין צִינְדִין אוּן מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת.

(י) ווֶער עֶס הָאט צְווַייא הַאוִיר דַארְף עֶר נִיט צִינְדִין נָאר אִין דֶעם הוֹיז ווָאס עֶר עֶסְט בִּקְבִיעוּת.

(יא) אַז עֶר הָאט נִיט גִימַאכְט דִיא בְּרָכוֹת פַאר דֶעם אָן צִינְדִין אַז עֶר הָאט נָאךְ נִיט פַארְטִיג גִימַאכְט דָאס צִינְדִין זָאל עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְטִיג גִימַאכְט זָאל עֶר נִיט מַאכִין לְהַדְלִיק נָאר שֶׁעָשָׂה נִסִּים אוּן דִיא עֶרְשְׁטִי נַאכְט שֶׁהֶחֱיָנוּ אוֹיךְ.

(יב) מֶען דַארְף דִיא לֶעכְטְלִיךְ זָאלִין בְּרֶענִין אַיין הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּן אַז עֶר הָאט ווֶייניג אֵייל זָאל עֶר אִין אֵיינִים אַרַיין טָאן בְּשִׁיעוּר אִין דִיא אַנְדִירֶע צוּ אַבִּיסֶל, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעצִינְדִין לֶעכְטְלִיךְ ווָאס זַייא ווֶעלִין נִיט בְּרֶענִין בְּשִׁיעוּר אוּן הָאט שׁוֹין גִימַאכְט דִיא בְּרָכוֹת הֶעלְפְט נִיט ווָאס עֶר זָאל נָאךְ דֶעם צוּ גִיסִין אֵייל נָאר עֶר זָאל פַארְלֶעשִׁין אוּן זָאל אַרַיין טֶוען אֵייל בְּשִׁיעוּר אוּן אָנְצִינְדִין אָן אַבְּרָכָה.

(יג) אַז עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ זַייא ווֶעלִין בְּרֶענִין אַהַאלְבֶּע שָׁעָה זָאל עֶר זַייא נִיט צִינְדִין אוּן אַז עֶר הָאט נִיט קַיין אַנְדִירֶע זָאלל עֶר זַייא צִינְדִין אָן אַבְּרָכָה אוּן אַז דָאס רוֹב בְּרֶענִין זַייא אַהַאלְבֶּע שָׁעָה מֶעג עֶר זַייא צִינְדִין מִיט דִיא בְּרָכוֹת אוּן אַז אַפִילוּ נָאךְ דֶעם הָאבִין זַייא נִיט גִיבְּרֶענְט אַהַאלְבִּי שָׁעָה הָאט עֶר יוֹצֵא גִיווֶען.

(יד) אַז זַייא הָאבִין זִיךְ פַארְלָאשִׁין אֵיידִיר זַייא הָאבִין גִיבְּרֶענְט אַהַאלְבִּי שָׁעָה דַארְף עֶר נִיט נָאךְ אַמָאהְל אָנְצִינְדִין זַייא

אפילו

אפילו ער האט זייא פארלאשין אימגערין אדיר ער האט אויס גיגאסין דעם אייל, אבער אז ער האט זייא גילייגט אויף אזוי ארט וואס דער ווינט איז שולט אדיר ער האט זייא אין מיסגע פאר־לאשין דארף ער נאך אמאהל אנציגדין אן אברכה נאר עס איז רעכט מען זאל זייא אויף אללע פעל נאך אמאהל אן צינדען.

(טו) אז ער האט גימאכט דיא ברכות אין דיא לעכטליך האבין ניט גיוואלט ברענין אין ער מיז נעמין אנדירין אייל אדיר אנדירע קנייטליך זאל ער מפסיק זיין איידיר ער צינד אן אנדירע מיט ווערטיר וואס קערין זיך ניט אן צו דיא חנוכה לעכט אין זאלל נאך אמאל מאכין דיא ברכה להדליק.

(יו) מען זאל ניט צינדין פאר שטערין שטייען נאר ערב שבת אדיר עס איז איין אנדירער שעת הדחק וואס ער וועט ניט קענין צינדין ווען שטערין וועלין שטייען מעג ער צינדין לערך איין שעה פאר שטערין שטייען נאר ער זאל אריין גיסען האטשי אין איינעם אסאך אייהל עס זאל ברענין איין האלבע שעה נאך שטערין שטייען אין אז ער האט אראן גיגעבין וויניגער אייל זאל ער איינם אויס לעשין אין זאל אריין געבען אייל עס זאלל ברענין אהאלבי שעה נאך שטערין שטייען אין זאלל אן צינדען אן אברכה.

(יז) מען דארף צינדען דיא חנוכה לעכט תיכף וויא עס ווערט נאכט ביז אהאלבי שעה אין דער נאכט אין אז ער האט ביז דעמאלט ניט גיצינדען מעג ער צינדין ביז זיין בני בית איז נאך אויף אפילו ביז צו פריא מיט דיא ברכות איז אז דאס בני בית שלאפין שוין זאל ער צינדען אהן אברכה.

(יח) דיא בעסטי מצוה איז צו צינדין בוים אייל אין אז ער האט ניט מעג ער נעמין אנדירין אייל אדיר וואקסינע לעכט אין אז ער האט ניט זאל ער צינדען חלב לעכט אדיר נאפט לעכט אן אברכה.

(יט) מען מעג נעמין פון דעם וואקס וואס טראפט אראפ

פין

פִון דִיא שִׁיל לֶעכְט אִין מַאכִין חֲנוּכָּה לֶעכְט אָבֶּער פִון דִי לֶעכְט אַלֵיין פִון דֶער שִׁיל טָאר מֶען נִיט מַאכִין קֵיין חֲנוּכָּה לֶעכְט צַאדִין דֶער וָואס דָאס לֶעכְט אִיז זֵיין הָאט זִיךְ אויסגֶינִימִין דָאס וָואס וֶועט בְּלֵייבִּין זָאל עֶר אַהֵיים נֶעמִין מֶעג עֶר מַאכִין חֲנוּכָּה לֶעכְט אָבֶּער נִיט קֵיין שַׁמָשׁ.

(כ) פִון דֶעם וַואקְס וָואס מֶען בְּרֶענְגְט פִון זֵייעֶר קִירְכֶען טָאהר מֶען נִיט מַאכִין קֵיין חֲנוּכָּה לֶעכְט.

(כא) אַז עֶר הָאט גִינַאנְבִיט אָדִיר גִיגַאזִילְט וַואקְס אָדִיר אֵייל טָאהר עֶר נִיט מַאכִין קֵיין חֲנוּכָּה לֶעכְט, נָאר אַז עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמִין פִון אַגַנָב אָדִיר פִון אַגַזְלָן מֶעג עֶר מַאכִין חֲנוּכָּה לֶעכְט אַז דֶער וָואס הָאט גִיקֶערְט זֵיין הָאט זִיךְ מְיַאֵשׁ גִיוֶועהְן אֵיידִיר עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען פִון דֶעם גַנָב אָדֶער פִון דֶעם גַזְלָן.

(כב) דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל אַלֵיין אָנְצִינְדִין אַלֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט נָאר אַז עֶר וִויל מֶעג עֶר גֶעבִּין אַטֵייל לֶעכְטְלִיךְ אָנְצִינְדִין אֵיין אַנְדִירִין פִון דֶעם בְּנֵי בַּיִת אַז זֵייא הָאבִּין גִיהֶערְט דִיא בְּרָכוֹת אָבֶּער זֵייא טָאהְרִין נִישְׁט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה צַאדִין זֵייא צִינְדִין עֶקְסְטִיר נָאר אַבַּעַל נֶפֶשׁ זָאל אויף אַלֶע פֶעלל אַלֵיין אָהְנְצִינְדִין אַלֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט.

(כג) צְווייא אָדִיר דְרֵיי בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס זִיצֶען אִין אֵיין שְׁטִיבּ זָאלל יֶעדִיר עֶקְסְטִיר צִינְדִין חֲנוּכָּה לֶעכְט, אִין אַז זֵייא הָאבִּין נִיט זָאלִין זֵייא גֶעבִּין צִי שְׁטֵייעֶר אֵיינֶעם עֶר זָאל צִינְדִין אִין זֵייא זָאלִין זֵיין בֵּייא דֶעם צִינְדִין.

(כד) מֶען זָאלל לֵייגִין דִיא לֶעכְטְלִיךְ בֵּייא דֶער טִיר נִיט אויף דֶער זֵייט וָואס דִיא מְזוּזָה אִיז, אִין זֵייא זָאלִין זֵיין הֶעכִיר פִון דְרֵייא טְפָחִים פִון דֶער עֶרְד אִין נִידְרִיגֶער פִון צֶעהְן טְפָחִים אִין זֵייא זָאלִין זֵיין נָאהנְט צִי דֶער טִיר נִיט וֵייטִיר פִון אַטֶפַח, אִין אַז עֶר קָאן נִישְׁט לֵייגִין זֵייא בֵּייא דֶער טִיר זָאלל עֶר לֵייגִין זֵייא אויף דֶעם פֶענְסְטִיר וָואס אִיז צִי דֶער גַאס אַפִּילוּ עֶס אִיז

העכיר

הֶעכִיר פוּן צְוֶעהן טְפָחִים, אוּן אַז עֶר קָאן נִיט בַּייא דֶעם פֶענְצְטֶער אוֹיךְ זָאלל עֶר זַייא לֵייגֶען אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט נָאר עֶס זָאלל נִיט זַיין דָארְט וְויא מֶען הַאלְט דִיא לֶעכְט אַגַאנְץ יָאהר, אוּן נִיט הֶעכִיר פוּן עֶרךְ פִינְפְצֶעהן וְוינֶער אֵיילִין פוּן דֶער בְּרִיק.

(כה) אַז עֶר הָאט גִינוּמִין דִיא לֶעכְטְלִיךְ נָאךְ דֶעם וְויא עֶר הָאט זַייא אָנְגִיצִינְדִין אוּן הָאט זַייא גִילֵייגְט אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט אֵיידִיר זַייא הָאבִּין גִיבְּרֶענְגְט אַהַאלְבֵּי שָׁעָה דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל צִינְדִין אָהן אַבְּרָכָה.

(כו) מֶען דַארְף צִינְדִין אִין שׁוּל אוּן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ נָאךְ מִנְחָה פַאר מַעֲרִיב אוּן מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אַז מֶען דַאוִוינְט מִיט מִנְיָן אוּן אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין מִנְיָן זָאל מֶען צִינְדִין אָן אַבְּרָכָה אוּן קֵיינֶער אִיז נִיט יוֹצֵא מִיט דִיא לֶעכְט אַפִילוּ דֶער וָואס צִינְד דִיא לֶעכְט דַארְף נָאךְ אַמָאהל צִינְדִין אִין דֶער הֵיים אוּן מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת נָאר שֶׁהֶחֱיָינוּ זָאל עֶר נִיט מַאכִין אִין דֶער הֵיים צַאדִין עֶר וְויל מוֹצִיא זַיין דָאס בְּנֵי בַּיִת.

(כז) אַקְלֵיין יוּנְגִיל אָדִיר אַמֵיידִל וָואס זַייא פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס עִנְיָן פוּן חֲנוּכָּה לֶעכְט דַארְפִין שׁוֹין אוֹיךְ צִינְדִין חֲנוּכָּה לֶעכְט נָאר זַייא קָאנִין נִישְׁט מוֹצִיא זַיין קֵיין אַנְדִירִין אַפִילוּ אֵיין אִשָׁה צַאדִין דָאס יוּנְגִיל אִיז אַלְט דְרֵייצִין יָאהר אוּן דָאס מֵיידִל אִיז אַלְט צְוֶועלִיף יָאהר.

(כח) אֵיין שׁוֹטֶה אָדִיר אֵיין שְׁטוּמֶער דַארְף נִישְׁט צִינְדִין אוּן זַייא קָאנִין נִישְׁט מוֹצִיא זַיין אֵיין אַנְדִירִין, אוּן אֵיין טוֹיבֶּער וָואס עֶר קָאן רֶעדִין אִיז מְחוּיָב צוּ צִינְדִין חֲנוּכָּה לֶעכְט.

(כט) אֵיין בְּלִינְדִיר אַז עֶר הָאט אֵיין וַוייבּ זָאלל זִיא צִינְדִין אוּן עֶר אִיז יוֹצֵא, אוּן אַז נִישְׁט זָאלל עֶר גֶעבִּין אַפְּרוּטָה אֵיין אַנְדִירִין עֶר זָאלל עֶהם מוֹצִיא זַיין אוּן אַז עֶר הָאט קֵיין אַנְדִירִין זָאל עֶר אַלֵיין צִינְדִין מֶען זָאל עֶהם צוּ הֶעלְפִין אוּן עֶר זָאל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ל) וֶוער עֶס הָאט אֵיין נַאכְט נִיט גִיצִינְדִין מֶעג דִיא אַנְדִירִי נֶעכְט

נעכט צינדין מיט דיא ברכות און זאלל צינדין וויא פיל אנדירי צינדין אין דער נאכט.

---

## שער נה דינים פון מגלה ליינן

(א) פאר דער מגלה ליינן מאכט דער בעל קורא דיא ברכות, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (עַל מִקְרָא מְגִלָּה) צו ליינן דיא מגלה, און נאך דעם מאכט מען (שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ) וואס ער האט געטאהן ניסים צו אונזערע עלטירן (בַּיָּמִים הָהֵם) אין דיא טעג (בִּזְמַן הַזֶּה) אין דער צייט, און נאך דעם מאכט מען שֶׁהֶחֱיָנוּ, און באטאג זאלל מען אין זין האבן ביא דער שֶׁהֶחֱיָנוּ מען זאלל יוצא זיין אויף דער מצוה פון משלוח מנות און אויף דער סעודה און דער בעל קורא זאלל אין זין האבן מוציא צו זיין מיט דעם.

(ב) אז ער האט מפסיק געוועהן מיט אוואָרט וואס עס איז ניט פון דעם ענין מגלה ליינן נאך דיא ברכות פאר דעם ליינן דארף ער נאך אמאל מאכן דיא ברכות נאר אז ער האט שוין יוצא געוועהן פון פריער מיט דער מגלה דארף ער נישט מאכן נאך אמאהל דיא ברכות און אז איינער פון דיא וואס הערין די מגלה האט מפסיק געוועהן דארף ער מאכן דיא ברכות צו שטיל, און אז מען האט מפסיק געוועהן נאך דעם וויא מען האט שוין אנגעהויבן צו ליינן דארף מען ניט מאכן נאך אמאל דיא ברכות.

(ג) מען טאר ניט שמועסן קיין וואָרט ביז מען ליינט דיא מגלה און אז מען האט געשמועסט האט מען ניט יוצא געוועהן וויל מען האט נישט געהערט דעמאלץ וואס מען האט געליינט נאר דער וואס ליינט אז ער האט געשמועסט האט ער יוצא געוועזן אין לכתחילה צו ער מעג שמועסן צווישן דיא פרשות אדיר אין מיטן דיא פרשות איז עס גלייך צו דעם דין וואס שטייט

אין

אין שער ל"ט אז מען האלט בייא יוצר אור ביז צו דער שמונה עשרה.

(ד) אז מען האט ניט גיהערט אפילו נאר איין ווארט פון דער מגילה האט מען ניט יוצא גיוועהן נאר אז מען האט גיזאגט דיא ווערטיר וואס מען האט ניט גיהערט אויס דעם חומש אדיר אויסינוויינג האט מען יוצא גיוועהן איבער דעם בשעת מען גראגירט אדיר מען קלאפט בשעת מען זאגט המן אדיר דיא עשרת בני המן זאלל מען זאגין אויס דעם חומש דיא ווערטיר וואס מען האט ניט גיהערט.

(ה) אז דער בעל קורא איז גיבליבין אין מיטין דעם ליינין אין קאן ניט ליינין מעהר זאל גיין איין אנדירער אין זאלל ליינין פון וויא דער ערשטיר איז גיבליבין אין אז עס איז פורים זונטיג אין מען ליינט דיא מגילה מוצאי שבת אין רוב קהל ווענין מסבים אז מען זאל ליינין פון אנהייב אדיר דער ערשטיר האט נאר גיליינט אפאהר פסוקים איז גליך אז מען זאל אהן הייבין פון אהנהייב אהן דיא ברכות אין אז דער אנדירער האט נישט גיהערט דיא ברכות אין ניט דעם אהנהייב פון דער מגילה זאלל ער מאכין דיא ברכות אין אהנהייבין פון אהנהייב אין אז ער האט שוין יוצא גיוועהן פון פריר זאל ער אנהייבין פון וויא דער ערשטיר האט אויסגילאזט.

(ו) אז דער בעל קורא קאן נישט ליינין ער זאגט גראזין איז מען נישט יוצא אין אז עס איז נישט דא קיין אנדירער זאל מען עהם פיר ליינין צו שטיל פון דעם חומש אין אז ער זאגט איין גראז זאלל ער עהם צוריק איממקערין אין דער וואס ליינט איהם פאהר ברויך דער נאך צו ליינין אויס דער מגילה ער זאל יוצא זיין.

(ז) אז דער וואס הערט דיא מגילה האט גידרימילט האט ער ניט יוצא גיוועהן.

(ח) דיא מגילה פון באנאכט דארף מען ליינין פון ווען

שטערין

שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן אִין וֶוער עֶס קָאן בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט וַוארְטִין מֶעג לֵיינִין לְעֶרֶךְ פוּן אַשָׁעָה פַאר שְׁטֶערִין שְׁטֵיין, אִין דִיא מְגִילָה פוּן בַּאטָאג דַארְף מֶען לֵיינִין פוּן וֶוען דִיא זוּן הֵייבְּט אָהְן צוּ שַׁיינֶען אִין אַז עֶר קָאן בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט וַוארְטִין מֶעג עֶר לֵיינִין פוּן וֶוען עֶס הֵייבְּט אָהְן צוּ טָאגִין אִין אַז עֶר הָאט אָהְנְגִיהוֹיבִּין צוּ לֵיינִין פַאר טָאג אִין הָאט פַארְטִיג גִימַאכְט בַּאטָאג הָאט עֶר נִיט יוֹצֵא גִיוֶועהְן נִיט פַאר בַּאנַאכְט נִיט פַאר בַּאטָאג.

(ט) אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין יוֹצֵא גִיוֶועהְן מִיט דֶער מְגִילָה לֵיינִין מֶעג מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין לֵיינִין פַּר אַיין אַנְדִירִינְס וֶוענִין אֲפִילוּ פוּן וֶוענִין אַיין אִשָּׁה, נָאר אַז עֶר לֵיינְט פַאר וַוייבֶּיר אִין עֶר הָאט שׁוֹין יוֹצֵא גִיוֶועהְן זָאל עֶר נִישְׁט מַאכִין עֶר מִקְרָא מְגִילָה נָאר לִשְׁמוֹעַ מְגִילָה אִין אַז עֶר לֵיינְט פַאר וַוייבֶּיר אֵיידִיר עֶר הָאט יוֹצֵא גִיוֶועהְן זָאל עֶר אִין זִין הָאבִּין עֶר זָאל יֶעצְט נִיט יוֹצֵא זַיין כְּדֵי עֶר זָאל יוֹצֵא זַיין דֶער מִיט קָהָל*:

(י) לְכַתְּחִלָּה זָאל מֶען לֵייעֶנֶען אוֹיס אַמְגִילָה וָואס עֶס פֶעלְט גָאר נִיט אִין אַז עֶס הָאט גִיפֶעלְט אִין דֶער מְגִילָה עֶטְלִיכֶע וֶוערְטִיר אַז עֶס הָאט נִיט גִיפֶעלְט אִין אָנְהֵייבּ אָדִיר צוּם סוֹף אִין מֶען הָאט גִילֵיינְט דֶעם טָעוּת אוֹיסִינְוֵויינִיג הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועהְן אִין אַז עֶס הָאט גִיפֶעלְט אַגַאנְץ עִנְיָן הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גִיוֶוען אֲפִילוּ מֶען הָאט גִילֵיינְט דֶעם טָעוּת אוֹיסִינְוֵויינִיג.

(יא) אַז מֶען הָאט גִיגַנְבִית אָדִיר גִיגַזְלְט אַמְגִילָה טָאר מֶען נִיט לֵיינִין אִין אִיר אִין אַז מֶען הָאט גִילֵיינְט טָאר מֶען נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת צַאדִין דֶער וָואס דִיא מְגִילָה קֶער זַיין אִיז אוֹיךְ יוֹצֵא מִיט דֶעם לֵיינִין אִין אַז דֶער גַנָּב אָדִיר דֶער גַזְלָן הָאט זִיא פַאר קוֹפְט אַיין אַנְדִירִין אִין דֶער וָואס דִיא מְגִילָה הָאט גִיקֶערְט זַיין הָאט זִיךְ מְיָאֵשׁ גִיוֶוען אֵיידִיר דֶער גַנָּב אָדִיר דֶער גַזְלָן הָאט זִיא פֶערְקוֹיפְט מֶעג עֶר מַאכִין דִיא בְּרָכוֹת אִין לֵיינִין.

(יב) נָשִׁים זֶענִין אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ הֶערִין דִיא מְגִילָה אִין אַמֵיידִיל וָואס עֶס פַארְשְׁטֵייט דָאס עִנְיָן פוּן מְגִילָה אִיז אוֹיךְ מְחוּיָב

צוּ

---

* זיין מיט קהל

צו הערין דיא מגילה אפילו זיא איז ניט אלט קיין צוועליף יאהר אין אשה זאלל ניט ליינען אין אז זיא האט ניט ווער עס זאלל ליינען מעג זיא אליין אין זאל מאכין אברכה לשמוע מגילה אין דיא איז ניט מוציא קיין מאנזביל.

(יג) איין קליינער וואס ער פארשטייט דאס ענין פון מגילה איז מחויב צו הערין דיא מגילה אין אז ער ליינט קאן ער ניט מוציא זיין אפילו ווייביר נאר אקליינים וואס איז ניט אלט דריי־צעהן יאהר.

(יד) אשוטה קאן ניט מוציא זיין איין אנדירין מיט זיין ליינין.

(טו) איין טויבער דארף אליין ליינין דיא מגילה אין ער קאן ניט מוציא זיין איין אנדירין נאר אז ער הערט ווען מען שרייעט הויעך קאן ער מוציא זיין אנדירע אפילו ער ליינט שטיל אז דער אנדעריר הערט.

(טז) איין קראנקיר וואס ער קאן הערין ליינין דיא גאנצי מגילה זאל מען פאר עם ליינין אין מאכין דיא ברכות אין אז ער איז שטארק קראנג וואס עס קאן זיין דאס ער וועט ניט קאנין הערין דיא גאנצי מגילה זאל מען ניט מאכין דיא ברכות צאדין עס איז דא דארט איין אנדירער וואס האט נאך ניט יוצא גיוועזן אדיר דער וואס ליינט האט נאך ניט יוצא גיוועזן זאל ער מאכין דיא ברכות.

(יז) נאך דער מגילה ליינין מאכט מען אברכה ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם (האל הרב את ריבנו) דער גאט וואס ער קריגט אינזער קריג (והדן את דיננו) אין ער משפט אינזער משפט (והנוקם את נקמותינו) אין ער איז זיך נוקם אינזער נקמה (והמשלם גמול) איז ער באצאלט איין פארגעלטינג (לכל אויבי נפשינו) צו אללע אינזרע פאנד (והנפרע לנו מצרינו) אין ער ווערט באצאלט פון וועגין אינז פון אינזרע באליידיגירס ברוך אתה ד' (הנפרע לעמו ישראל) וואס ער ווערט באצאלט פון וועגין זיין פאלק ישראל (מכל צריהם פון אללע זייערי באליידיקירס (האל המושיע) דער גאט וואס ער העלפט. דיא וואבער דארפין אויך

זאגין

זָאגִין דִיא בְּרָכָה אִין דִיא בְּרָכָה מַאכְט מֶען נָאר וֶוער*עֶס אִיז דָא מִנְיָן אִין אַז נִיט זָאלל מֶען מַאכִין דִיא בְּרָכָה אָן אַשֵׁם וּמַלְכוּת דְהַיְינוּ בָּרוּךְ אַתָּה מֶלֶךְ הָעוֹלָם*הָרָב וכו׳.

(יח) אַז מֶען הָאט גִילֵיינְט דִיא מְגִלָּה אָן דִיא בְּרָכוֹת הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועֶן.

## שַׁעַר נו דִינִים פִוּן כֵּלִים טוֹבְלִין

(א) אַז מֶען קוֹיפְט פִוּן אַיין גוֹי כֵּלִים פִוּן אַייזִין בְּלֶעךְ, צִין, מֶעשׁ, קוּפֶּער, זִילְבֶּער, גָאלְד, בְּלַייא, גְלָאז, אוּן מֶען וִויל זִיךְ בַּאנִיצִין מִיט דֶער כְּלִי מִיט עֶסִין וַוארְג אָדִיר גִיטְרַאנְג דַארְף מֶען זֵיי טוֹבְלִין אִין אַמִקְוָה וָואס אַאִשָׁה מֶעג זִיךְ טוֹבְלִין דָארְט אָדִיר אִין אַגִייֶענְדִיג וַואסִיר אוּן פַאר דֶעם טוֹבְלִין זָאל מֶען מַאכִין דִיא בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל טְבִילַת כֵּלִים, אוּן נָאךְ דֶעם זָאלל מֶען טוֹבְלִין דִיא גַאנְצֵי כְּלִי עֶס זָאל נִיט בְּלַייבִין אַשְׁטִיקֶעל פִוּן דֶער כְּלִי אַרוֹיס פִוּן דֶעם וַואסֶער אוּן דִיא כְּלִי זָאל זַיין פִיל מִיט וַואסִיר עֶס זָאל נִיט זַיין לֵיידִיג אֲפִילוּ אַשְׁטִיקֶל פִוּן דֶער כְּלִי אוּן עֶס זָאל נִיט זַיין קֵיין שׁוּם חֲצִיצָה אוֹיף דֶער כְּלִי זִיא זָאל זַיין גָאר רֵיין אִינְוֵוייגִיג אוּן אוֹיסִינְוֵוייגִיג, אַז מֶען טוֹבֵלְט נָאר אַיין כְּלִי זָאל מַאכִין אַבְּרָכָה עַל טְבִילַת כְּלִי.

(ב) כֵּלִים פִוּן עֶרְד, פָּארְצִילַאן, הָאלְץ, שְׁטֵיין, בֵּיין, דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין, אוּן אַז זֵייא זֶענִין בַּאדֶעקְט מִיט אַמִין מַתָּכוֹת פִוּן אִינְוֵוייגִיג אוּן פִוּן אוֹיסִינְוֵוייגִיג דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה אוּן אַז זֵייא זֶענִין נִיט בַּאדֶעקְט נָאר פִוּן אִינְוֵוייגִיג אָדִיר נָאר פִוּן אוֹיסִינְוֵוייגִיג דַארְף מֶען טוֹבְלִין אָן אַבְּרָכָה אוּן אַז זֵייא זֶענִין גִיגְלֵייזְט מִיט גְלֵייז אֲפִילוּ פִוּן בֵּיידֵי זַייטִין זָאלל מֶען טוֹבְלִין אָן אַבְּרָכָה, (כ״כ בפמ״ג בא״ח סי׳ תנ״א).

(ג) אַבֵּלִי וָואס מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט אִיר רוֹיעַ זַאכִין וָואס מֶען דַארְף זֵייא נִיט קָאכִין נִיט בַּאקִין דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה אָבֶער אַז מֶען דַארְף זֵייא קָאכִין אָדִיר בַּאקִין דְהַיְינוּ מַצָּה

רעדליך

---

*נאר ווען *ברוך אתה הרב וכו׳

רעדליך אדיר אבלעך וואס מען שנייד מיט איר קרעפליך דארף מען ניט טובלין אין אז מען באניצט זיך אטייל מאהל מיט גיקאבין אדיר גיבאקינס האטשי דאס רוב באניצט מען זיך מיט רויע זאכין דארף מען טובלין מיט אברכה אין אכלי וואס מען קען באניצען גיקאכטי אדיר גיבאקעני זאכין אפילו מען באניצט ניט דהיינו אמעסער וואס מען שעכט ברויך מען צו טובלין אן אברכה.

(ד) אקעסיל סייא אגרויסיר סייא אקליינר וואס מען באניצט זיך מיט עם מיט עסין ווארק דהיינו מען קאכט פאווידיל אדיר מילעך אדיר גיטראנק אדער וואסיר דארף מען טובלין מיט אברכה אז ער איז גימאכט גיווארין מען זאל עם אנקלעבין צו דער ערד אדיר צו דעם אויבין אין מען באניצט זיך מיט עם ניט ביז מען קלעפט עם אן דארף מען ניט טובלין.

(ה) אקאווע (קאפפע) מיריכעל זאל מען טובלין אן אברכה אין אז אטייל מאהל מאלט מען פעפיר אדיר בשמים זאל מען טובלין מיט אברכה נאר עס איז גלייך מען זאל טובלין צו זאמין מיט איין אנדערער כלי וואס מען ברויך אויף דער אנדעריר כלי אברכה צו מאכין.

(ו) בלעכינע ליקעס, אין מעשינע צאפינס אין פלעשיר וואס מען האלט אין זייא משקה האטשי מען טרינקט ניט אויס דער פלאש דארף מען טובלין מיט אברכה.

(ז) אהילצירנע כלי וואס איז מיט אייזירנע רייפין דהיינו איין אנפיך, אקאן, אקענדיל אדיר אביילכיל אויף בראנפין דארף מען טובלין אן אברכה נאר גרויסי פעסיר וואס מען קאן זייא ניט טובלין גרינג איז מען זיך נוהג ניט צו טובלין.

(ח) אז מען קויפט אכלי בייא איין יוד וואס ער האט זיא גיקויפט בייא איין גוי אדער אגוי האט זיא גימאכט אין דער ערשטיר יוד האט ניט גיטובלט דארף דער אנדירער טובלין מיט אברכה.

(י) אז איין יוד האט גימאכט דיא כלי האטשי ער האט

גיקויפט

גִיקוֹיפְט דָאס מַתְּכוֹת פוּן אַגוֹי דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין דִיא כֵּלִי אִין אַז עֶר הָאט גִימַאכְט דִיא כֵּלִי פַאר אַגוֹי אִין אַיין יוּד הָאט עֶם גִיקוֹיפְט בֵּייא דֶעם יוּד אֵיידִיר דֶער גוֹי הָאט עֶם אוֹיסגִילֵייזְט דַארְף עֶר טוֹבְלִין אָהְן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶר הָאט עֶם גִיקוֹיפְט בֵּייא דֶעם גוֹי נָאךְ דֶעם וִויא דֶער גוֹי הָאט עֶם אוֹיסגִילֵייזְט דַארְף עֶר טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה.

(יא) אַז מֶען הָאט גִיגֶעבִּין מַתְּכוֹת צוּ אַיין גוֹי עֶר זָאלל מַאכִין אַכֵּלִי דַארְף מֶען טוֹבְלִין דִיא כֵּלִי אָהְן אַבְּרָכָה, אִין אַז דֶער גוֹי הָאט צוּ גִילֵייגְט פוּן זַיין מַתְּכוֹת זָאל מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה.

(יב) אַז אַיוּד הָאט פַאר קוֹיפְט אַכֵּלִי אַגוֹי אִין הָאט עֶם צוּרִיק גִיקוֹיפְט פוּן עֶהם דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה, אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען פַארְקוֹיפְט דִיא כֵּלִים אַגוֹי פַאר פֶּסַח דַארְף מֶען נָאךְ פֶּסַח טוֹבְלִין דִיא כֵּלִים וָואס דַארְפִין טְבִילָה, אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען נִיט פַארְקוֹיפִין דִיא כֵּלִים וָואס מֶען בְּרוֹיךְ צוּ טוֹבְלִין נָאר דֶעם חָמֵץ וָואס אִיז אָהְן גִיקְלֶעבְּט אוֹיף דִיא כֵּלִים אִין דִיא כֵּלִים זָאל מֶען אִיהם לֵייעֶן.

(יג) אַז מֶען לֵייעֶט אָדִיר מֶען דִינְגְט אַכֵּלִי פוּן אַגוֹי דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין, מֶען מֶעג זִיךְ בַּאנִיצִין אִימְגִיטוֹבִילְט.

(יד) אַיין גִיוֶועלְבִּיר וָואס קוֹיפְט כֵּלִים פוּן אַגוֹי אוֹיף צוּם פַאר קוֹיפִין דַארְף עֶר זֵייא נִיט טוֹבְלִין נָאר דֶער וָואס קוֹיפְט פוּן עֶהם דִיא כֵּלִים אוֹיף צוּם בַּאנִיצִין דַארְף זֵייא טוֹבְלִין, אִין אַז מֶען לֵייעֶט אָדִיר מֶען דִינְגְט דִיא כֵּלִים פוּן דֶעם גִיוֶועלְבִּיר דַארְף מֶען טוֹבְלִין אָהְן אַבְּרָכָה, אִין אַז עֶם אִיז אַגְרוֹיסִי טִירְחָה צוּ טוֹבְלִין אָדִיר מֶען פַארְכְט זִיךְ מֶען זָאלל זֵייא נִיט צוּ בְּרֶעכִין מֶעג מֶען זִיךְ בַּאנִיצִין מִיט דִיא גִילִיגֶענֶע כֵּלִים אִימְגִיטוֹבִילְט אִין נָאר גְלֶעזִירְנֶע כֵּלִים אָבֶּער אַייזִירְנֶע כֵּלִים מוּז מֶען טוֹבְלִין אָן אַבְּרָכָה אִין אַז מֶען הָאט גִילִיגִין כֵּלִים פוּן אַיוּד וָואס עֶר הָאט גִיקוֹיפְט דִיא כֵּלִים פוּן אַגוֹי אוֹיף צוּ בַּאנִיצִין אִין עֶר הָאט זֵייא נִיט גִיטוֹיבִילְט

דארף

דַארְף עֶר זֵייא טוֹבְלִין דֶער וָואס הָאט גִילִיגְן אִין זָאלל מַאכִין אַבְּרָכָה.

(טו) אַז אַגוֹי הָאט גִילָאזְט אַמַשְׁכּוֹן אַכֵּלִי בֵּייא אֵיין יוּד אַז מֶען זֶעהט דָאס דֶער גוֹי לָאזְט פַּאר פַּאלִין דָאס מַשְׁכּוֹן דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז נִיט אַפִילוּ מֶען וֵוייסְט אַז דֶער גוֹי וֶועט עֶס זִיכֶער אוֹיסְלֵייזִין זָאלל מֶען טוֹבְלִין אָהן אַבְּרָכָה אִין אַז נָאךְ דֶעם הָאט עֶס דֶער גוֹי פַארְפַאלִין גִילָאזְט דַארְף מֶען עֶס נָאךְ אַמָאהל טוֹבְלִין אָהן אַבְּרָכָה.

(יו) אַז מֶען קוֹיפְט כֵּלִים בֵּייא אַגִיוֶועלְבִּיר אַיוּד אִין מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִויא עֶר הָאט זֵייא גִיקוֹיפְט אִין וֶוער עֶס הָאט זֵייא גִימַאכְט, אַז דָאס רוֹב בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אָדִיר דָאס רוֹב גְרוֹיסֵי סוֹחֲרִים פוּן דִיא כֵּלִים זֶענִין גוֹיִם זָאלל מֶען זֵייא טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה, אִין אַז מֶען קָאן פְרֶעגִין דֶעם גִיוֶועלְבִּיר זָאלל מֶען עֶהם פְרֶעגִין, אִין אַז עֶר וֵוייסְט נִיט אִין מֶען וֵוייסְט נִיט צִי דֶער רוֹב אִיז גוֹיִם זָאלל מֶען טוֹבְלִין אָהן אַבְּרָכָה.

(יז) אַז מֶען הָאט גִיגֶעבִּין אַמַשְׁכּוֹן אַכֵּלִי פַאר אֵיין גוֹי אִין הָאט זִיא אוֹים גִילֵייזְט דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין אַפִילוּ עֶר הָאט אִין זִין גִיהַאט נִיט אוֹים צִי לֵייזִין נָאר אַז וֶוען עֶר הָאט גִיגֶעבִּין דֶעם גוֹי דִיא כֵּלִי פַאר אַמַשְׁכּוֹן הָאט עֶר דֶעמָאלְט אִין זִין גִיהַאט נִיט אוֹים צִי לֵייזִין אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר אוֹיסְגִילֵייזְט דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה.

(יח) אַז אַגוֹי הָאט גִיגַאנְבִיט אַכֵּלִי פוּן אַיוּד אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זִיא אָב גִיגֶעבִּין דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין אַפִילוּ דֶער יוּד הָאט זִיךְ מְיַיאֵשׁ גִיוֶועהן, נָאר אַז אַרִיכְטֶער הָאט צִי גֶענִימֶען מִיט דֶער גִיוואלְט אַכֵּלִי פוּן אַיוּד אִין דֶער נָאךְ הָאט עֶר דִיא כֵּלִי אָבְּגִיגֶעבִּין דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז דֶער יוּד הָאט זִיךְ נִיט מְיַיאֵשׁ גִיוֶועהן בְּרוֹיךְ מֶען נִיט צִי טוֹבְלִין.

(יח) אַז אַיוּד מִיט אַגוֹי הָאבִּין גִיקוֹיפְט אַכֵּלִי בְּשׁוּתְּפוּת דַארְף עֶר נִיט טוֹבְלִין דִיא כֵּלִי אִין אַז דֶער יוּד הָאט אָבְּגִיקוֹיפְט

דעם

דֶעם גוֹיִם חֵלֶק דַארְף עֶר טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה.

(יט) אַז אַיוּד הָאלְט אַיין גְלָאז הִיטֶען אִין דִי בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת זֶענִין גוֹיִם זָאלל מֶען טוֹבְלִין דִיא כֵּלִים וָואס מֶען קוֹיפְט פוּן עֶס אָן אַבְּרָכָה אִין דֶער גִיוֶועלְבִּיר וָואס גֶעמְט פוּן דֶער הִיטֶען דַארְף זָאגִין דִיא וָואס קוֹיפִין פוּן עֶהם מֶען זָאלל קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(כ) אַז אַגוֹי הָאלְט אַגְלָאז הִיטֶען הָאטְשֶׁי דִי בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת זֶענִין יִידִין דַארְף מֶען טוֹבְלִין מִיט אַבְּרָכָה נָאר אַז מֶען קוֹיפְט פוּן דֶעם יִידִישִׁין בַּעַל מְלָאכָה דִיא כֵּלִים וָואס עֶר הָאט זַייא גִינוּמִין פַאר זַיין גִיצָאלְט זָאלל מֶען טוֹבְלִין אָהן אַבְּרָכָה אָדֶער מֶען זָאלל טוֹבְלִין מִיט אַיין אַנְדֶערִיר כְּלִי וָואס מֶען בְּרוּךְ זִיבֶער צוּ טוֹבְלִין אִין אֵיינִים אִין מֶען מֶעג מַאכִין עַל טְבִילַת כֵּלִים אִין דָאס אִיז אַכְּלָל וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם שַׁעַר אַז מֶען זָאלל טוֹבְלִין אָן אַבְּרָכָה אִיז בֶּעסִיר מֶען זָאל טוֹבְלִין מִיט אַיין אַנְדֶערִיר כְּלִי אִין אֵיינִים אִין מֶען זָאל מַאכִין אַבְּרָכָה.

(כא) אַיוּדִישֶׁער בַּעַל מְלָאכָה וָואס הָאלְט גוֹיאִישֶׁע גְעהִילְפְן אַז עֶר צָאלְט זַייא פוּן דֶעם טָאג אָדִיר פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען נִיט טוֹבְלִין דִיא כֵּלִים אִין אַז עֶר צָאלְט זַייא פוּן דֶעם שְׁטִיק דַארְף מֶען טוֹבְלִין אָהן אַבְּרָכָה.

(כב) אַגוֹי וָואס הָאלְט יוּדִישֶׁע גְעהִילְפִין דַארְף מֶען טוֹבְלִין דִיא כֵּלִים מִיט אַבְּרָכָה נָאר אַז אַיין יוּד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט מַאכֶען אַכֵּלִי בַּייא דֶעם יוּד מִיט זַיין מַתָּכוֹת דַארְף עֶר נִישְׁט טוֹבְלִין.

(כג) מֶען זָאלל נִיט אָן הַאלְטִין שְׁטַארְק דִיא כֵּלִי בִּשְׁעַת טוֹבְלִין אִין עֶר זָאל זִיךְ אַיין נֶעצִין דִיא הֶענְד קוֹדֶם מִיט דֶעם מִקְוֶה וַואסִיר.

(כה) מֶען זָאלל נִישְׁט טוֹבְלִין כֵּלִים אָן אַבְּרִינֶע אִין פַאר פֶּסַח וָואס דִיא וַואסִירִין זֶענִין גְרוֹיס פוּן דִיא רֶעגִינְס אִין פוּן דִיא שְׁנֵייֶען זָאלל מֶען נִזְהָר זַיין מֶען זָאלל דֶעמָאלִין נִיט טוֹבְלִין אִין דִיא וַואסֶערִין נָאר אִין דֶער מִקְוֶה אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין

מקוה

מקוה מעג מען טובלין אין דעם וואסיר אדיר אין אבריגע אז אמורה הוראה זאגט אז דארט איז אשיעור מקוה אין מען מעג אריין טוען כלים אין אגפיר אדיר אין זאק אין מען זאל האלטין דעם זאק אין דער מקוה ביז ער ווערט פיל מיט וואסיר (כ"כ ברמ"א סי' ר"א ס"ט) נאר מען זאלל ניט אריין טאהן אסאך כלים איינס אויף דעם אנדירין אין מען זאל ניט אריין שטעקין דאס מעסיר אין אנפיר, אין אז מען בינד אהן דיא כלים זאלל מען זעהן דאס בענדיל זאלל זיין שטארק לויז עס זאלל ניט צו קוועטשין דיא כלי, אין מען זאלל ניט אהנפילען דיא כלי מיט וואסיר אין אריין לייגין אין אנפיר אין מען זאל זעהן דאס דיא כלי זאלל זיך אהן פילען מיט דעם וואסיר אין דער מקוה.

(כה) אקלייניר וואס איז נאך ניט אלט קיין דרייצין יאהר אדיר אמיידיל וואס איז ניט אלט קיין צוועליף יאהר, אדיר מען האט זייא ניט בודק גיוועזן צי זייא האבין צווייא האר הינטין זענין זייא ניט באגלייבט אז זייא האבין טובל גיוועזן צאדין אז אגרויסיר מענטש שטייט ביא זייא ביא דער טבילה, אין אז נישט דארף מען נאך אמאהל טובלין אהן אברכה נאר ביא גלעזירנע כלים זענין זייא באגלייבט אז זייא זענין בר מצוה אפילו מען האט זייא נישט בודק גיוועזן צי זייא האבין צווייא האר הינטין.

(כו) אגוי טאהר ניט טובלין קיין כלים צאדין איוד שטייט לעבין עהם אין טובילט אויף אין האט גימאכט אברכה מעג דער גוי אויף טובלין נאר דער יוד זאלל ניט אכטינג געבין ער זאלל גיט טובלין אין אפילו דער יוד האט גאר נישט גיטובילט ברויך מען ניט נאך אמאהל צו טובלין.

(כח) אז מען קאן נישט טובלין דיא כלים דהיינו עס איז שבת אדיר עס איז נישט דא קיין מקוה זאלל מען שענקין דיא כלים אגוי אין נאך דעם זאלל מען זייא לייען ביא דעם גוי, אין נאך שבת זאל מען זייא טובלין אן אברכה אדיר ער זאל אהן שעפין

וואסיר

וואסיר מיט דער כלי פון דער מקוה אין זאל דאס וואסיר באניצין צום טרינקין אדיר דיא הענד וואשין וועלין זייא ממילא גיטובילט זיין אין זאלל ניט אברכה מאכין.

(כט) אז מען קויפט איין אלטע כלי פון אגוי וואס מען ברויך דיא כלי צו כשרין זאלל מען קודם כשרין אין דער נאך טובלין אין אז מען האט פריר גיטובילט ברויך מען נאך דעם כשרין נאך אמאהל צו טובלין אהן אברכה.

# שַׁעַר נט דִינִים פֿין מְזוּזָה

(א) אַז מֶען שְׁלָאגְט אָן אַמְזוּזָה מַאכְט מֶען פַאר דֶעם אָן שְׁלָאגִין, בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (לִקְבּוֹעַ מְזוּזָה) אֵיין צוּ זֶעצִין אַמְזוּזָה, אִין אַפִּילוּ עֶר הָאט אַסַאךְ מְזוּזוֹת אָן צוּ שְׁלָאגִין בֵּייא אַסַאךְ טִירֶען זָאלל עֶר אֵיין בְּרָכָה מַאכִין אִין זָאל נִיט מַפְסִיק זֵיין בִּיז עֶר שְׁלָאגְט אָן אַללֶע מְזוּזוֹת אִין אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶוען נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט אָנְגִישְׁלָאגִין אֵיין מְזוּזָה דַארְף עֶר נִיט מַאכִין קֵיין אַנְדִירֶע בְּרָכָה אָבֶּער אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶוען אֵיידִיר עֶר הָאט אָן גִישְׁלָאגִין אֵיין מְזוּזָה מִיט אַוָוארְט וָואס קֶער זִיךְ נִיט אָן צוּ דֶער מְזוּזָה דַארְף עֶר נָאךְ אַמָאל אַבְּרָכָה מַאכִין.

(ב) אֵיין הוֹיף וָואס הָאט אַטִיר אִין עֶס אִיז דָא צְווייא הֶעלְצִלִיךְ אִין דִיא זַאמְט פִֿין דֶער טִיר אִין אִין אֵיין הֶעלְצִיל פִֿין אוֹיבִין, אִיז חַיָּיב בִּמְזוּזָה, אִין אַז אַגוֹי זִיצְט אוֹיךְ אִין דֶעם הוֹיף אִיז דֶער דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ו׳.

(ג) אַשְׁטַאל אִין אַקַאמִיר פִֿין עוֹפוֹת אִיז פָּטוּר פִֿין מְזוּזָה נָאר אַז אַמֶענְטְשׁ זִיצְט דָארְט תָּמִיד אִין גֶעבְּטִיגְט דָארְט אִיז חַיָּיב בִּמְזוּזָה.

(ד) אַבֵּית הַכִּסֵּא אָדִיר אַמֶרְחָץ אִיז פָּטוּר פִֿין מְזוּזָה, אִין אַקַאמִיר וָואס מֶען הָאלְט הָאלְץ אָדִיר הֶייא אִיז חַיָּיב נָאר אַז נָשִׁים בָּאדִין זִיךְ דָארְט אִיז פָּטוּר אִין אַמַאגַאזִין פִֿין ווַיין אָדִיר אַנְדִירֶע זַאכִין אִיז חַיָּיב.

(ה) אַשְׁטִיב וָואס אִיז בְּשׁוּתָּפוּת מִיט אַגוֹי אָדִיר עֶר הָאט גִידִינְגִין פִֿין אַגוֹי אַז דֶער גוֹי זִיצְט נִיט דָארְט אִין דֶער גוֹי וֶועט נִיט קָאנִין אַרָאפּ נֶעמִין דִיא מְזוּזָה אִיז חַיָּיב אִין אַז דֶער גוֹי זִיצְט אִין אֵיין חֶדֶר אִין דֶער יוּד אִין אַנְדִירִין חֶדֶר דַארְף דֶער יוּד אָן שְׁלָאגִין אַמְזוּזָה בֵּייא זֵיין חֶדֶר אִין דָאס חֶדֶר וָואס זֵייא בַּאנִיצִין בֵּיידִי אַז עֶס אִיז נִיט קֵיין חַשַׁשׁ סַכָּנָה אָדִיר דֶער גוֹי זָאל אַרָאפּ נֶעמִין דִיא מְזוּזָה זָאל מֶען אָן קְלַאפִּין אַמְזוּזָה אָן אַבְּרָכָה. אָדִיר אִינְאֵיינִים מִיט דֶער מְזוּזָה פִֿין זֵיין חֶדֶר.

(ו) אַבֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאל מֶען אָן שְׁלָאגִין אַמְזוּזָה אָן אַבְּרָכָה אִין אַשִׁיל אִיז פָּטוּר, אִין אַז עֶס אִיז דָא אַשְׁטִיבֶּעל וָואס דֶער

שַׁמָשׁ זִיצְט דָארְט אִיז חַיָיב ׃

(ז) אַסוּכָּה אִין סוּכּוֹת אִיז פָּטוּר אִין אַז מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ דָארְט אַגַאנְץ יָאהְר אִין מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דֶעם בּוֹידֶעם אִיז חַיָיב אִין דַארְף זִיא נִיט אַרָאפּ נֶעמִין נָאךְ סוּכּוֹת אִין צִירִיק אַרוֹיף לֵייגִין ׃

(ח) אַגִיוֶועלְבּ בֵּייא דֶער שְׁטִיבּ אִיז חַיָיב אִין אַז דָאס גִיוֶועלְבּ אִיז אִין מַארְק אַז עֶס אִיז דָא דָארְט תָּמִיד סְחוֹרָה זָאל מֶען אָן שְׁלָאגִין אַמְזוּזָה אָן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין סְחוֹרָה נָאר וֶוען דֶער מַארְק אִיז אִיז פָּטוּר ׃

(ט) אַשְׁטִיבּ וָואס הָאט נִיט קֵיין פִיר אֵיילִין דִיא לֶענְג אִין פִיר אֵיילִין דִיא בְּרֵייט דָאס אִיז לֶערֶךְ דְרֵייא וִוינֶער אֵיילִין אִיז פָּטוּר אִין אַז דִיא בְּרֵייט הָאט נִיט קֵיין פִיר אֵיילִין אִין אִיז לֶענְגִיר פִין פִיר אֵיילִין אַז לוֹיט הֶשְׁבּוֹן קְוַואדְרַאט וֶועט גִיוֶוען פִיר אֵיילִין אִין דֶער בְּרֵייט אוֹיךְ זָאל עֶר אָנְשְׁלָאגִין אַמְזוּזָה אָן אַבְּרָכָה נָאר אֵיין אַלְקֶער וָואס אִיז אִין שְׁטִיבּ מִיט אַטִיר צוּ דֶער שְׁטִיבּ אִיז חַיָיב הָאטְשֶׁי עֶר הָאט נִיט קֵיין פִיר אֵיילִין ׃

(י) אַשְׁטִיבּ וָואס הָאט קֵיין בּוֹידִים אִין קֵיין דַאךְ אִיז פָּטוּר אִין אַז עֶס אִיז צוּ גִידֶעקְט פִיר אֵיילִין וויא אין אות ט׳ בֵּייא דֶער טִיר אִיז חַיָיב אִין אַז עֶר הָאט גִילֵייגְט אַמְזוּזָה בִּיז עֶס אִיז נִיט גִיוֶוען צוּ גִידֶעקְט אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר צוּ גִידֶעקְט זָאל עֶר אַרָאפּ נֶעמִין דִיא מְזוּזָה אִין נָאךְ אַמָאל אָנְשְׁלָאגִין מִיט אַבְּרָכָה, אָבֶּער אַז עֶר הָאט אָנְגִישְׁלָאגִין בִּיז עֶס אִיז גִיוֶוען צוּ גִידֶעקְט אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר אוֹיף גִידֶעקְט דַארְף עֶר נִיט אַרָאפּ נֶעמִין דִיא מְזוּזָה ׃

(יא) מֶען זָאל קוֹדֶם אַרוֹיף לֵייגִין דִיא טִיר אִין נָאךְ דֶעם זָאל מֶען אָנְשְׁלָאגִין דִיא מְזוּזָה אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין טִיר אָדִיר מֶען קָאן נִיט אַרוֹיף לֵייגִין דִיא טִיר זָאל מֶען אָנְשְׁלָאגִין אָן אַבְּרָכָה אָדִיר מֶען זָאל דִיא מְזוּזָה אַרוֹיף שְׁלָאגִין וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַרוֹיף אוֹיף אֵיין אַנְדִיר אָרְט אַמְזוּזָה אִין מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אִיז מֶען יוֹצֵא מִיט יֶענִיר בְּרָכָה אִין אַז מֶען לֵייגְט דֶער נָאךְ אַרוֹיף

דִיא

דִיא טִיר מִיז מֶען דִיא מְזוּזָה אַרָאפּ נֶעמִין אִין צִירִיק אַרוֹיף שְׁלָאגִין אִין אוֹיף דֶער בְּרָכָה זָאל מֶען פְרֶעגִין אַשַׁאלָה וָוארִין עֶס אִיז דָא חִילוּקִים.

(יב) אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִיא מְזוּזָה אִיבֶּער קֶוקֶען אִין מֶען שְׁלָאגְט זִיא אָהְן תֵּיכֶף צִירִיק דַארְף מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין אִין אַז עֶס גִידוֹיעֶרְט אַסַאךְ צַייט אָדִיר עֶר קַלַאפְּט אָהְן אֵיין אַנְדֶערִי מְזוּזָה דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין, אִין אַז דִיא מְזוּזָה אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין אִין מֶען שְׁלָאגְט זִיא אָהְן אֲפִילוּ תֵּיכֶף דַארְף מֶען אַבְּרָכָה מַאכִין.

(יג) אַז עֶר הָאט אָהְן גִישְׁלָאגִין דִיא מְזוּזָה אָהְן אַבְּרָכָה קָאן עֶר שׁוֹין נִישְׁט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה צַאדִין עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט פַארְטִיג מִיט דֶעם אָהְן שְׁלָאגִין.

(יד) מֶען בְּרוֹיךְ נִיט אָהְן צִי שְׁלָאגִין אַמְזוּזָה צַאדִין דִיא צְווייא זֵייטִין פִּין דֶעם טִיר שְׁטָאק זֶענִין הוֹיעֶךְ צֶעהְן טְפָחִים אִין אוֹיף זֵייא אִיז אַמַשְׁקוֹף אֲפִילוּ דִיא טִיר שְׁטָאק מִיט דֶעם מַשְׁקוֹף אוֹיוִין אִיז נִיט פִּין הָאלְץ אָדִיר פִּין אַנְדִירִי שְׁטֵיינִיר נָאר פִּין דֶער וַואנְט אַלֵיין אִין אוֹיוִין אִיז דֶער בַּאלְקִין, אִין דִיא טִיר מִיז בְּרֵייט זֵיין פִיר טְפָחִים.

(טו) מֶען דַארְף אָהְנְשְׁלָאגִין דִיא מְזוּזָה אִין דֶער רֶעכְטִיר זֵייט פִּין וִויא מֶען קִימְט אַרֵיין אִין שְׁטִיבּ, אִין אַז מֶען הָאט אָהְן גִישְׁלָאגִין אִין דֶער לִינְקֶער זֵייט אִיז זִיא פָּסוּל אִין מֶען בְּרוֹיךְ זִיא אַרָאפּ צִי נֶעמִין אִין אָהְן שְׁלָאגִין אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר זֵייט מִיט אַבְּרָכָה אַז עֶר הָאט מַפְסִיק גִיוֶועהְן אִין מֶען דַארְף אָהְנְשְׁלָאגִין אִין אָנְהֵייבּ פִּין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִין דְרִיטֶעל פִּין דֶער טִיר אִין אַז מֶען הָאט אָהְנְגִישְׁלָאגִין הֶעכִיר אִיז כָּשֵׁר נָאר עֶס זָאל זֵיין וַוייט אַטֶפַח פִּין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִין הֶעלְצִיל, אִין מֶען זָאלל זִיא לֵייגִין אִין דֶער קָרִים נִיט גְלֵייךְ אִין דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטִיר עֶק פִּין דֶער מְזוּזָה זָאלל זֵיין צִי דֶער שְׁטִיבּ אִין מֶען זָאלל זִיא לֵייגִין צִי דֶעם חָלָל פִּין דֶער טִיר נִיט אִין דֶער זֵייט פִּין דֶער טִיר אִין אַז מֶען

קאן

קאָן נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן לֵייגְען אִין דֶעם חָלָל וַוייל דִיא גוֹיִם וֶועלִין זִיא אַרָאפּ נֶעמִין זָאלל מֶען לֵייגִין אִין דֶער זַייט אִין דֶער שְׁטִיבּ עֶם זָאלל נִישְׁט זַיין קַיין טֶפַח בִּיז צִי דֶער טִיר אִין זָאלל נִישְׁט קַיין בְּרָכָה מַאכִין.

(טז) אַז דִיא שְׁטִיבּ אִיז צִיטֵיילְט אִין צְווייעֶן אִין בֵּייא יֶעדִיר שְׁטִיבּ אִיז דָא אַטִיר צִי דֶער גַּאס אִין בֵּייא דֶער מִיטֶעל וַואנְט אִיז אוֹיךְ דָא אֵיין טִיר אַז אֵיין שְׁטִיבּ אִיז דֶער עִיקָר זָאלל מֶען לֵייגִין דִיא מְזוּזָה אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר זַייט פִּין וִויא מֶען גֵייט אִין דֶער שְׁטִיבּ וָואס אִיז דֶער עִיקָר אִין אַז זֶענִין בֵּיידִי גְלַייךְ זָאלל מֶען לֵייגִין דִיא מְזוּזָה אוֹיף דֶער רֶעכְטִיר זַייט פִּין וִויא מֶען גֵייט אַרֵיין אִין דֶער שְׁטִיבּ וָואס דִיא טִיר אִיז דָארְט אָנְגִישְׁלָאגִין, אִין דֶעם דִין אִיז נָאךְ דָא חִילוּקִים אִיבֶּער דֶעם זָאלל מֶען פְרֶעגִין אַשַׁאֲלָה.

(יז) מֶען דַארְף קוֹיפִין דִיא מְזוּזוֹת פִּין אַסוֹפֵר וָואס עֶר אִיז מוּחְזָק פַּאר אַיְרָא שָׁמַיִם, נִיט מַארק מְזוּזוֹת וָואס מֶען ווייסְט נִיט וֶוער עֶם הָאט זַייא גֶעשְׁרִיבִּין אַפִילוּ מֶען לָאזְט זַייא אִיבֶּער זֶעהְן בֵּייא אֵיין סוֹפֵר וָוארִין עֶס אִיז שְׁכִיחַ וָואס עֶס שְׁרֵייבִּין זֵיי יוּנְגְלַייךְ וָואס ווייסִין נִיט נִזְהָר זַיין אִין דִיא דִינִים אִין דִיא מְזוּזוֹת זֶענִין פָּסוּל הָאטְשִׁי מֶען זֶעהְט נִיט דֶעם פְּסוּל, אִין אִיז נִיט מְקַיֵּים דִיא מִצְוָה פִּין מְזוּזָה אִין מֶען מַאכְט אַבְרָכָה לְבַטָלָה, עֶר זָאלל נִישְׁט קִיקְען וָואס עֶס קָאסְט עֶהם טֵייעֶרִיר וָוארִין דִיא מִצְוָה פִּין מְזוּזָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אִין בְּרֶענְגְט צִי אֲרִיכוּת יָמִים עֶהם מִיט זֵיינֶע קִינְדִיר וִויא עֶס שְׁטֵייט לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם.

(יח) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ חֲדָרִים אִין זַיין שְׁטִיבּ זָאל עֶר בֵּייא אַלֶע טִירֶען אָנְשְׁלָאגִין מְזוּזוֹת הָאטְשִׁי עֶר שְׁלָאפְט נִיט נָאר אִין אֵיין שְׁטִיבּ.

(יט) אֵיידִיר מֶען שְׁלָאגְט אָהן דִיא מְזוּזָה זָאל מֶען זִיא לָאזִין אִיבֶּער זֶעהְן בֵּייא אֵיין סוֹפֵר אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא אַסוֹפֵר דָארְט זָאל עֶר אַלֵיין אִיבֶּער זֶעהְן גִיט עֶס זָאל נִיט זַיין קַיין שׁוּם פֶּעלִיר, אִין

אִין אַז מֶען הָאט זִיא שׁוין לַאנְג נִיט אִיבֶּער גִיזֶעהֶן זָאלל מֶען זִיא אַרָאפּ נֶעמִין אִין לָאזִין אִיבֶּער זֶעהֶן ׃

(כ) אַז מֶען שְׁלָאגְט אָהן דִיא מְזוּזָה זָאלל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבִּין דָאס צְוֶועקִיל זָאל נִיט אַרַיין קוּמֶען אִין דֶער מְזוּזָה זִי זָאל נִיט פָּסוּל וֶוערִין ׃

## שַׁעַר ס דִינִים פוּן פִּדְיוֹן הַבֵּן

(א) דֶעם אֵיינִים דְרַייסִיגְסְטֶען טָאג פוּן וֶוען דֶעם בְּכוֹר וֶוערְט גִיבָּארִין דַארְף עֶס דֶער פָּאטִיר אוֹיס לֵייזִין מִיט פִינֶעף סְלָעִים אִין וִויפִיל דָאס אִיז לוֹיט אִינְזֶער גֶעלְד זָאל עֶר פְרֶעגִין אַשַׁאֲלָה אָדִיר מִיט אַזאךְ וָואס אִיז וֶוערְט אַזוֹי פִיל, אִין אֵיידִיר עֶר גִיט דֶעם כֹּהֵן זָאלל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ד׳ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ (עַל פִּדְיוֹן הַבֵּן) אוֹיף דֶעם אוֹיס לֵייזִין דֶעם זִין, אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר מַאכִין שֶׁהֶחֱיָינוּ, אִין נָאךְ דֶעם תֵּיכֶף זָאל עֶר גֶעבִּין דָאס גֶעלְד אָדִיר דָאס חֵפֶץ דֶעם כֹּהֵן אִין אַז עֶר הָאט פְרִיעֶר גִיגֶעבִּין דָאס גֶעלְד זָאל עֶר נִישְׁט מַאכִין אַבְּרָכָה אִין אַז דִיא מוּטֶער הָאט אוֹיס גִילֵייזְט מִיט דֶעם מַאנְ׳ס גֶעלְד דַארְף דֶער פָּאטִיר נָאךְ אַמָאהל אוֹיס לֵייזֶען אָהן אֵיין בְּרָכָה ׃

(ב) אַז דֶער פָּאטִיר הָאט עֶהם נִישְׁט אוֹיס גִילֵייזְט דַארְף עֶר זִיךְ אַלֵיין אוֹיס לֵייזִין וֶוען עֶר וֶוערְט אַלְט דְרַייצִין יָאהר מִיט אַטָאג, אִין זָאל מַאכִין אַבְּרָכָה עַל פִּדְיוֹן הַבְּכוֹר, אִין אַשֶׁהֶחֱיָינוּ ׃

(ג) אַז דֶער פָּאטִיר אִיז נִיט אִין דֶער הֵיים אִין קָאן נִישְׁט אַהֵיים קוּמִין אוֹיס לֵייזִין זָאל עֶר אוֹיס לֵייזִין דָארְט וִויא עֶר אִיז חָאטְשִׁי דָאס קִינְד אִיז נִיט דָארְט ׃

(ד) אַז מֶען גִיט דֶעם כֹּהֵן אַזאךְ וָואס אִיז נִיט וֶוערְט קֵיין פִינֶעף סְלָעִים אִין דֶער כֹּהֵן הָאט עֶס אָהן גִינוּמִין פַאר פִינֶעף סְלָעִים זָאלל עֶר פְרֶעגִין אַשַׁאֲלָה וֶוען עֶר בְּרוֹיךְ נָאךְ אַמָאהל אוֹיס צִי לֵייזִין אִין וֶוען נִיט ׃

(ה) אַז עֶר גִיט דֶעם כֹּהֵן אַמַשְׁכּוֹן הֶעלְפְט נִיט דֶער פִּדְיוֹן

צאדין

צאדין ער זאגט דעם כהן דאס ער גיט איהם דיא זאך פאר דעם געלד אין אז דיא זאך איז מער ווערט זאל ער מעגין פארקויפין דיא זאך אליין אין וויפיל ער וועט נעמין מעהר זאלל ער איהם אב געבין.

(ו) אז בשעת ער האט גיגעבין דעם פדיון איז גיוועזן זיין דעה דאס דער כהן זאל עם אב געבין איז דא חילוקים ווען עם העלפט דער פדיון צאדין ער האט גיזאגט דאס ער גיט עם במתנה אויף דעם תנאי ער זאל עם אפ געבין, איבער דעם ווער עם האט אזוי בדעה זאל אזוי זאגין.

(ז) אז דער איינים דרייסיגסטער טאג גיפאלט זיך אין שבת אדיר אין יום טוב זאל מען אוים לייזין דיא נאכט אדיר באטאג (וויא דער מנהג איז דארט) וואס נאך שבת אדיר נאך יום טוב אין אז עם גיפאלט זיך אין אתענית זאל מען אוים לייזין באטאג אין דיא סעודה מאכין באנאכט.

(ח) אז זיא האט מפיל גיוועזן פריער זאלל מען פרעגין אשאלה ווארין עם איז דא אין דעם חילוקים.

(ט) אז דער פאטיר אדיר דיא מוטער איז אכהן אדיר אלוי דארף מען ניט אוים לייזין.

(י) אז דאס קינד איז גישטארבין נאך דיא דרייסיג טאג אין מען האט עם ניט אוים גילייזט דארף עם דער פאטיר אוים לייזין אין מאכין אברכה על פדיון הבן אין ניט קיין שהחיינו.

(יא) וויא עם איז אספק צו מען דארף עם אוים לייזין זאל מען עם אוים לייזען אין זאל געבין דעם פדיון במתנה אויף דעם תנאי ער זאל עם אב געבין.

## שער סא דינים פון חלה

(א) איידיר מען שייט אפ דיא חלה זאל מען מאכין דיא ברכה ברוך אתה ד׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וציונו להפריש תרומה חלה דיא טייטש איז אזוי (ברוך אתה ד׳) גילובט ביסטו גאט (אלהינו) אינזער גאט (מלך העולם) דער

מֶלֶךְ פוּן דֶער וֶועלְט (אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ) וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיהֵיילִיגְט (בְּמִצְוֹתָיו) מִיט זַיינֵי מִצְוֹת (וְצִוָּנוּ) אוּן הָאט אוּנְז גִיבָּאטִין (לְהַפְרִישׁ אָפּ שֵׁיידִין (תְּרוּמַת חַלָּה) חַלָּה וָואס הֵייסְט תְּרוּמָה אוּן אַז מֶען הָאט גִיזָאגְט נָאר לְהַפְרִישׁ תְּרוּמָה אָדִיר נָאר לְהַפְרִישׁ חַלָּה הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועזֶן אוּן נָאךְ דִיא בְּרָכָה זָאל* מֶען זָאגִין הֲרֵי זוֹ חַלָּה אוּן אַז מֶען הָאט נִיט גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה בִּיז מֶען הָאט פַארְטִיג גִימַאכְט דָאס אָפּ שֵׁיידִין דִיא חַלָּה זָאל מֶען שׁוֹין קֵיין בְּרָכָה נִיט מַאכִין.

(ב) אֵיין אַנְדִירֶער טָאר נִיט נֶעמִין קֵיין חַלָּה אָן רְשׁוּת פוּן דֶעם וָואס דָאס טֵייג קֶער זַיין נָאר אַז מֶען זֶועט דָאס טֵייג וֶועט פַארְדָארְבִּין וֶוערִין אַז מֶען וֶועט וַוארְטִין זָאל מֶען עֶס בַּאקִין אוּן דֶער וָואס דָאס טֵייג קֶער זַיין זָאל דֶער נָאךְ נֶעמִין חַלָּה אוּן אַז אֵיין אַנְדֶערִיר הָאט גֶענִימִין חַלָּה פַאר דֶעם בַּאקִין אִיז אַשְׁאֵלָה (יעוין קצה״ח סי׳ רמ״ג ובית הלל יו״ד סי׳ שכ״ח ובהגהות הגאון רב״פ שם).

(ג) אַז דָאס טֵייג אִיז בְּשׁוּתָפוּת אוּן זֵייא ווִילֶען נִישְׁט צוּ טֵיילִין בִּיז נָאךְ דֶעם בַּאקִין מֶעג אֵיינֶער נֶעמִין חַלָּה אָהן רְשׁוּת פוּן דֶעם אַנְדֶערִין שׁוּתָּף וֵוייל דֶעם אַנְדֶערִין שׁוּתָּף אִיז מִן הַסְתָם נִיחָא אַז עֶר זָאלל נֶעמִין חַלָּה אוּן אַפְרֶעמְדִיר מִיז נֶעמִין רְשׁוּת פוּן בֵּיידֵי שׁוּתָּפִים.

(ד) אַז מֶען הָאט גִינִימֶען אֲפִילוּ אַקְלֵיין שְׁטִיקִיל חַלָּה פוּן אַגְרוֹיס טֵייג הָאט מֶען יוֹצֵא גִיוֶועהְן נָאר דֶער מִנְהַג אִיז צוּ נֶעמִין אַשְׁטִיקִיל וִויא אֵיין הַאלְבּ הִינִירִין אֵיי.

(ה) עֶס אִיז נִישְׁט חַיָּיב בְּחַלָּה נָאר פוּן דִיא פִינֶעף מִינֵי דָגָן דָאס אִיז וֵוייץ, גֶערְשְׁטִין, קָארִין, הָאבֶּער אַלַאקִ, אוּן אַז מֶען הָאט אוֹיסגִימִישְׁט מֶעהל פוּן דִיא אַלֶע פִינֶף מִינֵי דָגָן אִיז זִיךְ מְצָרֵף.

(ו) אַז מֶען הָאט אוֹיסגִימִישְׁט מֶעהל פוּן אֵיינְס פוּן דִיא פִינִיף מִינֵי דָגָן מִיט מֶעהל פוּן אַנְדִירֵי מִינִים אַז עֶס אִיז דָא אַשִׁיעוּר חַלָּה פוּן דֶעם מִין דָגָן וִויא עֶס שְׁטֵייט אוּן אוֹת ה׳* וֶוען

מען

---

*זאל מען אב שיידן די חלה און מען זאל *אין אות ז׳

מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אִין דָאס מִין דָגָן אִיז דָאס רוֹב אִיז עֶס חַיָיב בְּחַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז אִיז נִיט גִיוֶועהן קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין מִין דָגָן נָאר אִינְאֵיינִים מִיט דֶעם אַנְדֶערִין מִין אִין עֶס אִיז גִיוֶועהן דָאס רוֹב אָדֶער עֶס אִיז נִיט גִיוֶועזְן אִין מִין דָגָן אַרוֹב אֲפִילוּ עֶס אִיז אַשִׁיעוּר חַלָּה אִין מֶען פִילְט אִין טֵייג אַטַעַם פוּן מִין דָגָן זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָהן אַבְּרָכָה אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן וֶוינִיגֶער וִויא 2 לִיטֶער מִיט אַפִּיפְטֶעל מֶעהל מִין דָגָן אָדִיר מֶען פִילְט נִיט קֵיין טַעַם פוּן מִין דָגָן אִין בְּרוֹיט אִיז עֶס פָּטוּר פוּן חַלָּה נָר אַז מֶען הָאט אוֹיס גִימִישְׁט ווייצֶען מֶעהל מִיט מֶעהל פוּן רֵייז אָדִיר פוּן הִירְשׁ אָדִיר פוּן טֶעגְגְרִי (מַאלַאי) אַז מֶען פִילְט אַטַעַם פוּן ווייץ אִין בְּרוֹיט אֲפִילוּ עֶס אִיז וֶוינִיגֶער וִויא אַקִילָא מֶעהל אִין גִישְׁט קֵיין רוֹב זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָהן אַבְּרָכָה אַז אִין גַאנְצִין טֵייג אִיז אַשִׁיעוּר חַלָּה אִין אַז דִיא תְּבוּאָה אִיז גִיוֶועהן אוֹיס גִימִישְׁט אִין מֶען הָאט גִימָאהלִין אִין אֵיינִים אִיז וִויא גְלֵייךְ מֶען הָאט אוֹיס גִימִישְׁט מֶעל נָאר מֶען דַארְף זִיךְ מְשַׁעֵר זַיין צִי עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין גִיזִיפְּט מֶעהל אַשִׁיעוּר חַלָּה פוּן דֶעם מִין דָגָן אִין דֶעם טֵייג, וִויא עֶס שְׁטֵייט פְרִיהֶר.

(ז) דֶער שִׁיעוּר חַלָּה דָאס טֵייג זָאל זַיין חַיָיב בְּחַלָּה אִיז פוּן צְווייא לִיטֶער מִיט אַפִּיפְטִיל מֶעהל נִיט גֶעהוֹיפְט נָאר גְרָאד זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָהן אַבְּרָכָה אִין פוּן וֶוינִיגֶער דַארְף מֶען קֵיין חַלָּה נֶעמִין אִין פוּן פִיר לִיטֶער מִיט צְווייא פִיפְטִיל מֶעהל זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין גִישְׁט גִיזִיפְּט מֶעהל זֶענִין זִיךְ דִיא קְלֵייעֶן אוֹיךְ מְצָרֵף צִי דֶעם שִׁיעוּר אָבֶער אַז מֶען הָאט אַרַיין גִימִישְׁט קְלֵייעֶן אִין מֶעהל זֶענִין זִיךְ דִיא קְלֵייעֶן נִיט מְצָרֵף צִי דֶעם שִׁיעוּר.

(ח) אַז מֶען הָאט אוֹיס גִימִישְׁט מֶעהל פוּן דִיא פִינְף מִינֵי דָגָן מִיט רִיבְּלִיךְ (עֶרְד עֶפִּיל) אָדִיר מִיט הַארְבִּיזִים (דוּנְיֶע) הָאט עֶס דֶעם דִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ו' וֶוען מֶען מִישְׁט אוֹיס מִיט אַנְדֶערֶע מִינִים, אִין מֶען מֶעג נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם טֵייג

אליין

אַלֵיין נָאר עֶס אִיז בְּעסֶר אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַשְׁטִיקִיל טֵייג אוֹיף חַלָּה אֵיידִיר מֶען מִישְׁט אַרֵיין דִיא עֶרְד עֶפִּיל (עיין הטעם בזה בש״ב הלון י״ד. ודו״ק היטב כי קצרתי וגם בקיצר ש״ע החדש הביא להשיג בזה על הח״ס ויש נהגו לעשות עיסה קטנה ומניחים על העיסה ולוקחים ממנו חלה על העיסה ויש לחוש הרבה כשאין נושכין הוי לוקח חלה מן הפטור על החיוב ואף במקום שיש צירוף ס״ל מ״מ כיון דהעיסה קטנה אינו בחוכוץ ומקפיד על תערובתו אסור ליקח מכנו הלה על השאר) אִין אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין אוֹיף דִיא עֶרְד עֶפִּיל אָדִיר דִיא הַארְבִּיזֶעס אַלֵיין גָאר אָהְן וַואסִיר חָאטְשִׁי עֶס אִיז גִיוֶועהְן אַשִׁיעוּר חַלָּה אִין מֶעהל אַלֵיין זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָהְן אַבְּרָכָה.

(ט) צְווייא טֵייגִין וָואס אִין יֶעדִירִין בַּאזוּנְדֶער אִיז נִיט דָא קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין אִין בֵּיידִי אִיז דָא אַשִׁיעוּר חַלָּה אַז מֶען קְלֶעבְּט אָהְן אֵיינִם אִין אַנְדִירִין דָאס זֵייא זָאלִין זַיין אָהְנְגִיהֶעפְט אִינַאיינִים, זֶענִין זֵייא חַיָּיב בְּחַלָּה, נָאר אַז עֶר אִיז מַקְפִּיד דָאס זֵייא זָאלִין זִיךְ נִיט אוֹיסמִישִׁין דְהַיְינוּ אֵיין טֵייג אִיז פוּן פֵיין מֶעל אִין אֵיין טֵייג אִיז פוּן גִימֵיין מֶעהל אָדִיר אֵיין טֵייג אִיז גִיקְנֶעטִין מִיט זַאפִּירִין אִין אֵיינִם נִיט אָדִיר אֵיין טֵייג אִיז גִיקְנֶעטִין מִיט אֵייעֶר אִין אֵיינִם נִיט, זֶענִין זִיךְ נִישְׁט מְצָרֵף, אִין אַז יֶעדֶערֶעס טֵייג קֶער צִי אֵיין אַנְדִירִין מֶענְטשׁ זֶענִין זֵייא זִיךְ נִיט מְצָרֵף אִין אַז זֵייא זֶענִין נִיט מַקְפִּיד זֵייא זָאלִין זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִישִׁין זֶענִין זִיךְ מְצָרֵף אִין צְווייא שׁוּתָּפִים אָדִיר תַּלְמִידִים וָואס לֶערְנִין בֵּייא אֵיין רֶבִּי זֶענִין מִן הַסְתָם נִישְׁט מַקְפִּיד אִין אַז יֶעדִירִים טֵייג אִיז פוּן אֵיין אַנְדִיר מִין זֶענִין זֵייא זִיךְ נִישְׁט מְצָרֵף צַאדִין אוֹיף דֶעם אוֹפָן וֵוייץ מִיט אַלַאק, קָארִין מִיט גֶערְשְׁטִין אָדִיר מִיט אַלַאק, גֶערְשְׁטִין מִיט אַלַאק, הָאבִּיר מִיט גֶערְשְׁטִין אָדִיר מִיט אַלַאק, אִין הָאבִּיר מִיט קָארִין אִיז אַסָפֵק צִי זֵייא זֶענִין זִיךְ מְצָרֵף, אִין אַז עֶר הָאט אוֹיסגִימִישְׁט בֵּיידִי טֵייגִין בִּיז זֵייא זֶענִין גִיוָוארִין אֵיין טֵייג זֶענִין זֵייא זִיךְ מְצָרֵף אוֹיף אַלֶע פֶעל.

(י) אַז אֵיין טֵייג אִיז פוּן תְּבוּאָה וָואס מֶען הָאט גִישְׁנִיטִין פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אֵיין טֵייג אִיז פוּן תְּבוּאָה וָואס מֶען הָאט

גישניטין

גִישְׁנִיטִין נָאךְ ראש הַשָּׁנָה, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין יֶעדִירִין בַּאזוּנְדֶער קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה נָאר אִין בֵּיידִי אִין אֵיינִים אִין זֵייא הָאבִּין זִיךְ אָהִין גִיקְלֶעבְּט טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם טֵייג נָאר עֶר זָאלל נֶעמִין חַלָּה פוּן אַנְדֶער טֵייג וָואס מֶען הָאט נָאךְ נִיט חַלָּה גִינִימִין פוּן אַטֵייג פוּן חָדָשׁ אוֹיף דֶעם חָדָשׁ אִין פוּן אַטֵייג יָשָׁן אוֹיף דֶעם יָשָׁן, אִין אַז אִין יֶעדִירִין בַּאזוּנְדִיר אִיז דָא אַשִׁיעוּר חַלָּה זָאלל עֶר נֶעמִין חַלָּה פוּן יֶעדִירִין בַּאזוּנְדִיר עֶר טָאהר נִיט נֶעמִין פוּן אֵיינִים אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין, אִין אַז עֶר הָאט אָבְּגִישֵׁייד פוּן אֵיינִים אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין זָאלל עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם אַנְדִירִין טֵייג מִיט אַבְּרָכָה׃

(יא) צְווֵייא טֵייגִין וָואס אִין יֶעדִירִין בַּאזוּנְדֶער אִיז נִיט גִיוֶועזִין קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין עֶר הָאט גִינִימֶען פוּן יֶעדִירִין טֵייג חַלָּה אִיז נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זֵייא אָנְגִיקְלֶעבְּט אָדִיר אוֹיס גִימִישְׁט אָדִיר עֶר הָאט זֵייא אַרַיין גִיטָאן אִין אֵיין כֵּלִי אִין אִין בֵּיידִי אִיז אַוַדַאי דָא אַשִׁיעוּר חַלָּה זָאל עֶר נָאךְ אַמָאל נֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז בְּשַׁעַת עֶר הָאט דָאס עֶרְשְׁטִי מָאל גִינִימֶען חַלָּה אִיז גִיוֶועזִין אַסָפֵק צוּ עֶס אִיז אַשִׁיעוּר חַלָּה אִין יֶדִירִין עֶקסְטִיר דְהַיְינוּ זֵייא זֶענִין גִיוֶועזִין וֵוייניגֶער פוּן לִיטֶער מִיט 2 פִּיפְטֶעל אִין מֶעהר פוּן 2 לִיטֶער מִיט אַפִּיפְטֶעל אִין נָאךְ דֶעם הָאט עֶר זֵייא אוֹיס גִימִישְׁט אָדִיר אָנְגִיקְלֶעבְּט אָדִיר אַרַיין גִיטָאן אִין אֵיין כֵּלִי זָאל מֶען נֶעמִין נָאךְ אַמָאל חַלָּה אָן אַבְּרָכָה׃

(יב) צְווֵייא טֵייגִין וָואס אִין יֶעדִירִין אִיז נִיט דָא קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין אִין בֵּיידִי אִיז דָא אַשִׁיעוּר חַלָּה אַז מֶען הָאט זֵייא אַרַיין גִילֵייגְט אִין אֵיין כֵּלִי אִין זֵייא הָאבִּין זִיךְ אָנְגִירִירְט אַפִילוּ זֵייא הָאבִּין זִיךְ נִיט אָנְגִיקְלֶעבְּט זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז זֵייא הָאבִּין זִיךְ נִיט אָנְגִירִירְט זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָן אַבְּרָכָה אִין אַפִילוּ נָאךְ דֶעם בַּאקִין הָאט מֶען דָאס בְּרוֹיט פוּן בֵּיידִי אַרַיין גִילֵייגְט אִין אֵיין כֵּלִי אִיז אוֹיךְ אַזוֹי דֶער דִין נָאר אַז אֵיין טֵייג אָדִיר אֵיין בְּרוֹיט אִיז גִיוֶועזִין הֶעכִיר דֶער כֵּלִי אִיז עֶס זִיךְ נִישְׁט

מְצָרֵף נָאר אַז אַבִּיסֶל פֿוּן דֶעם טֵייג אָדֶער פֿוּן דֶעם בְּרוֹיט אִיז גִיוֶוען אִין דֶער כְּלִי הָאטְשֶׁע דֶעם רוֹב אִיז גִיוֶוען הֶעכֶער אִיז זִיךְ מְצָרֵף אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶוען אַ שִׁיעוּר חַלָּה אִין דֶעם וָואס אִיז אִין דֶער כְּלִי אִין מֶען הָאט גִינוּמֶען חַלָּה פֿוּן דֶעם וָואס אִיז גִיוֶועזֶן אִינְגַאנְצִין הֶעכֶער דֶער כְּלִי זָאל עֶר נָאךְ אַמָאהל נֶעמִין חַלָּה פֿוּן דֶעם וָואס אִיז אִין דֶער כְּלִי אָן אַבְּרָכָה, אִין אֵיין כְּלִי וָואס הָאט נִיט קֵיין וֶוענְטְלִיךְ דְהַיְינוּ אַ לָאקְשִׁין בְּרֶעט אִיז נִיט מְצָרֵף צַאדִין זֵייא קְלֶעבִּין זִיךְ אָן, אִין אַז דִיא צְווֵייא טֵייגִין זֶענִין פֿוּן צְווֵייא מִינִים אָדֶער פֿוּן צְווֵייא מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענִין מַקְפִּיד זֵייא זָאלִין זִיךְ נִיט מִישֶׁען זֶענִין זֵייא זִיךְ נִיט מְצָרֵף.

(יג) אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין דִיא טֵייגִין אָדֶער דָאס בְּרוֹיט אָדֶער מַצּוֹת אִין אַ טִישְׁטִיךְ אִין מֶען דֶעקְט זֵייא צוּ מִיט דֶעם טִישְׁטִיךְ זֶענִין זֵייא זִיךְ מְצָרֵף וִויא גְלֵייךְ מֶען הָאט זֵייא גְלֵייגְט אִין אַ כְּלִי אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט זֵייא נִיט אַרֵיין אִין דֶעם טִישְׁטִיךְ נָאר מֶען דֶעקְט זֵייא צוּ מִיט דֶעם טִישְׁטִיךְ אַז זֵייא הָאבִּין פְֿרֶיעֶר נִיט גִיהַאט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה זָאל נֶעמִין חַלָּה אָן אַבְּרָכָה.

(יד) צְווֵייא טֵייגִין וָואס אִין יֶעדִירִין טֵייג אִיז דָא אַ שִׁיעוּר חַלָּה אַז זֵייא זֶענִין נָאנְט אֵיינִס צוּ עֶס אַנְדִירֶע מֶעג מֶען נֶעמִין חַלָּה פֿוּן אֵיין טֵייג אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין הָאטְשֶׁע זֵייא זֶענִין נִיט אִין אֵיין כְּלִי אִין זֵייא רִירֶען זִיךְ נִיט אָן, נָאר אַז זֵייא זֶענִין נִיט פֿוּן אֵיין מִין תְּבוּאָה טָאר מֶען נִיט נֶעמִין חַלָּה פֿוּן אֵיינִים אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין נָאר קָארִין מִיט אַלָאק אָדֶער הָאבִּיר מִיט גֶערְשְׁטִין אִיז אַזוֹי וִויא אֵיין מִין אִין אַז אֵיין אִשָּׁה נֶעמְט חַלָּה פֿוּן בֵּיידֵי אַפִילוּ פֿוּן יֶעדִירִין טֵייג עֶקְסְטִיר זָאל זִיא נִיט מַאכִין נָאר אֵיין בְּרָכָה אִין זָאל נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז זִיא נֶעמְט פֿוּן דֶעם אַנְדִירִין טֵייג אוֹיךְ, אִין אַז נָאךְ דֶעם וִויא זִיא הָאט גִינוּמֶען חַלָּה פֿוּן אֵיין טֵייג הָאט זִיא מַפְסִיק גִיוֶוען מִיט וֶוערְטִיר וָואס קֶערִין זִיךְ נִיט אָן צוּ דֶער חַלָּה זָאל זִיא הֵייסִין אֵיין אַנְדִירִין נֶעמִין חַלָּה פֿוּן דֶעם אַנְדִירִין טֵייג מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז נִיט זָאל זִיא אַלֵיין נֶעמִין חַלָּה אָן

אַבְרָכָה, אוּן אַז עֶס הָאט גִידָאוֶוירְט אַיין לַאנְגֶע צַייט נָאךְ דֶעם וְוִיא זִיא הָאט גֶענוּמֶען חַלָּה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין טֵייג אוּן הָאט מְסִיחַ דַעַת גִיוֶועזֶען זָאל זִיא נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם אַנְדִירִין טֵייג מִיט אַבְרָכָה אָדִיר זִיא זָאל הֵייסִין אֵיין אַנְדִירִין נֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְרָכָה.

(טו) אַז אֵיין טֵייג הָאט אַשִׁיעוּר חַלָּה אוּן אֵיין טֵייג הָאט נִיט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִיז דָאס קְלֵיינֵי טֵייג נִיט חַיָּיב בְּחַלָּה צַאדִין עֶר קְלֶעבְּט עֶס אָן אִין דֶעם גְרֶעסִירִין טֵייג אָדִיר עֶר לֵייגְט זֵייא אִין אֵיין כְּלִי אוּן זֵייא רִירֶען זִיךְ אָן אוּן אַז זֵייא רִירֶען זִיךְ נִיט אָן אִיז אַסָפֵק אוּן עֶס הָאט דֶעם דִין וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת ט׳ י׳ י״ב י״ג אוּן אַז מֶען הָאט זֵייא נִיט גִילֵייגְט אִין אֵיין כְּלִי אוּן מֶען הָאט זֵייא נִיט אָנְגִיקְלֶעבְּט חָאטְשֵׁי זֵייא הָאבִּין זִיךְ אָן גִירִירְט אוּן מֶען הָאט גִינוּמֶען חַלָּה פוּן דֶעם קְלֵיינֶם טֵייג אוֹיף דֶעם גְרוֹיסִין דַארְף מֶען נָאךְ אַמָאל נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין טֵייג מִיט אַבְרָכָה, אוּן אַז עֶס אִיז אַסָפֵק צוּ דָאס קְלֵיינֵי טֵייג הָאט אַשִׁיעוּר חַלָּה זָאלל מֶען לֵייגִין דָאס קְלֵיינֵי לֶעבִּין דֶעם גְרוֹיסִין אוּן מֶען זָאל נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אוֹיף דֶעם קְלֵיינִים אוֹיךְ חָאטְשֵׁי זֵייא הָאבִּין זִיךְ נִיט אָנְגִיקְלֶעבְּט, אוּן אַז מֶען הָאט גִינוּמִין פוּן דֶעם קְלֵיינִים אוֹיף דֶעם גְרוֹיסִין אוּן זֵייא זֶענֶען נִיט גִיוֶועזֶען אָנְגִיקְלֶעבְּט אוּן נִיט אִין אֵיין כְּלִי זָאל מֶען נֶעמִין נָאךְ אַמָאל חַלָּה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אָן אַבְרָכָה.

(טז) מֶען מַאכְט אַגְרוֹיס טֵייג אוֹיף דֶער דֵעָה מֶען זָאל עֶס צוּ טֵיילִין דָאס טֵייג פַּאר דֶעם בַּאקִין אוֹיף אַסַאךְ חֲלָקִים צוּ אַסַאךְ מֶענְטְשִׁין וָואס וֶועט נִיט זַיין קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין יֶעדִירִינֶם חֵלֶק אִיז עֶס פָּטוּר פוּן חַלָּה אוּן אַז מֶען וְויל צוּ טֵיילִין דָאס טֵייג פוּן זַיין גִיבְּרָאךְ וֶועגִין אַז מֶען בַּאקְט עֶס אוֹיף אֵיין מָאל אִין אֵיין אוֹיוֶוען אִיז עֶס חַיָּיב בְּחַלָּה אוּן אַז מֶען בַּאקְט עֶס נִיט אוֹיף אֵיין מָאל אָדִיר נִיט אִין אֵיין אוֹיוֶוען זָאל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָן אַבְרָכָה, אוּן אַז מֶען צוּ טֵיילְט נִיט דָאס טֵייג בִּיז נָאךְ דֶעם בַּאקִין אִיז אוֹיף אַלֶע פֶעל חַיָּיב בְּחַלָּה אוּן דֶער דִין פוּן אַבֶּעקִיר וֶועט שְׁטֵייעֶן

ווייטיר

ווייטיר.

(יז) אבעקיר וואס באקט צו פאר קופין אז ער האט גיקויפט פון אגרויס טייג אויף דער דעה דאס ער זאל עס צו טיילין פאר דעם באקין פאר אסאך מענטשין וואס אין יעדירען חלק וועט ניט זיין קיין שיעור חלה דארף דער בעקיר חלה נעמין פון דעם טייג צאדין ער האט וויסיגע קונים וואס נעמין פון עס תמיד איז עס פטור פון חלה, אין אז ער וויל עס צו טיילין אויף גרויסי חלקים וואס אין יעדירין חלק וועט זיין אשיעור חלה דארף דער בעקיר חלה נעמין פון דעם גאנצין טייג, ער טאר ניט צו טיילין אן חלה גינימין אין אז ער האט ניט גינימין חלה זאל יעדירע אשה נעמין חלה פון איהר חלק, אין אז דער בעקיר האט וויסיגע קונים מעג ער עס צו טיילין אן חלה גינימען דאס יעדירע אשה זאל נעמין חלה פון איהר חלק.

(יח) פון טייג וואס קער צו איינים טארין ניט צוויא ווייביר חלה נעמין אפילו מען האט עס צו טיילט אויף צוויא חלקים אין עס איז דא אין יעדירין חלק אשיעור חלה, אין אז מען האט עס צו טיילט אן חלה גינימען אין איין אשה האט גינימען אין האט אין זין גיהאט זיא זאל ניט פאטירין מיט דער חלה נאר איהר חלק זאל דיא אנדירע נעמין חלה פון דעם אנדירען חלק אפילו עס איז ניט גיוועין קיין שיעור חלה אין אנדירען חלק.

(יט) אז צוויא מענטשין האבין איין טייג בשותפות אויף דער דעה זייא זאלין זיך צו טיילין מיט דעם טייג פאר דעם באקין טאר איינער ניט נעמין חלה פון דעם גאנצין טייג אז דער אנדירער איז מקפיד נאר יעדירער זאל נעמין חלה פון זיין חלק אז עס איז דא אשיעור חלה אין יעדירעגס חלק אין אז עס איז ניט דא קיין שיעור חלה ניט אין איין חלק איז עס פטור פון חלה, אין אז אין איינים איז דא אשיעור חלה אין דעם אנדירינס איז ניט דא דער וואס איז דא אשיעור חלה, אין זיין חלק זאל נעמין חלה אויף

דֶעם גַאנְצִין טֵייג.

(כ) אַז מֶען הָאט צִיטֵיילְט אֵיין טֵייג אוֹיף צְווייא חֲלָקִים אֵיידִיר מֶען הָאט חַלָּה גִינִימִין מֶעג מֶען גֶעמִין חַלָּה פוּן אֵיין חֵלֶק אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין חֵלֶק אוֹיף חָאטְשֵׁי עֶס אִיז נִיט פַאר עֶהם, אִין אַז בְּשַׁעַת מֶען הָאט חַלָּה גִינִימִין הָאט מֶען אִין זִין גִיהַאט דָאס עֶס זָאל נִיט פַּטִירִין נָאר דָאס חֵלֶק אַלֵיין דַארְף עֶר גֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם אַנְדִירִין אוֹיף מִיט אַבְּרָכָה אַפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גִיוֶועהן קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִין אַנְדִירִין חֵלֶק, אִין אַז מֶען הָאט סְתָם גִינִימִין חַלָּה פוּן אֵיין חֵלֶק זָאלל מֶען גֶעמִין פוּן דֶעם אַנְדִירִין חֵלֶק חַלָּה אָהן אַבְּרָכָה, אִין אַז בְּשַׁעַת מֶען הָאט גִימַאכְט דָאס טֵייג אִיז זִין דֵעה גִיוֶועהן צִי טֵיילִין דָאס טֵייג שְׁטֵייט דֶער דִין אִין אות יז.

(כא) אַז מֶען הָאט גִינִימִין זָאוֶער טֵייג פוּן אַגְרוֹיס טֵייג וָואס עֶס הָאט גִיהַאט אַשִׁיעוּר חַלָּה אֵיידִיר מֶען הָאט גִינִימִין חַלָּה אִין מֶען הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין טֵייג פוּן אֵיין אַנְדִיר מִין דָגָן וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אָדִיר אִין אַמִין וָואס אִיז נִיט חַיָּיב בְּחַלָּה דְהַיְינוּ אִין מַאלַאי אָדִיר הָערֶעטְשְׁקִי אַז מֶען פִילְט אַטַעַם פוּן דֶעם מִין וָואס דָאס זוֹיֶער טֵייג אִיז דַארְף מֶען גֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין אַז מֶען פִילְט נִיט קֵיין טַעַם זָאלל מֶען פְרֶעגִין אַשַׁאֵלָה אוֹיף דֶער בְּרָכָה אִין אַפִילוּ מֶען פִילְט אַטַעַם זָאלל מֶען פְרֶעגִין וִויא מֶען גֶעמְט אוֹיף דֶעם חַלָּה, אִין אַז דָאס זוֹיֶער טֵייג אִיז פוּן אַקְלֵיין טֵייג וָואס עֶס הָאט נִישְׁט גִיהַאט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אִיז עֶס פָּטוּר.

(כב) אַז מֶען הָאט גִינִימִין זוֹיֶער טֵייג פוּן אַזוֹי טֵייג וָואס עֶס הָאט גִיהַאט אַשִׁיעוּר חַלָּה אֵיידִיר מֶען הָאט גִינִימִין חַלָּה אִין מֶען הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין אַזוֹי טֵייג וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אָדִיר מֶען הָאט שׁוֹין גִינִימִין חַלָּה אַז דָאס טֵייג אִיז אֵיין מִין מִיט דֶעם זוֹיֶער טֵייג דַארְף מֶען גֶעמִין חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִין מֶען זָאל פְרֶעגִין אַשַׁאֵלָה וִויאַזוֹי מֶען גֶעמְט אוֹיף דֶעם חַלָּה.

(כג) אַז מֶען הָאט אַרַיין גִילֵייגְט זוֹיֶער טֵייג פוּן אַגוֹי אָדִיר

פון

פוּן אַזוֹי טֵייג וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גִינוּמֶען חַלָּה אִין אַזוֹי טֵייג וָואס עֶס אִיז חַיָּיב בְּחַלָּה אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אַנְדִיר טֵייג וָואס אִיז חַיָּיב בְּחַלָּה זָאלל מֶען עֶס לֵייגִין נֶעבִּין דֶעם טֵייג אִין זָאלל נֶעמִין חַלָּה פוּן יֶענִים טֵייג אוֹיף דֶעם טֵייג אוֹיךְ אִין אַז נִיט זָאל מֶען מַאכִין אַקְלֵיין טֵייגִיל אִין מֶען זָאל עֶס אָהנְקְלֶעבִּין אִין דֶעם טֵייג אִין מֶען זָאלל נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם קְלֵיינִים טֵייגִיל אִין אַז נִישְׁט זָאלל עֶר אָבְּשֵׁיידִין פוּן דֶעם טֵייג חַלָּה אַבִּיסְל אַגְרֶעסִיר שְׁטִיקִיל וִויא דָאס זוֶוער טֵייג אִיז גִיוֶועהן, אִין אַז מֶען הָאט שְׁטַארְק לוּיז גִימַאכְט דָאס זוֶוער טֵייג אִין דָאס טֵייג אִיז הַארְט מֶעג מֶען נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם טֵייג אַזוֹי וִויא פוּן אַנְדִיר טֵייג, נָאר עֶס אִיז גְלֵייךְ מֶען זָאל גֶעמִין דָאס זוֶוער טֵייג צוּ אֵיין אַנְדִיר טֵייג אֵיידִיר מֶען נֶעמְט חַלָּה, אִין אַז מֶען גֶעמְט אַרָאפּ זוֶוער טֵייג אַרֵיין צוּ לֵייגִין אִין בָּארְשְׁט זָאל מֶען גֶעמִין נָאךְ דֶעם וִויא מֶען מֶען הָאט שׁוֹין גִינוּמֶען חַלָּה אִין אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין מַאלַאיֶיעְן זוֶוער טֵייג מֶעג מֶען גֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם טֵייג אַזוֹי וִויא פוּן אַנְדִיר טֵייג ׃

(כד) מֶען דַארְף נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם טֵייג פַאר דֶעם בַּאקִין אִין אַז מֶען הָאט נִיט גִינוּמֶען פוּן דֶעם טֵייג זָאל מֶען גֶעמִין חַלָּה נָאךְ דֶעם בַּאקִין מֶען דַארְף זֵייא נִיט לֵייגִין אִין אֵיין כֵּלִי אִין נִיט צוּ דֶעקִין ׃

(כה) אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן בְּרוֹיט אָדִיר מַצּוֹת פוּן צְווֵייא טֵייגִין אָדִיר מֶעהר וָואס יֶעדִירִים טֵייג הָאט גִיהַאט אַשִׁיעוּר חַלָּה אִין מֶען הָאט קֵיין חַלָּה גִינוּמֶען זָאלל מֶען גֶעמִין פוּן אֵיין בְּרוֹיט אָדִיר פוּן אֵיין מַצָּה חַלָּה אוֹיף דֶעם גַאנְצִין בְּרוֹיט הָאטְשֶׁי זֵייא זֶענִין נִיט אִין אֵיין כֵּלִי אָבֶּער אַז אֵיין טֵייג הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה זָאלל עֶר זֵייא אַרֵיין לֵייגִין אִין אֵיין כֵּלִי אִין זָאלל נֶעמִין חַלָּה עֶס אִיז גְלֵייךְ צוּ גֶעמִין חַלָּה אַגַאנְצִי מַצָּה ׃

(כו) אַז אַבְּרוֹיט אָדִיר אַמַצָּה וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן דֶעם חַלָּה גִינוּמֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגִימִישְׁט מִיט בְּרוֹיט אָדִיר מַצּוֹת וָואס

מען

מֶען הָאט נָאךְ נִיט קֵיין חַלָּה גִינֻמֶען אוּן עֶר דֶערְקָאנְט נִיט, זָאל עֶר בַּאקְין אַבְּרוֹיט אָדֶער אַמַצָּה פוּן טֵייג וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר חַלָּה אוּן מִיט דֶעם בְּרוֹיט אָדֶער מִיט מַצּוֹת וֶועט עֶס הָאבִּין אַשִׁיעוּר חַלָּה אוּן זָאלל עֶס אַרֵיין לֵייגִין אִין אֵיין כְּלִי מִיט דֶעם בְּרוֹיט אָדֶער מִיט דִיא מַצּוֹת אוּן זָאל נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם אוֹיף דֶעם גַאנְצִין וָואס אִיז אוֹיס גִימִישְׁט, אוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶיר טֵייג זָאלל עֶר אַשַׁאֵלָה פְרֶעגִין.

(כז) אַז מֶען הָאט גִיבַּאקִין בְּרוֹיט אָדֶיר מַצּוֹת אוּן מֶען הָאט פוּן זֵייא אַוֶועק גִיגֶעבִּין אֵיידִיר מֶען הָאט חַלָּה גִינֻמֶען אַז זֵייא זֶענֶען פוּן אֵיין טֵייג זָאל עֶר נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם וָואס אִיז גִיבְּלִיבִּין אוּן זָאלל מְכַוֵּין זַיין צוּ פַּטִירִין דָאס וָואס עֶר הָאט אַוֶועק גִיגֶעבִּין אוֹיךְ אוּן אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועְן פוּן אֵיין טֵייג זָאל עֶר מוֹדִיעַ זַיין דֶעם אַנְדֶירִין דָאס עֶר זָאלל נֶעמִין חַלָּה.

(כח) אַז מֶען הָאט פַארְגֶעסִין צוּ נֶעמִין חַלָּה אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט שַׁבָּת אָדֶיר יוֹם טוֹב טָאהר מֶען נִישְׁט נֶעמֶ ן קֵיין חַלָּה נָאר מֶען זָאל עֶסִין אוּן מֶען זָאלל אִיבֶּער לָאזִין אַשְׁטִיקִיל אוּן אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן פוּן אַסַאךְ טֵייגִין זָאלל מֶען אִיבֶּער לָאזִין פוּן יֶעדִירִין בְּרוֹיט אָדֶיר פוּן יֶעדִירֶיר מַצָּה אַשְׁטִיקִיל אוּן נָאךְ שַׁבָּת אָדֶיר נָאךְ יוֹם טוֹב זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָּה פוּן דֶעם אוֹיף אִינְגַאנְצִין.

(כט) מֶען טָאהר נִיט מַאכִין אוּן מִיסְטִין אַקְלֵיין טֵייג כְּדֵי עֶר זָאלל נִישְׁט דַארְפִין קֵיין חַלָּה נֶעמִין, צַאדִין עֶר הָאט נִישְׁט מֶעהר אָדִיר עֶר דַארְף נִיט מֶעהר אוּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח מֶעג מֶען אוֹיךְ בַּאקִין אוֹיף אֵיין מָאהל וֶוייניגֶער וִויא אַשִׁיעוּר וֶוייל דִיא כַּוָּונָה אִיז נָאר כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין אַחְשַׁשׁ חָמֵץ אוּן מֶען טוּט זֵייא דִיר נָאךְ מְצָרֵף זַיין.

(ל) טֵייג וָואס אִיז גִימַאכְט אוֹיף צִיקָאכִין דְהַיְינוּ לָאקְשִׁין פֶערְפִיל קְרֶעפְּלִיךְ אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן אַשִׁיעוּר חַלָּה זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָּה אָהן אַבְּרָכָה אוּן אַז מֶען הָאט זִיךְ בַּארָאטִין נָאךְ דֶעם

קנעטין

קְנֶעטִין צוּ בַּאקִין אַשְׁטִיקִיל פוּן דֶעם טֵייג אוּן מֶען הָאט גִיבַּאקִין זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָה מִיט אַבְּרָכָה אוּן אַז פוּן אָהנְהֵייבּ קְנֶעטִין הָאט מֶען אִין זִין גִיהַאט צוּ בַּאקִין אַשְׁטִיקִיל אִיז אַשַׁאלָה אוֹיף דֶער בְּרָכָה אוּן אַז עֶס אִיז גִיקְנֶעטִין נָאר אוֹיף אֵייעֶר נָאר אָהן וַואסִיר זָאל מֶען נֶעמִין אָהן אַבְּרָכָה ׃

(לא) טֵייג וָואס עֶס אִיז גִימַאכְט וֵוייעֶך דְהַיְינוּ מֶען הָאט עֶס נִיט גִיקְנֶעטִין נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיס גִימִישְׁט וַואסֶער מִיט דֶעם מֶעהל אַז עֶס אִיז אוֹיף צוּ בַּאקִין אֲפִילוּ אִין אַבֶּעקִילִי אִיז עֶס חַיָיב אוּן אַז עֶס אִיז אוֹיף צוּ קָאכִין אִיז עֶס פָּטוּר אוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ דֶעם בַּארָאטִין צוּ בַּאקִין אִיז עֶס חַיָיב אוּן אַז עֶס אִיז שְׁטַארק שִׁיטֶער וָואס מֶען גִיסְט עֶס אִיז עֶס אוֹיף אַלֶע פֶעלל פָּטוּר צַאדִין עֶס אִיז דָא אַגְרִיבִּיל אִין אוֹיוִין וָואס מֶען גִיסְט אַרַיין דָאס טֵייג אוּן עֶס בַּאקְט זִיךְ דָארְט אִיז עֶס חַיָיב ׃

(לב) פוּן הָאנִיק לֶעקִיךְ אַז עֶר הָאט אַשִׁיעוּר חַלָה זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָה מִיט אַבְּרָכָה אוּן פוּן צִיקֶער לֶעקִיךְ מִיט אֵייעֶר זָאל מֶען נֶעמִין חַלָה אָהן אַבְּרָכָה וֵוייל אַז מֶען קְנֶעט טֵייג אוֹיף אֵיינִם פוּן דִיא מַשְׁקִין דְהַיְינוּ וֵויין, הָאנִיק פוּן בִּינֶען, בּוֹימְאֵייל, מִילֶעךְ, טוֹי וַואסִיר, בְּרוּיךְ מֶען צוּ נֶעמִין חַלָה מִיט אַבְּרָכָה אוּן אַז מֶען קְנֶעט נָאר אוֹיף אֵייעֶר אָדִיר אוֹיף רִיבְּלִיךְ (עֶרְדֶעפִּיר) אָדִיר אוֹיף זַאפְט פוּן אַנְדֶערִי פֵּירוֹת בְּרוּיךְ מֶען צוּ נֶעמִין חַלָה אָהן אַבְּרָכָה ׃

(לג) אַז מֶען הָאט נִיט גִיקְנֶעטִין מִיט וֵויין, הָאנִיק, בּוֹימְאֵייל מִילֶעךְ, טוֹי וַואסִיר אִין דִיא תְּבוּאָה פוּן דֶעם מֶעהל הָאט מֶען נִיט גֶעוֶעצְט פַאר דֶעם מָאהלִין אוּן מֶען הָאט נִיט אַרַיין גִיגֶעבִּין אִין טֵייג אַבִּיסֶעל וַואסִיר אָדִיר זַאלְץ וַואסִיר אַז מֶען נֶעמְט חַלָה פוּן דֶעם טֵייג טָאהר מֶען עֶס נִיט פַארְבְּרֶענִין אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען מַאכְט אוֹיף פֶּסַח אַטְרִיקֶע* מַצוֹת וָואס מֶען טָאהר נִיט אַרַיין טוּען וַואסִיר זָאלל מֶען קְנֶעטִין אוֹיף אֵיין מָאהל וֵויינִיגֶער וִויא אַשִׁיעוּר אוּן מֶען זָאלל זִיא דִיר נָאךְ נִיט מְצָרֵף זַיין אוּן אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין אַשִׁיעוּר זָאלל מֶען פְרֶעגִין אַשַׁאלָה וַויאזוֹי מֶען

---

* אייערינע מצות

זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין.

(לד) טֵייג פוּן אַגוֹי אִיז פָּטוּר פוּן חַלָה אַפִילוּ עֶס הָאט עֶס גִיקְנֶעטִין אַיוּד אִין אַפִילוּ עֶר הָאט עֶס גִיגֶעבִּין דֶעם יוּד נָאךְ דֶעם קְנֶעטִין, אִין טֵייג פוּן אַיוּד אִיז חַיָיב בְּחַלָה הָאטְשֵׁי עֶס הָאט עֶס גִיקְנֶעטִין אַגוֹי, אִין אַז עֶס אִיז בְּשׁוּתָּפוּת מִיט אַגוֹי אַז עֶס אִיז דָא אִין יוּדִס הֶלֶק אַשִׁיעוּר חַלָה אִיז חַיָיב בְּחַלָה אִין אַז נִישְׁט נִישְׁט.

(לה) אַז מֶען מַאכְט טֵייג פַאר אַבְהֵמָה אָדִיר פַאר עוֹפוֹת אָדִיר פַאר כְּלָבִים אִיז עֶס פָּטוּר פוּן חַלָה, אִין אַז דִיא פַּאסְטִיכִים עֶסִין אוֹיךְ פוּן דֶעם אִיז עֶס חַיָיב אִין אַז מֶען דִירֶקְעֶנְט נִיט אִין דֶער צוּרָה פוּן דֶעם בְּרוֹיט אַז עֶס אִיז פַאר כְּלָבִים אָדִיר פַאר בְּהֵמוֹת זָאלל מֶען נֶעמִין חַלָה אָהן אַבְרָכָה אוֹיף אַלֶע פֶעל.

(לו) אַז דָאס מֶעהל אִיז וֶוערִימִיג וָואס אַיוּד טָאהר נִישְׁט עֶסִין אִין מֶען הָאט עֶס גִיקְנֶעטִין פַאר אַגוֹי זָאל מֶען נֶעמִין חַלָה אָהן אַבְרָכָה.

(לז) אַז מֶען הָאט גִיבַּאקִין אַפְלָאדִין פוּן טֵייג מִיט פְלֵייש וָואס מֶען הָאט נִיט גִינִימִין קֵיין חַלָה אַז עֶס אִיז דָא אַנְדִיר טֵייג וָואס אִיז חַיָיב בְּחַלָה זָאל מֶען עֶס צוּ בְּרֶענְגִין אִין מֶען זָאל נֶעמִין חַלָה פוּן דֶעם טֵייג אוֹיף דֶעם פְלָאדִין אִין אַז עֶר הָאט נִיט קֵיין אַנְדִיר טֵייג זָאל עֶר נֶעמִין חַלָה פוּן דֶעם פְלָאדִין אַלֵיין.

(לח) אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין טֵייג אִין יוֹם טוֹב זָאל מֶען נֶעמִין חַלָה אִין מֶען זָאל דִיא חַלָה נִיט פַארבְּרֶענְגִין בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב, אִין אַז מֶען הָאט גִיקְנֶעטִין פַאר יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמִין חַלָה אִין יוֹם טוֹב נָאר מֶען מֶעג עֶסִין אִין מֶען זָאל אִיבֶּער לָאזִין אַשְׁטִיקֶעל טֵייג נִיט גִיבַּאקִינְס אִין אַז מֶען הָאט עֶס גִיבַּאקִין פַאר יוֹם טוֹב זָאלל מֶעז אִיבֶּער לָאזִין אַשְׁטִיקֶעל גִיבַּאקִינְס מֶען זָאל פוּן דֶעם נֶעמִין חַלָה נָאךְ יוֹם טוֹב.

(לט) אַז דִיא חַלָה הָאט זִיךְ צִירִיק אוֹיס גִימִישְׁט אִין דֶעם טֵייג אָדִיר אִין אַנְדִיר טֵייג אָדִיר וִיא אִיז אַרֵיין גִיפַאלִין אִין גִיקְעבְּץ

זאל

זָאל מֶען אַשאלָה פְרֶעגִין.

(מ) אַז עס אַריין גִיפַאלִין אַשְׁטִיקֶער טֵייג אָדִיר זוֶיער טֵייג וָואס מֶען הָאט קיין חַלָה גִינִימֶען אִין אַגִיקֶעכִץ אָדִיר מֶען הָאט אַריין גִילֵייגְט אִין בָּארְשְׁט אָדִיר אִין אִיגֶערְקִים זָאל מֶען אַשאלָה פְרֶעגִין.

## גִיטֶע הַנְהָגוֹת פוּן אַגַאנְץ יָאהְר

(א) יֶעדִירִי אִיז מְחוּיָב אוֹיס צוּ זֶעצִין אַצֵייט צוּ לֶערְנִין תּוֹרָה ווָארִין אוֹיף דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין אִין אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דִיא וֶועלְט אִין דָאס אִיז דָאס הַוּוֹת פוּן דֶער נְשָׁמָה אִין נָאךְ דֶער פְּטִירָה נֶעמְט מֶען דָאס עֶרְשְׁטִי מָאל דִין וְחֶשְׁבּוֹן צוּ עֶר הָאט אוֹיס גִיזֶעצְט אַצֵייט צוּ לֶערְנִין תּוֹרָה, אַפִילוּ דֶער וָואס קָאן נִיט לֶערְנִין זָאל עֶר לֶערְנִין אִין דִיא סְפָרִים וָואס זֶענִין אוֹיף טֵייטְשׁ, אַפִילוּ וֶוער עֶס אִיז אַטָרוּד אִין דֶער פַּרְנָסָה אִין דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין גִישֶׁעפְט זָאל עֶר הָאטְשִׁי צְוֵויא שָׁעָה אִין מֶעת לֶעת נֶעמִין פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּ לֶערְנִין אִין אַז הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ וֶועט וֶועלִין וֶועט עֶר עֶם גֶעבִּין הַצְלָחָה אִין דֶער אִיבֶּרִיגֶער צֵייט, אִין אַז חָלִילָה נִיט מֶעג עֶר זִיךְ אַרוּם יָאגִין טָאג אִין נַאכְט הֶעלְפְט נִיט אִיבֶּער דֶעם זָאל עֶר קוֹדֶם לֶערְנִין אֵיין גִיזֶעצְטִי צֵייט אִין דַאחִינִין אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר מִיֶען מַשָׂא וּמַתָּן בְּאֶמוּנָה אִין זָאלל בֶּעטִין דָאס הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל עֶם גֶעבִּין הַצְלָחָה כְּדֵי עֶר זָאל הָאבִּין פַּרְנָסָה אִין זָאל קָאנִין טִיֶען צְדָקָה אִין גְמִילַת חֲסָדִים אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים אִין מַחְזִיק זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וֶועט עֶר אַוַדַאי מַצְלִיחַ זַיין, וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער עֶס הָאט קיין גִישֶׁעפְט אִיז אַוַדַאי

מחויב צו לערנין ער וועט בודאי קיין שום תירץ האבין איבער דעם זאל זיך דער מענטש אזוי נוהג זיין, ער זאל אויף שטייען גאנץ פֿריא האטשי דער יצר הרע לאזט עם גיט מיט זיינע טענות זאל ער זיך שטארקין וויא איין לייב ער זאל אויף שטייען בזריזות און זאל זאגין (מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם) איך לויב דיך מלך וואס לעבסט אייביג (שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה) וואס האסט אומגיקערט אין מיר מיין נשמה מיט דערבארימקייט, (רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ) עס איז גרויס דיין באגלייבשאפֿט, און נאך דעם זאל ער זיך אפ גיסען דיא הענד ער זאל נעמין דיא כלי אין דער רעכטיר האנד און זאל געבין אין דער לינגער און זאל אפ גיסען קודם דיא רעכטי און נאך דעם דיא לינקע אזוי זאל ער טיען דרייא מאל איין מאל אויף דער האנד און איין מאל אויף דער אנדירע עס זאל זיין צו דרייא מאל אויף יעדירער האנד און זאל גיסען אויף דיא נעגיל אויך ווען ער גיסט אויף דער האנד ·

(ב) פֿאר דעם אפ גיסען דיא הענד טאר מען ניט אן רירען מיט דיא הענד בייא דעם מאהל אדיר בייא דיא אויגין אדיר בייא דער נאז אדיר בייא דיא אויערין און ניט בייא דיא נקבים פֿין אינטין און מען טאר ניט גייען קיין דרייא ווינער איילין מען זאל זיך אנגרייטין וואסיר נאנט צו זיין גילעגיר ·

(ג) ער זאל זיך אן טיען גיך ניט מיט עצלות און זאל גייען נקיות האבין נאר ער זאל זיך ניט שטארק קוועטשין, און זאל זיך גיט מקנה זיין וואדין אז עס בלייבט וויא אביסל צואה בייא דעם פֿי טבעת טאר מען ניט זאגין קיין יודעש ווארט עס איז רעכט מען זאל זיך מיט נעמין אביסל וואסיר און זאל זיך אפ וואשין פֿין אינטען, און נאך דעם זאל מען זיך וואשין דיא הענד דרייא מאל און דאס פנים מיט דעם מאהל לכבוד הבורא און נאך דעם זאל ער תיכף זאגין דיא ברכה על נטילת ידים און אשר יצר און ברכת התורה ער זאל און זין האבין וואס ער זאגט ווארין אז מען זאגט דיא ברכות אהן כוונה איז אגרויסי עבירה, דיא

טײטש

טייטש פון דיא ברכות שטייט אין שער ל"ב ל"ג ל"ד ל"ה, און מען זאל זאגין שארף ווארט בא ווארט און אז עס איז שוין טאג און ער האט אטלית קטן וואס ער האט דעם שיעור זאל ער באקוקען דיא ציצית און מאכין דיא ברכה על מצות ציצית און זאל זאגין קריאת שמע, און אז ער איז אויף גישטאנין פאר טאג ווען עס ווערט טאג זאל ער זיך נאך אמאל אפ גיסען דיא הענד און מאכין דיא ברכה על מצות ציצית און זאגין קריאת שמע:

(ד) נאך ברכת התורה זאל ער זאגין דיא ווידוי אשמנו מיט אציבראבין הארץ מיט גיוויין ער זאל זיך דיר מאנין אללע עבירות וואס ער האט גיטאן און זאל חוזר בתשובה זיין מיט גרויס חרטה און זאל אויף זיך מקבל זיין דאס ער זאל שוין מער ניט טאהן דיא עבירות און זאל זאגין חצות און תהלים נאר איז בעסיר אביסל מיט כוונה וויא אסאך אן כוונה, גם ער זאל ממעט זיין און דעם כדי ער זאל צייט האבין צו לערנין, און נאך דעם זאל ער לערנין וואס ער קאן אפילו און ספרים וואס זענין אויף דייטש, נאהר ער זאלל זיך שטארק היטען ער זאלל ניט לערנין אין דיא אפיקורסישע ספרים דיא ספרים וואס זענין מיט דעם איבערזעצינג פון דעם דעסיר טאר מען אפילו אין שטיב ניט האלטין ומכל שכן מען טאר ניט לערנין אין זייא דאס הארגיט אוועק דאס גאנצי יודעשקייט עס איז גיט ער זאל לערנין אין דעם ספר מקור הברכה דאס איז זייער גינייטיגר עזאל ווייסען אברכה צו מאכין ער זאל ניט קימען צו קיין ברכה לבטלה, עס איז אחיוב צו לערנין דיני ברכות.

(ה) ווען עס איז זמן תפלה זאל ער זיך פריווען צו ער דארף נקיות האבין און זאל גייען דאווינין מיט מנין, מען טאר ניט דאווינין ביחידות וויא עס איז דא מנין אז מען דאווינט מיט מנין איז זייער חשוב און פאר דעם טלית לייגין זאל ער באקוקען דיא ציצית און לייגין דעם טלית דיא דינים פון דעם שטייען און שער ל"ז, און נאך דעם זאל ער לייגין דיא תפילין דיא דינים פון

תפילין

תפילין שטייען אין שער ל"ח ער זאל נזהר זיין דער של ראש זאל זיין העכיר דעם שטערין אין עס איז רעכט דאס ער זאלל ניט שמיסין אין דיא תפילין כדי ער זאל ניט מסיח דעת זיין.

(ו) ער זאל דאווענען ווארט בא ווארט שארף, דער וואס האפט ציגוף דיא ווערטיר אדיר ער ברימט נאר מען פארשטייט ניט וואס ער זאגט איז ארגיר וויא ער וואלט גאר ניט גידאווינט אין עס איז רעכט ער זאל לערנין דיא טייטש פון דעם דאווינין אין לכל הפחות איז ער מחויב צו וויסין דיא טייטש פון שמע ישראל אין פון דער ערשטיר ברכה פון דער שמונה עשרה אין אז ער האט ניט מכוין גיוועזן ביים דעם פסוק שמע ישראל אין דיא ערשטי ברכה פון דער שמונה עשרה האט ער ניט יוצא גיוועזן, אין פון ברוך שאמר ביז נאך דער שמונה עשרה טאר מען נישט מפסיק זיין אפילו מיט איין ווארט אפילו אויף לשון קודש, אין בשעת מען זאגט דיא הויעכי שמונה עשרה אין בשעת מען לייענט אין בשעת מען זאגט קדיש איז אגרויסיר איסור צו שמיסין אפילו בדברי תורה אין מען זאל שטארק נזהר זיין צו זאגין אמן נאך יעדירער ברכה אין ביים דעם קדיש.

(ז) ביים דעם עסין זאל ער נזהר זיין פון אמאכל וואס איז אין עס אחשש איסור אין זאל נזהר זיין צו מאכין דיא ברכות וויא מען דארף, אין מען טאר ניט עסין ביז מען גיט צו עסין דיא בהמות אדיר דיא עופות וואס ער האט, אין זאל נישט עסין אכילה גסה.

(ח) איידיר ער גייט צו זיין גישעפט זאל ער בעטין דאס השי"ת זאל עס מצליח זיין, אין זאל אויף זיך מקבל זיין דאס ער זאל ניט נארין ניט מיט דער פרייז ניט מיט דער וואג אין ניט מיט דער מאז, וואריין אחוץ וואס איז אגרויסע עבירה איז גאר קיין ברכה ניט אז מען נארט צום סוף בלייבט מען אן גאר ניט, עס איז אגרויסע סגולה צו עשירות ער זאל געבין מעשר (אצעהנט חלק) דאס ערשטע מאהל זאל ער געבין פון דעם קרן אין דער נאך פון דעם ריוח אין זאל דעם מעשר האלטין אין

אעקסטיר

אֶעקסְטְרִיר טְעשִׁיל עֶר זָאל פוּן דֶעם גֶעבִּין צְדָקָה אִין מַחֲזִיק זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

(ט) עֶר זָאל נִזְהָר זַיין פוּן כַּעַס וָוארִין וֶוער עֶס אִיז בְּכַעַס אִיז וִויא גְלַייך עֶר וָואלְט גִידִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, גַּם עֶס קוּמְט עֶס גָאר נִיט אַרוֹיס עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר מַחֲלוֹקֶת אִין שׂוֹנְאִים אִין עֶס שַׁאט זַייעֶר צוּ דֶער פַּרְנָסָה, אִין אִיז זִיךְ גּוֹרֵם יִסּוּרִים ר"ל.

(י) עֶר זָאל נִזְהָר זַיין פוּן לָשׁוֹן הָרַע צוּ רֶעדִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין שְׁלֶעכְטִי זַאכִין אֲפִילוּ וָואס אִיז אֱמֶת וּמְכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶס אִיז לִיגֶענְט, עֶס אִיז אַגְרוֹיסִי עֲבֵירָה עֶר וֶוערְט אָן הֵלֶק עוֹלָם הַבָּא גַּם עֶר זָאל נִזְהָר זַיין פוּן רְכִילוּת.

(יא) עֶר זָאל נִזְהָר זַיין פוּן צוּ פַאר שֶׁעמִין דֶעם אַנְדִירִין עֶר וֶוערְט אָן זַיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא גַּם עֶר זָאל נִיט מְצַעֵר זַיין דֶעם אַנְדִירִין מִיט רֵייד עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶער אִיסוּר.

(יב) עֶר זָאלל זַייעֶר נִזְהָר זַיין פוּן גַּאוּת וָוארִין אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אִיז וִויא גְלַייך עֶר וָואלְט גִידִינְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה.

(יג) מֶען זָאלל אָהְנְדִינְגִין דִיא קִינְדֶער בַּייא אַמְלַמֵּד אַיְרֵא שָׁמַיִם, וָוארִין אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִיט קֵיין יְרֵא שָׁמַיִם מַאכְט עֶר אוֹיס דִיא קִינְדֶער גוֹיִם, דִיא מֵיידְלִיךְ זָאלִין אוֹיךְ לֶערְנִין דַאוִוינִין אִין לֵיינִין וָוארִין אַאִשָּׁה אִיז מְחוּיָּב צוּ דַאוִוינִין אִין לֶערְנִין זֵייעֶרִי דִינִים אִין דִינֵי בְּרָכוֹת מִיט דֶער טֵייטְשׁ, עֶס אִיז גְלַייךְ דֶער מְלַמֵּד זָאלל לֶערְנִין מִיט דִיא קִינְדֶער דִיא טֵייטְשׁ פוּן דֶעם דַאוִוינִין אִין פוּן דִיא בְּרָכוֹת.

(יד) פַאר מִנְחָה זָאלל עֶר זִיךְ מְכַוֵּן זַיין אִין גֵיין דַאוִוינִין מִיט מִנְיָן מִנְחָה אִין מַעֲרִיב, אִין פַאר דֶעם שְׁלָאפִין זָאלל עֶר לֵיינִין קְרִיאַת שְׁמַע אִין זָאגִין בִּרְכַּת הַמַּפִּיל, אִין זָאלל זִיךְ אָהְנ־גְרֵייטִין וַואסִיר נָאגְט צוּ זַיין גִילֶעגִיר.

(טו) נָשִׁים דַארְפִין אוֹיךְ נִזְהָר זַיין אָפְּגִיסִין דִיא הֶענְד כְּדִין וִויא עֶס שְׁטֵייט סוֹף אוֹת א', אִין זַייא זָאלִין מַזְהִיר זַיין דִי יוּ־יִשֶׁע דִינְסְט זָאל זִיךְ אָפְּגִיסִין דִיא הֶענְד כְּדִין וָוארִין אַז נִיט זֶענִין זַייא

מטמא

מטמא דיא מאכלים.

(יו) ווען דיא אשה וויל זאגין ברכה אז זיא דארף האבין
נקיות קטנים אדיר גדולים זאל זיא קודם האבין נקיות מען טאר
ניט זאגין קיין שום ברכה אז מען דארף נקיות האבין, אין זאל
זיך וואשין אין אבטינג געבין עס זאלל ניט זיין אין שטיב קיין
צואה אדיר אין ערדין שערביל אפילו עס איז ריין, ווען זיא קאן
ניט ארויס טראגין זאל זיא צו דעקין, אין אז עס איז דא השתנה
זאל זיא גיסין וואסיר, אין זיא זאלל זאגין דיא ברכה מיט כוונה
צו לויבין גאט עס איז רעכט זיא זאלל לערנין דיא טייטש פון
דער ברכה, אין זיא זאל זאגין ברכת התורה, אין קריאת שמע,
אין בשעת זיא זאגט דיא ברכה זאלל זיא ניט טאהן קיין שום
זאך אין אז זיא האט גיזאגט אשר יצר נאך דיא נקיות זאל זיא
ניט זאגין אשר יצר ביא דער ברכה אין זיא טאהר ניט מפסיק
זיין אין מיטין דער ברכה, דיא טייטש פון מודה אני שטייט סוף
אות א׳ אין דיא טייטש פון על נטילת ידים שטייט אין שער
ל״ב, אין פון אשר יצר אין שער ל״ג, אין פון ברכת התורה אין
שער ל״ד, אין פון אלהי נשמה שטייט אין שער ל״ה, אין פון
שמע ישראל אין שער ל״ט.

(יז) דיא אשה וואס קאן דאווינין אין האט צייט צו דאווינין
זאלל זיא דאווינין אללע טאג, אין אז זיא האט ניט צייט זאלל
זיא האטשי אביסל דאווינין דהיינו זיא זאלל זאגין דיא ברכות
ביז הגומל חסדים טובים לעמו ישראל, ווידבר ביז לדורותיכם,
אין קריאת שמע מיט אמת ויציב ביז נאך דער שמונה עשרה,
(עיין בבאר היטב סי׳ ק״ו ובפמ״ג ס״ק א׳) דיא אשה וואס קאן ניט
דאווינין אדיר זיא האט גאר קיין צייט ניט צו דאווינין איז מחיוב
צו זאגין אתפילה, עס איז רעכט זיא זאלל זאגין דיא תפלה
גילייבט ביסט דיא איגזער גאט דיער גאט פון אונזערי עלטערין
אברהם יצחק ויעקב וואס האסט באשאפין אלדינג אין טוסט
גיטע חסדים אין העלפסט יעדירן אין שפייזט יעדירן, אין היילסט
קראנקע

קראנקע און ביסט מחיה מתים, געלויבט ביסט דיא היילגער גאט איך בעט דיך גיב מיר שכל, און איך זאלל זוכה זיין צו טוען תשובה שלימה אויף מייני זינד און זאלסט מיר מוחל זיין אויף מייני זינד, און זאלסט אונז אויס לייזן פון דעם גלות, און זאלסט אונז היילן פון אללע קרענקהייט, און זאלסט אונז בענטשין דאס יאהר מיט אללעם גוטען, און זאלסט אונז אריין ברענגען אין אונזער לאנד, און זאלסט אונז גערעכט מאכן ביא דיין משפט און זאלסט אויסראטין דיא רשעים און זאלסט דיך דערבארימין אויף דיא צדיקים און אויף אונז אויך, און זאלסט באויען דיא שטאט ירושלים און אגיכיר צייט, מיר האפן תמיד אויף אישועה, און זאלסט מקבל זיין אונזערי תפילות, און מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן ווי דיא קערסט דיך אומקערין צו דער שטאט ציון, מיר לויבן דיך אויף דעם לעבן מיט דיא ניסים מיט דיא טובות וואס טוסט אונז תמיד מיר בעטין דיך זאלסט אונז געבין שלום און חן און אללעם גוטס, געלויבט ביסטו גאט וואס בענטשט דיין פאלק ישראל מיט שלום (תפלה זו היא מעין תפלת י״ח (עיין במ״א סי׳ ק״ו ס״ק ב׳).

(יח) דיא היילגע חכמים האבין געזאגט וועלכי הייסט אאשה כשרה. דיא וואס טוט דעם רצון פון איהר מאן, און דיא אשה וואס איז מצער דעם מאן אפילו מיט רייד ווערט זיא אהן ביידי וועלטין, דיא וועלט האט זיא ניט ווארין אז זיא איז עהם מצער איז נישט דא קיין ליבשאפט צווישין זייא און מן הסתם איז ער זיא אויך מצער דעריך דעם און עס איז מחלוקת צווישין זייא האט זיא אויך בודאי קיין נחת ניעשט, גם דאריך מחלוקת איז דיא פרנסה גיפעהלט האט זיא אויך ניט וואס מען דארף און איז תמיד בצער, און יענע וועלט וועט זיא ניט האבין ווארין השם יתברך איז מקפיד אז מען איז מצער זיינע באשעפעניש אפילו איין עוף אדער א בהמה ומכל שכן א מענטש ומכל שכן איהר מאן וואס טראכט תמיד פרנסה פון איהרעט וועגין, זיא

וועט

וֶועט בְּוַדַּאי דִין וְחֶשְׁבּוֹן גֶעבִּין אוֹיף יֶעדִירִין מָאהל וָואס זִיא הָאט מְצַעֵר גִיוֶועהן דֶעם מַאן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז זִיא אִיז עֶהם מְבַטֵל פוּן לֶערְנִין אִין דַאוֶוענִין אָבֶּער דִיא אִשָׁה וָואס טוּט דֶעם רָצוֹן פוּן אִיהר מַאן הָאט זִיא אַגְרוֹיסִין שָׂכָר וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז זִיא הֶעלְפְט עֶהם מִיט דֶער פַּרְנָסָה אִין עֶר קָאן דַארִיף אִיהר זִיצֶען אִין לֶערְנִין הָאט זִיא אַחֵלֶק אִין זַיין תּוֹרָה אִין וֶועט בְּוַדַּאי הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא, גַם אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועלִין זַייא הָאבִּין נַחַת אִין לִיבְּשַׁאפְט אִין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד, אִין דֶער מַאן טָאר נִיט מְצַעֵר זַיין זַיין וַוייבּ עֶר דַארְף זִיא הַאלְטִין בְּכָבוֹד.

(יט) אַז דֶער מַאן אִיז זִיךְ נוֹהֵג אֵיין אִיסוּר אִין אַזַאךְ אָדִיר אִין אַמַאכָל הָאטְשֶׁי אַנְדִירֵי זֶוענִין זִיךְ נוֹהֵג הֶיתֵּר אִין דֶער זַאךְ אִין זִיא אוֹיךְ, טָאהר זִיא עֶהם נִישְׁט מַכְשִׁיל זַיין אָדִיר גֶעבִּין צוּ עֶסִין פוּן דֶעם הָאטְשֶׁי עֶר וֵוייסְט נִיט, דָאס אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר.

(כ) נָשִׁים זָאלִין נִישְׁט נָאךְ מַאכִין דִיא מָאדֶעס מִיט דִיא מַלְבּוּשִׁים זַייא זָאלִין זַיין גְלַייךְ מִיט דִיא פְּרוּצוֹת, אִין זָאלִין נִיט גֵייִן אַפִילוּ אִין פְרֶעמְדֵי הָאר אוֹיף דֶעם קָאפּ, דָאס אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר, אַפִילוּ אַשֵׁייטִיל וָואס זֶעהט אוֹיס ווִיא הָאר טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט (עיין בדה"ח ביו"ד הי"א סי' ק').

(כא) מֶען טָאהר נִיט מְסַרֵס זַיין אַזָכָר אַבְּהֵמָה אָדִיר אֵיין עוֹף אִין אַפִילוּ דָארִיךְ אַגוֹי טָאהר מֶען אוֹיךְ נִיט מֶען זָאל הֵייסִין דֶעם גוֹי מְסַרֵס זַיין, אִין מֶען טָאהר נִיט פַארְקוֹיפִין דֶעם גוֹי וָואס עֶר אִיז מְסַרֵס, נָאר מֶען זָאלל פַארְקוֹיפִין אֵיין אַנְדִירִין גוֹי וָואס עֶר קָאן נִיט מְסַרֵס זַיין אִין יֶענִיר גוֹי זָאלל עֶס לָאזִין מְסַרֵס זַיין אִין מֶען זָאלל עֶהם נִיט זָאגִין אַז עֶר זָאלל עֶס לָאזִין מְסַרֵס זַיין נָאר עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין מְשַׁעֵר זַיין אִיז קוּא אִין שָׁאף אָדִיר צִיגִין וָואס דַארְפִין זִיךְ קַאלְבִּין דָאס עֶרְשְׁטֵי מָאהל זָאלל מֶען פְרִיעֶר פַארְקוֹיפִין אַגוֹי מִיט כֶּסֶף וּמְשִׁיכָה אִין מֶען זָאל פְרֶעגִין אַשַׁאֲלָה:

(כב) אַז מֶען גָאלְט זִיךְ דִי בָּארד אָדִיר דִיא פֵּאוֹת אִיז מֶען עוֹבֵר אַסַאךְ לַאוִין עֶס אִיז אַרְגִיר ווִי מֶען עֶסְט טְרֵיפוֹת נָאר מִיט אַשֶׁערְל

## גיטע הנהגות פון אגאנץ יאהר

איז גרינגער גאר עס איז אויך ניט רעכט איבער דעם זאל מען מען זאלל זיך לאזין וואקסין די פיאות מיט דער בארט אין ווער עס שנייט אפ די פיאות אפילו פאר קינדער זאל ער לאזין האטשי די פיאות ביז צו דעם לעפיל פין אויער, אין די נשים טאהרין זיך ניט לאזין וואקסין קיין האר אויף דעם קאפ.

### הנהגות פין שבת

(א) ערב שבת איז אמצוה ער זאל אליין טאהן האטשי איין זאך לכבוד שבת אפילו ער האט ווער עס זאל טאהן.

(ב) בעלי מלאכות וואס ארבייטין פאר געלד איז רעכט זייא זאלין אויף הערין צו ארבייטין ערב שבת אהאלבע שעה נאך מיטאג, אין נאך צוויא שעה מיט אהאלביר נאך מיטאג איז אאיסור צו ארבייטין, אין ווער עס ארבייט זעט ניט קיין סימן ברכה פין זיין ארבייט.

(ג) אז ער האט פערד אדיר אקסין גאר ער ניט געבין זייא אגוי ער זאל מיט זייא ארבייטין אין שבת אין ער טאר ניט פארדינגען זייא אדיר שיקען זיין קנעכט מיט זייא אפילו ער נעמט זיך אויס זייא זאלין ניט ארבייטין אין שבת, צאדין ער נעמט זיך אויס דאס זייא זאלין אהיים קימען אויף שבת אין זייא קאנין אהיים קימען ביז שבת, אין אז זייא זענין ניט גיקימען אהיים זאלל ער מפקיר זיין די בהמות ער זאל זאגין זייא זענין הפקר אין קיין אנדירער קאן ניט זוכה זיין אין זייא, אין אז ער גיט זייא צו וינטערין אדיר ער פאר דינגט זייא אויף אצייט אדיר ער גיט בהמות צו וואקסין זייא זאלין זיך צו טיילין מיט דעם רוח זאל פרעגין אשאלה איין מורה הוראה וויא אזוי ער זאלל זיך נוהג זיין (א) ער זאל זיך גאר ניט פאר גרינג האלטין וואריין אז מען ארבייט מיט זיינע בהמות אין שבת איז גלייך וויא ער וואלט גיארבייט אליין, אין ווער עס האט זיין קנעכט אין ארבייט מיט זיינע בהמות זיין ארבייט איז ניט דא קיין שום היתר צו ארבייטין אין שבת.

(ד) ווער עס האט אמיל טאר מען ניט מאלין אין שבת

אפילו

אפילו מיט אמילגער אגוי און אז ער וויל לאזין מאלין אין שבת זאל ער פרעגין אשאלה וויא מען מעג.

(ה) ווער עס האט אווערץ הויז אדיר אטריפיק זאל ער פארקויפין איין גוי דיא משקה אדיר דעם טאבאק ערב שבת אויף אזוי אופן דער גוי זאל אויך האבין ריוח און זאל עס פאר דינגין דאס חדר וואס דיא סחורה איז דארינגען דארט און דער יוד זאל זיך גאר ניט אימקוקען שבת צו דעם גישעפט, און אז עס איז מעגליך זאל ער דעם גוי דיא סחורה אהיים געבין, (עיין בא"צ א"ה סי' ר"נ).

(ו) ווער עס האלט דעם מכס פון אבריק אדיר אשראנק זאל ער איבער געבין דעם גוי דאס גישעפט ערב שבת באופן ער זאל נעמין פון יעדירין גילדין כך וכך אדיר ער זאל עס פאר דינגען אויף שבת.

(ז) אז ער האט אפעלד טאר מען ניט ארבייטין אין שבת דאריך אגוי און אז ער בדויך נייטיג צו ארבייטין זאל ער פרעגין אשאלה אויף וואס פאר איין אופן מען מעג ארבייטין דורך אגוי:

(ח) אז עס איז דא צוויא שטיבער און איין הויף אדיר צוויא שטיבער אינטער איין דאך און יעדירער שטיב וואינט איין אנדירער דארף מען מאכין איין עירוב ערב שבת וויא עס שטייט אין שער ל"א, און אז עס איז דא איין עירוב אין שטאט דארף מען ניט מאכין קיין עירוב אין הויף און אז דער שטאט עירוב איז פארדארבין גיווארין אין שבת מעג מען טראגין און איין הויף פון איין שטיב אין דער אנדעריר און אז ער איז פארדארבין גיווארין פאר שבת טאהר מען ניט טראגין פון איין שטיב אין דער אנדירער אן איין עירוב איבער דעם איז רעכט דאס אפילו וויא עס איז דא איין עירוב אין שטאט זאל מען מאכין איין עירוב אין הויף אן אברכה.

(ט) מען זאל צינדין לעכט פריא וויא עס שטייט אין שער מ"ה, און דיא נשים זאלין נאך זאגין דעם קידוש וויא עס שטייט

אִין שַׁעַר מ״ו אִין אַיוּדִישֶׁע דִינְסט דַארְף אוֹיךְ הֶערִין קִידוּשׁ, אִין אַז דִיא נָשִׁים עֶסִין אִין אֵיין אַנְדִירֶער שְׁטִיבּ וָואס אִיז נִיט אִינְטִיר אֵיין דַאךְ זֶענִין זֵייא נִיט יוֹצֵא מִיט דֶעם קִידוּשׁ צַאדִין זֵייא עֶסִין אַכְּזַיִת גִיבֶּעקְס דָארְט וִויא זֵייא הֶערִין דֶעם קִידוּשׁ.

(י) מֶען טָאהר נִישְׁט אַרֵיין בְּרָאקִין בְּרוֹיט אָדִיר מַצָּה אִין דֶער שִׁיסֶעל אִין אַרוֹיף גִיסֶען הֵייסֶע יָאהךְ, נָאר מֶען זָאל קוֹדֶם אַרֵיין גִיסֶען דִיא יָאהךְ אִין דֶער שִׁיסֶעל אִין נָאךְ דֶעם אַרֵיין בְּרָאקִין, אִין אַפִילוּ אַזוֹי זָאל מֶען נִיט בְּרָאקִין בִּיז דִיא יָאהךְ אִיז הֵיים וָואס אַבַּאבִיל פוּן אַקִינְד פִין אֵיין טָאג קָאן זִיךְ אָבּ בְּרֶיעֶן נָאר אַז מֶען נֶעמְט פוּן דֶער שִׁיסֶעל אִין דִיא טֶעלִיר מֶעג מֶען בְּרָאקִין אִין דִיא טֶעלִיר אַפִילוּ עֶס אִיז הֵיים.

(יא) מֶען טָאהר נִישְׁט הֵייסִין אַגוֹי אָהנְצִינְדִין אַלֶעכְט אִין אַז עֶר הָאט אָהנְגִיצִינְדִין פַאר אַיוּדם וֶועגִין אִין עֶס אִיז דָארְט נִיט גִיוֶועהְן קֵיין אַנְדִיר לֶעכְט טָאהר נִיט קֵיין שׁוּם יוּד אַהֲנָאָה הָאבִּין פוּן דֶעם לֶעכְט אַז עֶר זָאל עֶס בַּאנִיצִין.

(יב) אַז מֶען וִויל וַוארִימִין קַאפֶּע אָדִיר דִיא יָאהךְ אוֹיף דֶער שְׁפָּאר זָאל דֶער גוֹי אַרוֹיף לֵייגִין אֵיין צִיגִיל אָדִיר אֵיין אַזִין אוֹיף דֶער שְׁפָּאר אִין דֶער גוֹי זָאל אַרוֹיף לֵייגִין דִיא קַאפֶּע אוֹיף דֶעם צִיגִיל אֵיידִיר עֶר מַאכְט פֵייעֶר אִין אַז דִיא קַאפֶּע אָדִיר דִיא מִילִיךְ אִיז נִיט גִיקָאכְט פוּן פְרֵייטִיג טָאהר מֶען אַזוֹי אוֹיךְ נִישְׁט, אִין אַז עֶס אִיז נִיט קַאלְט אִין שְׁטִיבּ טָאהר מֶען נִיט מַאכִין קֵיין פֵייעֶר וֶועגִין דֶער קַאפֶּע, אִין קַאלְטִי מִילִיךְ טָאר מֶען נִיט אַרֵיין גִיסֶען אִין הֵייסִיר קַאפֶּע וָואס אִיז אִין דֶעם טֶעפִּיל וָואס מֶען הָאט דִירְוַוארִימְט דִיא קַאפֶּע.

(יג) דִיא צִיבִּילִים (צְוִויבֶּעל) טָאהר מֶען נִיט צִי בְּרָאקִין נָאר נָאהנְט צִי דֶעם עֶסִין, אִין זֵייעֶר דִין טָאהר מֶען נִיט צִיבְּרָאקִין אִין רֶעטִיךְ אָדִיר אִיגֶערְקִים טָאר מֶען נִיט אִין טֶעלִיר בֶּעזַאלְצֶען נָאר מֶען זָאלל אֵיינְטִינְקִין צִי אַשְׁטִיקִיל אִין זַאלְץ, אִין אַז מֶען הָאט נִיט אַרֵיין גִיגָאסִין עֶסִיק אִין הֵרִייז פוּן פְרַאטִיג זָאלל מֶען

קוֹדֶם

קודם אריין גיסין עסיג אין דער כלי און נאך דעם אריין טאהן דעם הריין.

(יד) מען טאהר ניט מטלטל זיין קיין שום זאך וואס איז ניט אכלי דהיינו אשטיין אדיר אהאלץ, און אז מען האט אהן גיגרייט אשטיין פון פראטינ מען זאל קנאקין ניסליך זענין אטייל מתיר, און אבלי וואס איז מיוחד צי אמלכה וואס איז אסור אין שבת דהיינו אהאק טאהר מען ניט מטלטל זיין צאדין מען דארף זיך באניצין מיט איהר אדיר מען דארף דאס ארט פון דער כלי, און עסציג מעג מען מטלטל זיין צי אללעם נאר גאר בחנם טאהר מען ניט מטלטל זיין, און אז עס איז צובראכין גיווארין אבלי טאהר מען נישט מטלטל זיין דיא טשעריפליך צאדין עס איז אגלעזירנע כלי און מען פארכט זיך מען זאל זיך ניט שעדיגין און זיא מעג מען זיא ארוים טראגין.

(טו) מען טאר ניט אויסקערין דיא שטיב נאר דאריך אגוי נאר מיט אשמאטי (אפעצין) אדיר אקרילע (אפלעדירוויש) מעג מען אויסקערין.

(טז) מען טאהר נישט טראגין קיין קינד אפילו עס גייט שוין וויא עס איז ניט דא איין עירוב, און אעוף אדיר אבהמה טאר מען ניט טראגין אפילו אין שטיב.

(יז) אין דיא טעפליך וואס וואקסין בלימין טאר מען ניט גיסען קיין וואסיר, און מען טאהר זיא ניט מטלטל זיין, גם אין גארטין וואס איז גיזייעט טאהר מען קיין וואסיר גיסען.

(יח) מען טאהר נישט לאזין ארבייטען קיין שום מלכה דאריך אגוי אין לצורך שבת זאלל מען אשאלה פרעגין און אין אפילו זיין קנעכט אדיר דיא דינסט ווילין אליין טאן אמלכה פון דעם יודס וועגין טאהר מען ניט לאזין, און צי בויען אבנין אדיר מאבין אפלויט טאהר מען ניט אפילו מען האט עס עהם איבער גיגעבין אין הארט.

(יט) מען טאהר נישט שמיסין פון קיין גישעפטין אדיר

אַנְדִירִי וָואכֶענְדִיגֶע זַאכִין אִין שַׁבָּת אִין מֶען טָאהר נִישְׁט לֵיינִין קֵיין צַייטוּנְג אִין שַׁבָּת (עיין ש"ע סי' ש"ז וט"ז ובמ"א שם ס"ק כ"ד) אִין עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאל נִיט אָנְבְּרֶענְגִין שַׁבָּת מִיט פּוּסְטִי זַאכִין נָאר מֶען זָאלל לֶערְנִין, אוֹיף שַׁבָּת וֶועט מֶען בְּוַדַּאי קֵיין שׁוּם תֶּרֵיץ הָאבִּין.

(כ) מֶען טָאר נִיט גֵיין אִין שַׁבָּת מֶער וִויא צְוֵוייא טוֹיזִינְט אֵיילִין פוּן סוֹף דֶער שְׁטָאט אֵיין אֵייל אִיז פוּן פִיר אִין צְוָואנְצִיג גְרָאבִּי פִינְגִיר אַתְּחוּם שַׁבָּת אִיז אֵיין עֶרֶךְ פוּן אַכְּקִילָא מֶעטִיר מִיט צְוֵוייא הִינְדִירְט מֶעטִיר, אִין אַז עֶר לֵייגְט אֵיין עֵירוּב אִין דֶעם תְּחוּם מֶעג עֶר גֵיין פוּן דֶעם עֵירוּב וֵוייטִיר צְוֵוייא טוֹיזִינְט אֵיילִין אִין נִיט מֶעהר, אִין אַז דִיא צְוֵוייא טוֹיזִינְט אֵיילִין לָאזִין זִיךְ אוֹיס אִין מִיטִין שְׁטָאט טָאהר עֶר נִיט גֵיין וֵוייטִיר.

(כא) מֶען זָאל נִזְהָר זֵיין צִי עֶסִין שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת מֶען זָאל זִיךְ וַואשִׁין אוֹיף לֶחֶם מִשְׁנֶה אִין עֶסִין מֶעהר וִויא אֵיין אֵיי אִין נָשִׁים זֶענִין אוֹיךְ מְחוּיָב, אִין וֶוער עֶס הָאט פַרְאטִיגְצִינַאכְט נִיט גִיגֶעסִין זָאלל עֶסִין שַׁבָּת בַּאטָאג דְרֵייא סְעוּדוֹת.

(כב) מֶען טָאהר נִיט קֵיין לֶעכְט צִינְדִין שַׁבָּת אוֹיף דֶער נַאכְט דָאס אִיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גוּט נַאכְט אִין וֶוער עֶס הָאט קֵיין מַעֲרִיב גִידַאוְוינְט אָדִיר עֶר הָאט פַארְגֶעסִין צִי זָאגִין אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ זָאלל קֵיין לֶעכְט אָהן צִינְדִין בִּיז עֶר זָאגְט הַמַּבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל בֵּין אוֹר לְחוֹשֶׁךְ בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה, דִיא נָשִׁים דַארְפִין אוֹיךְ אִין דֶעם נִזְהָר זֵיין.

## הַנְהָגוֹת פוּן פֶּסַח

(א) אַז עֶר קוֹיפְט מַצּוֹת זָאלל עֶר קוֹיפִין פוּן אַיְרֵא שָׁמַיִם עֶר זָאל נִיט קִיקֶען וָואס קָאסְט טֵייעֶרִיר אִין אַז עֶר בַּאקְט אַלֵיין זָאל עֶר נִזְהָר זֵיין דֶער וַוייץ זָאלל זֵיין כָּשֵׁר עֶר זָאל אוֹיסְמִישִׁין דֶעם וַוייץ גוּט אִין זָאלל נֶעמִין פוּן דֶעם אַבִּיסֶל אִין זָאלל וֵוייזִין אַמוֹרֶה הוֹרָאָה, אִין דִיא מִיל זָאל זֵיין גִיקַאשִׁירְט דָארִיךְ אַמוֹרֶה הוֹרָאָה אִין עֶס זָאלל גִיבַּאקִין וֶוערִין מִיט אַמַשְׁגִיחַ אַיְרֵא שָׁמַיִם

וואס

וָואס עֶר קָאן דִּיא דִּינִים פִין דֶעם בַּאקְן, אַפִילוּ עֶר עֶסְט שְׁמוּרָה אִין דִיא מַצּוֹת דַארְף עֶר נָאר פַאר דֶעם בְּנֵי בַּיִת זָאל עֶר אוֹיךְ נִזְהָר זַיין אִין דֶעם אַלֶעם, וָוארִין אַז מֶען אִיז נִיט נִזְהָר אִיז אוֹיף דִיא מַצּוֹת אַחֲשַׁשׁ חָמֵץ וָואס אִיז אַאִיסּוּר כָּרֵת ר״ל אִין מֶען טָאר זִיא אַפִילוּ אִין שְׁטִיבּ נִיט הַאלְטִין.

(ב) דִיא נַאכְט פַאר עֶרֶב פֶּסַח נָאךְ מַעֲרִיב דַארְף מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר מ״ט, אִין נָאךְ בְּדִיקַת חָמֵץ זָאל עֶר זָאגִין כָּל חֲמִירָא, אַז מֶען וֵוייסְט נִיט דִיא טֵייטְשׁ פִין דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט דֶער בִּיטֵל, דִיא טֵייטְשׁ אִיז אַזוֹי (כָּל חֲמִירָא) אַלֶע מִין חָמֵץ אִין זוֹיעֶר טֵייג, (דְאִיכָּא בִּרְשׁוּתִי) וָואס אִיז אִין מַיין רְשׁוּת, (דְלָא חֲמִיתֵי) וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן* (וּדְלָא בִעַרְתֵּי) אִין וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט גִיזֶעהְן* (וּדְלָא יְדַעְנָא לֵיהּ) אִין וָואס אִיךְ וֵויים נִישְׁט פִין עֶהם (לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר) זָאלְל בָּטֵל זַיין אִין זָאלְל זַיין הֶפְקֵר (כְּעַפְרָא דְאַרְעָא) אַזוֹי וִויא שְׁטוֹיבּ פִין דֶער עֶרְד.

(ג) עֶרֶב פֶּסַח טָאהר מֶען נִיט עֶסִין חָמֵץ נָאר בִּיז אַדְרִיטִיל טָאג לוֹיט דֶער טָאג אִיז, אִין וֶוער עֶס קָאן נִישְׁט בַּארֶעכִינִין, אַז עֶס אִיז הַאלְבֶּער נַאכְט זָאל עֶר שׁוֹין נִיט עֶסִין, אִין פַארְקוֹיפִין דֶעם חָמֵץ מֶעג מֶען בִּיז אַשָׁעָה נָאךְ דֶעם דְרִיטִיל טָאג אִין אַז עֶר הָאט נִיט פַארְקוֹיפְט אִין עֶס אִיז נָאךְ גִיוֶועהְן אַבִּיסל מֶעהר מֶער פִין אַשָׁעָה פַאר דֶעם הַאלְבִּין טָאג זָאל עֶר פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה אִין נָאךְ דֶעם טָאהר מֶען נִישְׁט פַאר קוֹיפִין, נָאר עֶר זָאלְל פְרִיעֶר פַארְקוֹיפִין כְּדֵי עֶר זָאל קָאנִין מְבַטֵל זַיין בִּיז דֶער צֵייט.

(ד) וֶוער עֶס הָאט צוּ פַאר קוֹיפִין חָמֵץ זָאל לָאזִין שְׁרֵייבִּין דֶעם שְׁטַר מְכִירָה בַּייא אַתַּלְמִיד חָכָם עֶר זָאל שְׁרֵייבִּין כְּדִין אִין עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין חַתְמִינִין.

(ה) בִּשְׁעַת אִיבֶּער גֶעבִּין דֶעם שְׁטַר מְכִירָה זָאל עֶר אוֹיס רֶעכִינִין דֶעם גוֹי אַלֶעם וָואס עֶר פַארְקוֹיפְט עֶהם, אִין מֶען טָאר נִיט זָאגִין דֶעם גוֹי דָאס וֶוען עֶר וֶועט נִיט גֶעבִּין קֵיין גֶעלְט וֶועט נִיט

*האב ניט גיזעהן *מבער גיזועהן

נִיט זַיין דֶער מֶקַח, נָאר דָאס מֶעג עֶר זָאגִין דָאס נָאךְ פֶּסַח וֶוען אִיךְ וֶועל בַּארְפִין וֶועל אִיךְ צִירִיק קוֹיפִין, אִין זָאל נֶעמִין אַדְרָאן גֶעלְד אִין זָאלל אִין זִין הָאבִּין דָאס עֶר פַארְקוֹיפְט עֶהם בֶּאֱמֶת. אִין זָאל אִיהם גֶעבִּין נָאךְ פֶּסַח רֶיוַח נִיט צִי טָאפְּלִין דֶעם דְרָאן:

(ו) מֶען בַּארְף פַאר בְּרֶענִין דֶעם חָמֵץ אִין זָאגִין כָּל חֲמִירָא אֵיידִיר עֶס אִיז דָארְף דִיא שָׁעָה נָאךְ דֶעם דְרִיטֶעל טָאג לוֹיט דֶער טָאג אִיז, אִין אַז עֶר אִיז נִיט אִין דֶער הֵיים זָאל עֶר זָאגִין כָּל חֲמִירָא וִויא עֶר אִיז, מֶען אִיז מְחִיוּב צִי וִויסִין דִיא טַייטְשׁ פִּין דֶעם כָּל חֲמִירָא אִין אַז נִיט הֶעלְפְט נִיט דָאס זָאגִין, דִיא טַייטֶשׁ אִיז אַזוֹי (כָּל חֲמִירָא וּחְמִיעָא) אַלֶלֶע מִין חָמֵץ אִין זוֶיער טַייג, (דְאִיכָּא בִּרְשׁוּתִי) וָואס עֶס אִיז דָא אִין מֵיין רְשׁוּת (דְהַזִיתִי וּדְלָא חֲזִיתִי) וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהן אִין וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִיזֶעהן (דְבַעֲרְתִּי וּדְלָא בַּעֲרְתִּי) וָואס אִיךְ הָאבּ מְבַעֶר גִיוֶועהן אִין וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט מְבַעֶר גִיוֶועהן (לְבַטֵל וּלְהֲוֵי הֶפְקֵר כְּעַפְרָא דְאַרְעָא) זָאלל זַיין בָּטֵל אִין הֶפְקֵר אַזוֹי וִויא שְׁטוֹיבּ פִּין דֶער עֶרְד מֶען זָאלל נָאךְ דֶעם פַאר בְּרֶענִין דֶעם חָמֵץ זָאגִין כָּל חֲמִירָא.

(ז) עֶרֶב פֶּסַח נָאךְ מִיטָאג טָאהר מֶען נִיט טָאהן קֵיין שׁוּם מְלָאכָה וָואס אִיז נִיט לְצוֹרֶךְ פֶּסַח, מֶען טָאהר זִיךְ נִיט אָבְּשֶׁערִין אָדִיר גָאלִין צַאדִין דָארִיךְ אַגוֹי.

(ח) אַז מֶען הָאט גִיהַאט אַצִיכִילֶע אָדִיר אַלֶעמִיל אִין מֶען הָאט גִיזָאגְט דָאס אִיז אַקָרְבַּן פֶּסַח אָדִיר אַפֶּסַח אַפִילוּ אוֹיף אֵיין גִישְׁפֶּעט אִיז עֶס אָסוּר מֶען זָאלל פְרֶעגִין אַשְׁאֵלָה.

(ט) אַז עֶרֶב פֶּסַח גִיפַאלְט זִיךְ אִין שַׁבָּת זָאלל עֶר בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דָאנֶערְשְׁטִיג נַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב אִין זָאגִיז כָּל חֲמִירָא, אִין זָאלל פַארְבְּרֶענִין דֶעם חָמֵץ פְרַאטִיג פַאר מִיטָאג אִין זָאלל נִיט זָאגִין כָּל חֲמִירָא, אִין אַז עֶר הָאט נִיט פַאר קוֹיפְט דֶעם חָמֵץ פַאר מִיטָאג מֶעג עֶר פַאר קוֹיפִין נָאךְ מִיטָאג, אִין עֶר זָאלל מְבַעֶר זַיין דֶעם גַאנְצִין חָמֵץ עֶר זָאל נִישְׁט לָאזִין נָאר וָואס עֶר דַארְף עֶסִין פְרַאטִיג צִי נַאכְט אִין שַׁבָּת פְרִיא, מֶען זָאלל נִיט

מאכין

מאכין קיין קיגעל, שבת פריא זאלל מען עסין ביז דער צייט וואס שטייט אין אות ג׳, פאר דעם פלייש עסין זאל ער בענטשין אין זאלל זיך אביסעל דארויף גיין אין זאלל זיך נאך אמאהל וואשין אויף לחם משנה פון וועגין שלוש סעודות אין זאל עסין דאס פלייש אין בענטשין אין עס איז גלייך צו עסין נאך מיטאג אשטיקיל פלייש אדיר פירות פון וועגין שלוש סעודות אין זאל מבער זיין דעם חמץ וואס בלייבט ער זאלל געבין אגוי אדיר דיא בהמות ער זאלל שטיין ביז דיא בהמות וועלין אויף עסין אדיר ער זאלל געבין אבלב צו עסין, אין זאל זאגין כל חמירא וויא עס שטייט אין אות ו׳, אין מען זאל אבשוועקין דאס גישיר אין באהאלטין.

(י) דיא נאכט פון פסח זאגט מען נאך דער שמונה עשרה גאנץ הלל, אין אז עס גיפאלט אין שבת זאגט מען ויכולו אין נאך דעם הלל אין מען זאגט ניט מגן אבות אין ניט דיא ברכות, אין נאך הלל זאגט מען קדיש מיט תתקבל, אין אויף אטייל ערטיר איז מען זיך ניט נוהג צו זאגין הלל אין שיל.

(יא) דיא אשה זאלל בענטשין לעכט אין מאכין אברכה להדליק נר של יום טוב אין שהחיינו.

(יב) ווען מען קומט אהיים פון מנין זאלל מען מסדר זיין דיא קערה, קודם זאלל מען נעמין דרייא מצות איינס אויף עס אנדירי דיא אויבירשטי הייסט כהן אין דיא מיטלע הייסט לוי אין דיא אינטערשטי הייסט ישראל.

דער סדר פון דער קערה איז אזוי

| | | |
|---|---|---|
| זרוע | | ביצה |
| | מרור | |
| חרוסת | | כרפס |
| | כורך | |

דִיא זְרוֹעַ אִיז אַשְׁטִיקֶעל פְלֵייש וָואס אִיז גִיבְּרָאטִין אוֹיף דִיא קוֹלִין, אִין אַז מֶען הָאט נִישְׁט גִיבְּרָאטִין פַּאר נַאכְט זָאלל מֶען בְּרָאטִין בַּאנַאכְט אוֹיף דֶער דֵעָה מֶען זָאלל עֶס עֶסִין אִין דֶער פְרִיא.

דִיא בֵּיצָה אִיז, אֵיין אֵיי גִיקָאכְט אָדִיר גִיבְּרָאטִין.

מָרוֹר אִיז שַׁאלַאטִין אָדִיר צִירִיבִּינִים חְרֵיין.

חֲרוֹסֶת אִיז מֶען צִיבְּרָאקְט עֶפִּיל מִיט נִיס מִיט אִינְגְבִּיר אִין מֶען מִישְׁט אוֹיס מִיט וַויין.

כַּרְפַּס אִיז אַזוֹי זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף דֶעם בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה דְהַיְינוּ יוּנְגֶע צִיבִּילֶע (צְוִוִיבִּיל) אָדִיר רֶעטִיךְ אָדִיר אַרִיבִּיל (עֶרְד עֶפִּיל) וָואס אִיז גִיקָאכְט.

כּוֹרֵךְ אִיז שַׁאלַאטִין אָדִיר צִירִיבִּינִיר חְרֵיין.

אִין זָאל אַרוֹיף לֵייגִין דִיא קְעָרָה אוֹיף דִיא מַצוֹת.

(יג) דִיא מַצוֹת זָאלִין זַיין צִיגִידֶעקְט בְּשַׁעַת מֶען מַאכְט קִידּוּשׁ אִין בְּשַׁעַת עֶר נֶעמְט דָאס כּוֹס אִין דִיא הֶענְד, אָבִּיר בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט דִיא הַגָּדָה זָאלִין זַיין אוֹיף גִידֶעקְט.

(יד) דִיא פִּיעֶר כּוֹסוֹת אִיז יֶעדִירִיר מְחוּיָב צִי טְרִינְקִין אוֹיף דֶעם סֵדֶר וִויא עֶס וֶועט שְׁטֵיין וַוייטִיר אִין נָשִׁים זֶענִין אוֹיךְ מְחוּיָב צִי טְרִינְקִין פִּיר כּוֹסוֹת בְּשַׁעַת דֶער מַאן טְרִינְקְט, אִין דִיא מֵיידְלִיךְ מִיט דִיא יוּדִישֶׁע דִינְסְט אִיז אוֹיךְ מְחוּיָב צִי טְרִינְקֶען פִּיר כּוֹסוֹת.

(טו) דָאס כּוֹס דַארְף זַיין גְרוֹיס אַבִּיסִיל מֶעהר וִויא אֵיין זִיבִּיטִיל לִיטֶער אִין לְפָּחוֹת זָאלל עֶס הָאבִּין אֵיין דְרֵייצִינְטִיל לִיטֶער אִין מֶען זָאלל טְרִינְקִין אָרוֹב כּוֹס.

(יו) מֶען דַארְף זִיךְ אָנְלֶענִין אוֹיף דֶער לִינְקִיר הַאנְד בְּשַׁעַת מֶען טְרִינְקְט דִיא פִּיר כּוֹסוֹת אִין בְּשַׁעַת מֶען עֶסְט דִיא מַצָּה, אִין אַז נִיט אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא, נָשִׁים דַארְפִין זִיךְ נִיט אָנְלֶענִין אִין אַתַּלְמוּד פַּאר דֶעם רֶבִּי דַארְף זִיךְ נִיט אָהנְלֶענִין, אָבִּיר אֵיין זִין פַאר אֵיין פָּאטִיר דַארְף זִיךְ אָהנְלֶענִין.

דער

(יז) דער סֵדֶר אָבְּרֶעכְטִין אִיז אַזוֹי, קוֹדֶם זָאלל עֶר קִידוּשׁ מַאכִין אִין טְרִינְקֶען אָהנְגִילֶענְט, אִין זָאלל זִיךְ וַואשִׁין אִין נִישְׁט מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם, אִין זָאל נֶעמִין כַּרְפַּס וֵוינִיגֶער פֿוּן אַכְּזַיִת אִין זָאלל אֵיינְטִינְקֶען אִין זַאלְץ וַואסֶער אִין מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה, אִין זָאל אִין זִין הָאבִּין עֶר זָאלל מִיט דֶער בְּרָכָה יוֹצֵא זַיין אוֹיךְ דֶעם מָרוֹר אִין זָאלל עֶסִין נִיט אָנְגִילֶענְט, אִין זָאלל צִי בְּרֶעכִּין דִיא מִיטִילְסְטֶע מַצָּה דִיא גְרֶעסִירֶע הֶעלְפְט זָאלל עֶר בַּאהַאלְטִין פֿוּן וֶועגִין דֶעם אַפִּיקוֹמָן, אִין דִיא קְלֶענִירֶע הֶעלְפְט זָאל עֶר לָאזִין דָארְט, אִין זָאל זָאגִין דִיא הַגָּדָה פֿוּן כְּהָא לַחְמָא בִּיז גָּאַל יִשְׂרָאֵל, בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט כְּהָא לַחְמָא זָאלל עֶר אוֹיךְ הֵייבִּין דִיא קְעָרָה, אִין מֶען זָאל עֶם פְרֶעגִין מַה נִשְׁתַּנָּה, אִין עֶר זָאל זָאגִין פֿוּן עֲבָדִים הָיִינוּ, עֶס אִיז רֶעכְט דָאס עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר זָאגְט אִין זָאל דֶירְצֵיילִין פַאר דֶעם בְּנֵי בַּיִת, נָאךְ גָּאַל יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הַגֶּפֶן אִין טְרִינְקֶען דָאס כּוֹס אָנְגִילֶענְט, אִין זָאל זִיךְ וַואשִׁין אִין מַאכִין עַל נְטִילַת יָדַיִם, אִין זָאל נֶעמִין דִיא מַצּוֹת אִין דִיא הֶענְד אִין זָאל מַאכִין הַמּוֹצִיא אִין עַל אֲכִילַת מַצָּה, אִין זָאל אָבְּבְּרֶעכִין אַכְּזַיִת פֿוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטִיר מַצָּה אִין אַכְּזַיִת פֿוּן דֶער מִיטֶעלְסְטִיר מַצָּה אִין זָאל זִיךְ אָנְלֶענִין אִין אוֹיךְ עֶסִין בֵּידֵי כְּזֵיתִים גִיךְ אִין זָאל אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען חַאטְשִׁי אֵיין כְּזַיִת אוֹיף אֵיין מָאל, נָאךְ דֶעם זָאל עֶר נֶעמִין אַכְּזַיִת מָרוֹר אִין אֵיינְטִינְקֶען אִין חֲרוֹסֶת אִין זָאל אָבְּשָׁאקְלִין פֿוּן דִיא חֲרוֹסֶת אִין זָאל מַאכִין עַל אֲכִילַת מָרוֹר אִין זָאל עֶסִין נִיט אָנְגִילֶענְט, וֶוער עֶס קָאן בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט עֶסִין אַכְּזַיִת מָרוֹר זָאלל עֶר נִיט אַבְּרָכָה מַאכִין, אֵיין כְּזַיִת אִיז וִוי אֵיין הַאלְבּ הִינֶערִין אֵיי אִין אַז עֶס אִיז אִיהם שְׁוֶוער צִי עֶסִין אַזוֹיפִיל זָאל עֶר לְכָל הַפָּחוֹת עֶסִין אַבִּיסֶעל וֵוינִיגֶער פֿוּן אַדְרִיטִיל הִינֶערִין אֵיי אִין נָאךְ דֶעם זָאלל עֶר נֶעמִין דִיא דְרִיטֶע מַצָּה אִין זָאל אָבְּבְּרֶעכִין צְווייא שְׁטִיקְלִיךְ אִין זָאל צִיוִוישִׁין זֵיי אַרַיין לֵייגִין אַכְּזַיִת מָרוֹר אִין זָאל אֵיינְטִינְקֶען אִין חֲרוֹסֶת אִין זָאלל זָאגִין זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל אִין זָאלל עֶסִין אנגילענט

אנגילענט, פון ווען ער מאכט המוציא זאל ער ניט מפסיק זיין ביז ער עסט דעם כורך, אין נאך דעם זאל ער עסין אין טרינקען נאר ניט אסאך, אין נאך דעם זאל ער נעמין דעם אפיקומן אין זאל עסין אכזית אנגילענט, אין אז דער אפיקומן איז פארלארין גיווארין אדיר עם דירגייט ניט פאר יעדירין אכזית זאל ער נעמין אנדירע מצה' אין נאך דעם זאל ער נעמין אכוס אין זאל בענטשין אין מאכין בורא פרי הגפן אין טרינקען ארוב כוס אנגילענט, אין אז ער האט פארגעסין צו עסין דעם אפיקומן אז ער האט זיך דירמאנט אין מיטען בענטשין זאלל ער פארטיק מאכין דאס בענטשין אין זאל ניט טרינקען דאס כוס אין זאל זיך נאך אמאל וואשין אין מאכין המוציא אין עסין אכזית אין זאל בענטשין אויף דעם כוס אין טרינקען, אין אז ער האט זיך דירמאנט נאך דעם וויא ער האט גיטרינקען דאס כוס זאל ער זיך וואשין אין עסין אכזית אין זאל בענטשין אן אכוס, אין נאך דעם זאל ער אן גיסען דאס כוס אין זאגין שפוך אין נאך דעם הלל פון לא לנו ביז יהללוך אין זאל ניט זאגין יהללוך, אין נאך דעם זאל ער זאגין הודו פון דיא שבת ברכות ביז צום סוף אין נאך דעם זאל זאגין נשמת אין ישתבח ביז ברוך, אין זאל ניט זאגין ברוך אין זאל זאגין יהללוך ביז מלך מהולל בתשבחות, אין זאל זאגין דיא הגדה ביז לך ד' הממלכה אין זאל מאכין בורא פרי הגפן אין טרינקען ארוב כוס אנגילענט, אין זאל מאכין על הגפן, אין זאל פארטיק מאכין דיא הגדה, דאס בני בית זאל אויך טוען אללעס וויא ער טוט אין זאל געבין פון יעדירין זאך דעם בני בית אויך אין דיא נשים זענין אויך מחויב צו זאגין דיא הגדה אין עסין מצה אין מרור אין טרינקען פיר כוסות אויף דעם סדר.

(יח) ווער עס קאן ניט עסין הארטי מצה זאל ער ווייקין מצה אין קאלט וואסיר אבער ניט אין ווארים וואסיר אדיר ער זאלל צו קלאפין דיא מצה דין אויף מעהל אין זאלל עסין דאס מעהל.

(יט) עֶר זָאלל עֶסִין אִין זָאגִין הַלֵל פַאר דֶער הַאלְבֶּער נַאכְט אִין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיוואשִׁין בִּיז נָאךְ דֶער הַאלְבֶּער נַאכְט זָאלל עֶר נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מַצָּה.

(כ) נָאךְ דִיא פִּ"ר כּוֹסוֹת טָאר מֶען נִיט טְרִינְקֶען קֵיין שׁוּם מַשְׁקֶה נָאר וַואסִיר.

(כא) מֶען דַארְף נִישְׁט לֵיינִין קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע פַאר דֶעם לֵייגִין נָאר מֶען זָאל זָאגִין דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אִין הַמַפִּיל.

(כב) מֶען זָאל נִזְהָר זַיין צִי קוֹיפִין וַויין פוּן אַיְרָא שָׁמַיִם וָואס עֶר וֵוייסְט דָאס דֶער וַויין אִיז נִיט גִיפַּאלְטְשְׁט וָוארִין עֶס אִיז שְׁכִיחַ גִיפֶּעלְטְשְׁטִיר וַויין עֶר אִיז מִיט שְׁפִּירִיטֶעס דָאס אִיז חָמֵץ גָמוּר, אִין אַז מֶען מַאכְט וַויין פוּן רָאזִשִׁינְקֶעס זָאלל מֶען נִיט אִיבֶּער וַואשִׁין דִיא רָאזִשִׁינְקִים דְרַיי מָאהל פַאר דֶעם וַוייקִין אִין מֶען זָאלל אָבְּזַייעֶן פַאר פֶּסַח אִין מֶען זָאלל נִזְהָר זַיין צִי מַאכִין עֶס כְּדִין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ג'.

(כג) מֶען טָאר נִיט קָאכִין אִין יוֹם טוֹב אִין נַייע טֶעפּ צַאדִין מֶען הָאט אִין זֵייא גִיקָאכְט פַאר יוֹם טוֹב.

(כד) מֶען זָאלל אַרוֹיס נֶעמִין דֶעם קְרַאפּ פוּן דֶעם עוֹף אֵיידִיר מֶען סַמַלִיט אָבּ דָאס עוֹף, אִין מֶען זָאל עֶס אַוֶועק וַוארְפִין תֵּיכֶף אוֹיף דֶער גַאס נִיט אִין זַיין הוֹיף, אִין מֶען זָאל נִיט אָבְּזֶענְגִין מִיט שְׁטְרוֹי נָאר מִיט הֵיי.

(כה) דִיא עוֹפוֹת זָאלל מֶען נִיט גֶעבִּין צִי עֶסִין אִין פֶּסַח וַויילְ קָארִין הָבִּיר גֶערְשְׁטִין נָאר מַלַאי (קָאקָארָאזִין) רַייז הִירְשׁ רִיבְּלִיךְ (עֶרְד עֶפִּיל) אִין אַז מֶען קוֹיפְט אַעוֹף אִין פֶּסַח פוּן אַגוֹי זָאל עֶר אִין זִיז הָאבִּין דָאס עֶר וִויל נִיט קוֹנֶה זַיין דֶעם חָמֵץ וָואס אִיז אִין קְרַאפּ, אִין וֶוער עֶס וִויל גֶעבִּין דִיא בְּהֵמוֹת הָאבִּיר זָאל אַשַׁאֲלָה פְרֶעגִין וִויא אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין.

(כו) דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם לֵיינִין אִיז אַזוֹי יוֹם טוֹב זֶעגִין עוֹלָה

פִּינְעָף

פינעף מענטשין חוץ מפטיר און מען זאגט חצי־קדיש פאר מפטיר אין חול המועד זענין עולה פיר מענטשין און נאך דעם ליינין חצי קדיש, דעם ערשטין טאג ליינט מען אין פרשת בא פון משכו ביז על צבאותם און מפטיר אין פנחס ובחודש הראשון, דעם אנדערין טאג אין פרשת אמור שור או כבש, און מפטיר ובחודש הראשון, דעם ערשטין טאג חול המועד זענין עולה דרייא אין פרשת בא, קדש לי כל בכור, און איינער אין פרשת פנחס, והקרבתם, דעם אנדערין טאג זענען עולה דרייא אין משפטים און איינער והקרבתם, דעם דריטין טאג זענין עולה דרייא אין תשא, פסל לך, און איינער והקרבתם, דעם פערדין טאג זענין עולה דרייא אין בהעלותך פון וידבר ביז ולאזרח הארץ און דער פערדיר והקרבתם, אין שביעי של פסח ליינט מען אין בשלח און מפטיר והקרבתם און אחרון של פסח ליינט מען אין ראה, כל הבכור און מפטיר והקרבתם, און אז גיפאלט דער ערשטיר טאג חול המועד אין שבת זענין עולה זיבען אין תשא פון ראה אתה אומר אלי און מפטיר והקרבתם און נאך דיא ברכות פון דער הפטורה לאזט מען אויס נאר מקדש השבת און זונטיג ליינט מען קדש לי און מאנטיג אב כסף און דינסטיג אין בהעלותך, וידבר, און אז דער דריטער טאג חול המועד איז שבת ליינט מען אויך אזוי און דיא אנדערי טעג איז דער סדר וויא עס שטייט פריער, און אז שבת גיפאלט אין יום טוב ליינט מען וואס עס קער צו דעם טאג נאר זיבען מענטשין זענין עולה חוץ מפטיר און נאך דער הפטורה זאגט מען מקדש השבת וישראל והזמנים,

(כז) דיא ערשטי טעג זאגט מען גאנץ הלל און דיא אנדירי טעג יום טוב זאגט מען נאר האלב הלל.

(כח) חול המועד דאווינט מען שחרית וואבינדיג נאר מען זאגט יעלה ויבא און נאך הלל זאגט מען קדיש מיט תתקבל, און נאך דעם ליינט מען און נאך דעם זאגט מען אשרי ובא לציון

אִין חֲצִי קַדִישׁ אִין מֶען דַאוֶוינְט דִיא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף אַזוֹי וִויא יוֹם טוֹב אִין מֶען זָאגְט וְהִקְרַבְתֶּם, אִין אַז גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת דַאוֶוינְט מֶען שַׁחֲרִית וִויא שַׁבָּת נָאר מֶען זָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בַּייא רְצֵה, אִין מוּסָף דַאוֶוינְט מֶען וִויא יוֹם טוֹב נָאר מֶען אִיז מַזְכִּיר שַׁבָּת אִין מֶען לָאזְט אוֹיס מְקַדֵשׁ הַשַׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְמַנִים.

(כט) חוֹל הַמוֹעֵד טָאהר מֶען נִיט טָאהן קֵיין שׁוּם אַרְבֵּייט צָאדִין עֶר וִויל זִיךְ מַצִיל זַיין פוּן שָׁאדִין, אִין אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסִין אָדֶיר עֶר דַארְף אוֹיף יוֹם טוֹב זָאלל עֶר אַשַׁאֲלָה פְרֶעגִין, אִין צוּ בּוֹיעֶן אַבְּנֶין אָדִיר אַפְּלוּיט מַאכִין טָאר מֶען אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאלל, אִין וָואס מֶען טָאהר אַלֵיין נִיט טָאהן טָאהר מֶען נִיט דָארִיךְ אַגוֹי אוֹיךְ נִיט אֲפִילוּ מֶען גִיט עֶהם אִין הֶערְט, אִין אַז מֶען וִויל הַאנְדְלִין אָדִיר דִי גִיוָועלְבִּיר אוֹיפִין הַאלְטִין זָאל מֶען אַשַׁאֲלָה פְרֶעגִין, מֶען זָאל זִיךְ גָאר נִיט פַאר גְרִינְג הַאלְטִין עֶס אִיז אַיין גְרוֹיסִיר אִיסוּר וִויא גְלַייךְ מֶען וָואלְט גִידִינְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה.

(ל) דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג פֶּסַח בֶּענְטשְׁט מֶען טַל בַּייא מוּסָף אִין דֶער שְׁטִילֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען נָאךְ מַשִׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם צָאדִין וִויא מֶען זָאגְט אִימֶער מַשִׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַטַל רִיפְט מֶען אוֹיס פַאר דֶער שְׁטִילֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מַשִׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַטַל אִין מֶען זָאגְט בִּיז דֶער שְׁטִילֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מַשִׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַטַל וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר מ' אוֹת ג', אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען שׁוֹין נִיט בִּיז שְׁמִינִי עֲצֶרֶת צוּ מוּסָף.

(לא) דִיא אַנְדֶערֶע טֶעג יוֹם טוֹב מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ נִיט בַּייא לֶעכְט צִינְדִין נִיט בַּייא דֶעם קִידוּשׁ אִין אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח אִיז מֶען מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת אִין נָאךְ יוֹם טוֹב זָאל מֶען אָב גֶעבִין וָואס מֶען הָאט מְנַדֵר גִיוֶועזִין, אַז מֶען גִיט נִישְׁט אָב אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר.

(לב) שַׁבָּת אַז עֶס גִיפַאלְט זִיךְ אִין יוֹם טוֹב מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה בַּייא לֶעכְט צִינְדִין לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם

טוֹב

טוב אין דיא ערשטי טעג מאכט מען שהחיינו אויך, אין פראטיג צו נאכט זאגט מען ניט לכו נרננה מען הייבט אהן מזמור לדוד, אין דיא שמונה עשרה זאגט מען אתה בחרתנו אין מען איז מזכיר שבת אויך אין מלאזט אוים מקדש השבת וישראל והזמנים אין נאך דער שמונה עשרה זאגט מען ויכולו אין מגן אבות אין מען לאזט אוים מקדש השבת, נאר דעם ערשטין טאג פסח זאגט מען נישט מגן אבות אין ניט דיא ברכות, אין מען מאכט קידוש יום הששי אין נאך בורא פרי הגפן זאגט מען אשר בחר בנו אין מען לאזט אוים מקדש השבת וישראל והזמנים, אין שחרית אין מוסף אין מנחה זאגט מען אויך אתה בחרתנו אין מען לאזט אוים מקדש השבת וישראל והזמנים, אין אז מען האט זיך טועה גיוועהן שטייט דער דין אין שער מ"א.

(לג) מען איז מחויב אין יום טוב צו עסין אין טרינקין אין משמח צו זיין אין געבין צו עסין ארימיליים, מען טאהר נישט מאכין קיין הוללת ומכל שכן עס איז אגרויסיר איסור עס זאלין זיין אוים גימישט מאנזבילין מיט ווייביר אדיר בחורים מיט ווייביר אדיר זייא זאלין גיין שפאצירין אין איינים, ווער עס קאן זייא ווערין איז מחויב צו ווערין מען זאלל אזוי ניט טאהן, נאר מען זאל דינין אין לויבין השם יתברך מיט שמחה אין מען זאל לערנין ניט אבפירין מיט פוסטע זאכין.

(לד) מען זאל שטארק נזהר זיין פון אמשהו חמץ וואריין אפילו וויא אקליין ברעקילי חמץ אדיר מעהל אז פאלט אריין אין וואס פאר אגרויסין טאפ איז עס אסור בהנאה, אין מען זאל ניט ניצען קיין האניק צאדין סמעטלניק וואס איז אבגיהיטין אויף פסח אין מען זאלל ניט ניצי׳ קיין ראזשינקים ניט קלייני נישט גרויסי אפילו דיא ראזשינקים וואס מען מאכט פון זייא ויין אויף פסח טאהר מען ניט ניצין אין פסח בשום אופן, אין מען טאהר ניט ניצין קיין שום גיטריקינט אויבס צאדין מען האט עס גיטריקינט אויף פסח, אין אז מען גיפינט אהאביר אדיר

אוווייץ

אַוֶויק אויף דֶעם עוֹף אָדִיר אִין אֵיין מַאֲכָל זָאלל מֶען אַשְׁאֵלָה פְֿרֶעגְן.

(לה) דִיא אַנְדֶערֶי נַאכְט פֿון פֶּסַח הֵייבְּט מֶען אָהן צוּ צֵיילִין סְפִירָה נָאךְ מַעֲרִיב, דִיא דִינִים פֿון סְפִירָה צֵיילִין שְׁטֵייעֶן אִין שַׁעַר ג׳, מֶען טָאהר זִיךְ נִיט שֶׁערִין בִּיז שְׁבוּעוֹת* אִין אַטֵייל זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג הֶיתֵּר פֿון ל״ג בָּעוֹמֶר, מֶען טָאהר נִיט מַאכִין קֵיין הַתּוּנָה אִין דֶער סְפִירָה נָאר בִּשְׁעַת הַדְּחַק מַאכְט מֶען הַתּוּנָה אִין ל״ג בָּעוֹמֶר מֶען זָאל אַשְׁאֵלָה פְֿרֶעגְן, אִין אַשִׁידוּךְ מֶעג מֶען טָאהן נָאר מֶען זָאלל נִיט מַאכִין קֵיין טַאנְץ, דִיא נָשִׁים זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג זָאלִין נִיט טָאהן קֵיין מְלָאכָה אִין דֶער סְפִירָה פֿון זִין זֶעצִין בִּיז צוּ פְֿרִיא.

## הַנְהָגוֹת פֿון שְׁבוּעוֹת

(א) דִיא עֶרְשְׁטֶי נַאכְט פֿון שְׁבוּעוֹת זָאל מֶען נִיט דַאוִונִין מַעֲרִיב בִּיז עֶס אִיז גִיט נַאכְט. אִין בֵּייא לֶעכְט צִינְדִין מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָינוּ בֵּיידִי גֶעכְט, אִין מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג אויף צוּ זֵיין אַגַאנְצִי נַאכְט אִין מֶען זָאגְט תִּיקוּן שְׁבוּעוֹת אִין וֶוער עֶס הָאט נִיט קֵיין תִּיקוּן שְׁבוּעוֹת זָאל לֶערְנִין אָבֶּער עֶר זָאל נִיט אָהנְבְּרֶענְגִין דִיא נַאכְט מִיט פִּיסְטֶע זַאכִין גִיכֶר זָאלל עֶר שְׁלָאפִֿין, אִין וֶוער עֶס אִיז אויף אַגַאנְצִי נַאכְט אִין וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג זָאלל עֶר זִיךְ אָבְּגִיסִין דִיא הֶענְד אִין זָאלל זָאגִין עַל נְטִילַת יָדַיִם, אִין זָאל נִיט זָאגִין אֱלֹהַי נְשָׁמָה אִין נִיט מַאכִין דִיא בְּרָכָה עַל מִצְוַת צִיצִית ווייל עֶר הָאט זִיךְ נִיט אוֹיס גִיטָאהן דֶעם טַלִּית קָטָן אִין נִישְׁט דִיא בְּרָכָה הַמַּעֲבִיר שֵׁינָה מֵעֵינַי, אָבֶּער בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאל עֶר זָאגִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירֶיר עֶר זָאלל עֶהם מוֹצִיא זֵיין וויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ל״ד אוֹת ג׳.

(ג) אַז מֶען בַּאקְט אִין יוֹם טוֹב זָאלל מֶען נִיט ווֶענִין דָאס מֶעהל, אִין מֶען טָאר נִיט אִיבֶּער זִיפְּן דָאס מֶעהל אִין יוֹם טוֹב נָאר דָארִיךְ אַגוֹי אִין דֶער גוֹי זָאלל מְשַׁנֶה זֵיין דָאס זִיפִּין פֿון אֵיין אַנְדִירְט מָאהל אִין אַז עֶס אִיז גִיוֶועהן גִיזִיפְּט פַֿאר יוֹם טוֹב

---

*בִּיז עֶרֶב שְׁבוּעוֹת *זָאל נִיט זָאגִין

טוֹב אָדֶער גִיבַּאטִילְט מֶעהל מֶעג מֶען זִיפֿן נָאר עֶר זָאל מְשַׁנֶה זַיין, אוּן דִיא חַלָּה וָואס מֶען נֶעמְט פֿוּן דֶעם טֵייג טָאהר מֶען נִיט פַֿארְבְּרֶענִין אִין יוֹם טוֹב נָאר מֶען זָאלל עֶס לָאזִין אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב זָאלל עֶר עֶס פַֿארְבְּרֶענִין, אוּן אַז עֶר דַארְף נִישְׁט עֶסִין פֿוּן דֶעם גִיבֶּעקְס דֶעם טָאג טָאהר מֶען נִישְׁט בַּאקִין פֿוּן וֶועגִין דֶעם אַנְדִירִין טָאג, אוּן אַז מֶען וִויל בַּאקִין מִילִיכִיק גִיבֶּעקְס מִיט אַנְדִיר גִיבֶּעקְס אוֹיף אֵיין מָאהל זָאלל מֶען אַשְׁאַלָה פְֿרֶעגִין.

(ד) מֶען טָאר נִיט נִיצִין הַאנְטִיגֶע מִילִיךְ אַפִּילוּ מֶען הָאט גִימָאלְקִין דִיא קִיא עֶרֶב יו"ט אִין *עֶס אִיז נִיט גִיוֶועהן אַבְּצֶעהן מִינִיט בִּיז דְרֵייא שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן טָאהר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט נִיצִין דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג יוֹם טוֹב, אוּן דִיא מִילִיךְ פֿוּן אֵיין טָאג מֶעג מֶען נִיצִין אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין טָאג, אָבֶּער פֿוּן שַׁבָּת אוֹיף יוֹם טוֹב אָדִיר פַֿארֶקֶערְט טָאהר מֶען נִיט.

(ה) מֶען זָאגְט גַאנְץ הַלֵּל בֵּיידִי טֶעג, דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זָאגְט מֶען הַקְדָמוֹת פַֿאר דֶעם לֵיינִין אוּן מֶען לֵיינְט אִין יִתְרוֹ בַּחוֹדֶשׁ הַשְׁלִישִׁי פִֿינֶעף מֶענְטשִׁין זֶענִין עוֹלֶה אִין דֶעם אַנְדִירִין טָאג לֵיינְט מֶען כָּל הַבְּכוֹר, אוּן מַפְטִיר בֵּיידִי טֶעג לֵיינְט מֶען אִין פִּנְחָס וּבְיוֹם הַבִּיכּוּרִים, דֶעם אַנְדִירִין טָאג אִיז מֶען מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת, אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב זָאל מֶען בַּאצָאלִין וָואס מֶען הָאט מְנַדֵר גִיוֶועהן.

(ו) מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צִי עֶסִין מִילִיכִיקְס, אוּן אַז מֶען עֶסְט גִיבֶּעקְס מִיט קַאוֶוע שְׁטֵייט דֶער דִין אִין שַׁעַר ט׳ אוּן אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין הַארְבִּין קֶעז אָדִיר גִיקָאפְּטִין קֶעז אָדִיר עֶרְדִי דַארְף מֶען וַוארְטִין זֶעקְס שָׁעָה, אוּן אַז עֶס אִיז נִיט גִיוֶועהן הַארְבּ אוּן נִיט גִילָאפְּט אוּן מֶען וִויל תֵּיכֶף עֶסִין פְֿלֵיישִׁיקְס דַארְף מֶען מַאכִין אַבְּרָכָה אַחֲרוֹנָה אָדִיר בֶּענְטשִׁין, אוּן מֶען זָאלל זִיךְ גִיט אוֹיס שְׁוֶוענְקִין דָאס מָאהל מֶען טָאהר נִיט מַאכִין קֵיין פִּיטֶער אוּן קֵיין קֶעז אִין יוֹם טוֹב אוּן אַז מֶען הָאט גִימַאכְט אַמָאכָל מִיט פִּיטֶער אָדִיר קֶעז וָואס מֶען הָאט גִימַאכְט אִין יוֹם טוֹב זָאל מֶען פְֿרֶעגִין

אשאלה

---
*אז עס

אַשְׁאֵלָה אוֹיף דֶעם מַאֲכָל.

## הַנְהָגוֹת פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב

(א) עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב פַאר נַאכְט בַּייא דֶער סְעוּדָה טָאהר מֶען נִיט עֶסִין צְווייעֶרְלֵייא מַאֲכָלִים אִין קְרֶעפְּלִיךְ גִיפִילְט מִיט קֶעז הֵייסְט צְווייעֶרְלֵייא טָאהר מֶען נִיט עֶסִין, אִין נָאךְ דֶעם עֶסִין זָאל עֶר דַאווינִין מִנְחָה, אִין זָאל זִיךְ זֶעצִין אוֹיף דֶער עֶרְד אִין עֶסִין בְּרוֹיט מִיט אֵיי אִין מֶען זָאל נִיט עֶסִין דְרֵייא מֶענְטְשִׁין אִינְאֵיינִים מֶען זָאל נִיט בְּרוֹיכִין מְזוּמָן צוּ בֶּענְטְשִׁין אִין אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַבְצֶעהְן מִינִיט בִּיז מִיטָלֶע שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן טָאר מֶען שׁוֹין נִיט עֶסִין נִיט טְרִינְקֶען.

(ב) תִּשְׁעָה בְּאָב נַאכְט צִינְד מֶען נִיט אָהְן נָאר אֵיין קֶערְצְט בַּייא מִנְיָן בַּייא מַעֲרִיב אִין פַאר מַעֲרִיב זָאל מֶען אוֹיס טִיעֶן דִיא שְׁטִיוִויל, נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען קַדִּישׁ מִיט תִּתְקַבֵּל אִין נָאךְ דֶעם זֶעצְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אִין אֵיינֶער זָאגְט הוֹיעךְ אֵיכָה אִין דִיא אַנְדִירֵי זָאגִין נָאךְ שְׁטִיל, אִין אַז מֶען וֶועהְט נִיט צוּ זָאגִין אֵיכָה זָאל מֶען אָהנְצִינְדִין אִין יֶעדִירִין עֶק אַלֶערְט מֶען זָאל וֶועהְן בְּדוֹחַק צוּ זָאגִין אֵיכָה, אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען קִינוֹת אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען אַתָּה קָדוֹשׁ, אָבֶּער וִיהִי נוֹעַם זָאגְט מֶען נִישְׁט אֲפִילוּ עֶס אִיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען קַדִּישׁ אָהְן תִּתְקַבֵּל.

(ג) דִיא נַאכְט אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג צוּ שְׁלָאפִין אוֹיף דֶער עֶרְד אִין וֶוער עֶס קָאן נִיט זָאל שְׁלָאפִין אִין בֶּעט נָאר עֶר זָאל נֶעמִין וֶוינִיגֶער מִיט אַקִישִׁין וִויא עֶר אִיז זִיךְ נוֹהֵג אֵיין אַנְדִירְט מָאהל.

(ד) זֵייגִינְדִיקֶע אִין טְרָאגִינְדִיקֶע מוּזִין אוֹיךְ פַאסְטִין נָר אַקְרַאנְקִיר מֶעג עֶסִין, אִין אֵיוֹלֶדֶת אִין דִיא עֶרְשְׁטִי דְרֵייא טָאג מֶעג עֶסִין זִיא טָאר נִיט פַאסְטִין אִין נָאךְ דְרֵייא טָאג בִּיז זִיבְּעֶן טָאג אַז זִיא זָאגְט דָאס זִיא דַארְף עֶסִין מֶעג זִיא עֶסִין אִין נָאךְ זִיבְּעֶן טָאג בִּיז דְרֵייסִיג טָאג אַז זִיא אִיז נָאךְ שְׁלַאף פוּן דֶער קִימְפִּיד אָדִיר זִיא

אִיז

אִיז אַבִּיסֶל קְרַאנְק מֶעג זִיא עֶסִין אַז זִיא פַארשְׁטֵייט אִין זִיךְ אַז זִיא דַארְף עֶסִין אִין אַז נִיט זָאל זִיא פַאסְטִין.

(ה) מֶען טָאהָר נִיט וַואשִׁין דִיא הֶענְד אָדִיר דָאס פָּנִים אַגַאנְצִין טָאג, אִין וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פֿין דֶעם שְׁלָאף זָאלל מֶען זִיךְ אָפּ גִיסֶען נָאר דִיא פִינְגֶער אִין מֶען מֶעג זִיךְ אָפּ ווִישִׁין דִיא אוֹיגִין מִיט דִיא פִינְגֶער נָאךְ דֶעם וִויא מֶען הָאט זִיךְ אָפּ גִיווִישְׁט אִין זֶענִין נָאךְ אַבִּיסֶל פַאכְט אִין אַז דִיא הֶענְד זֶענִין אֵיין גִיךָאכְטִין מֶעג מֶען זֵייא אָפּ וַואשִׁין אִין אַז מֶען הָאט גִיהַאט נְקִיּוֹת מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיךְ וַואשִׁין דִיא פִינְגֶער.

(ו) מֶען טָאר נִיט אָן טִיעֶן קֵיין שְׁטִיוִויל אָדִיר שִׁיךְ אַגַאנְצִין טָאג נָאר אַז עֶס אִיז אַבְּלָאטִי (אַמַאראַסְט) אָדִיר עֶר גֵייט צוּ ווִישִׁין גוֹיִם מֶעג עֶר זִיךְ אָן טִיעֶן אִיז זָאל אַרֵיין לֵייגִין אַבִּיסֶל עֶרְד אִין דִיא שְׁטִיוֶועל (אִין אַבַּעַל נֶפֶשׁ זָאל מַחְמִיר זֵיין) אִין וֶוען עֶר קִימְט אִין שְׁטִיבּ זָאל עֶר תֵּיכֶף אוֹיס טִיעֶן אִין מִיט שִׁיךְ וָואס אִיז גָאר נִיט פֿין לֶעדֶער מֶעג מֶען גֵיין.

(ה) אִין דֶער פְרִיא טִיט מֶען אָן דֶעם טַלִּית קָטָן אָן אַבְּרָכָה אִין מֶען דַאוֶוינְט אָן טַלִּית וּתְפִילִין אִין מֶען צִינְד נִיט אָן קֵיין לֶעכְט אִין מֶען זָאגְט נִיט קֵיין קְטוֹרֶת אִין נִיט דֶעם יוֹם אִין שִׁיר הַיִּחוּד אִין נִיט קֵיין תְּהִילָּם אִין מֶען זָאגְט נִיט נַחֵם אִין נִיט עֲנֵנוּ אִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט עֲנֵנוּ אִין דֶער הוֹיעֶכִיר שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה נָאךְ גוֹאֵל יִשְׂרָאֵל אִין זָאגְט נִיט קֵיין בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אִין נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען חָצִי קַדִּישׁ אִין מֶען זָאגְט נִיט תַּחֲנוּן אִין נִיט אֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם אִין מֶען לֵייגְט אִין וְאֶתְחַנַּן, כִּי תוֹלִיד בָּנִים דְרֵייא מֶענְטְשִׁין זֶענִין עוֹלֶה אִין מֶען זָאגְט חָצִי קַדִּישׁ אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען דִיא הַפְטוֹרָה מִיט דִיא בְּרָכוֹת בִּיז מָגֵן דָוִד אִין

נאך

נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען קִינוֹת אִין עֶס אִיז רֶעכְט מַאֲרִיךְ צוּ זַיין בִּיז אַבִּיסֶעל פַאר מִיטָאג אִין עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶער אִיסוּר צוּ מַאכִין גִילֶעכְטֶער בַּייא דִיא קִינוֹת נָאךְ דִיא קִינוֹת זָאגְט מֶען אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן מֶען זָאגְט נִיט לַמְנַצֵּחַ אִין נִיט דֶעם פָּסוּק וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען קַדִּישׁ אָן תִּתְקַבֵּל אִין עָלֵינוּ אִין קַדִּישׁ יָתוֹם עֶס אִיז רֶעכְט אַז יֶעדֶער עֶקסְטֶער זָאלל דֶער נָאךְ לֵיינִין מְגִלַּת אֵיכָה.

(ט) אַז עֶס אִיז דָא אַבְּרִית מִילָה אִין תִּשְׁעָה בְּאָב זָאל מֶען מַלִין דָאס קִינְד נָאךְ דִיא קִינוֹת אִין מֶען מֶעג אָן צִינְדֶען לֶעכְט צוּם יוֹדִישִׁין אִין מֶען גִיט דָאס כּוֹס צוּ טְרִינְקֶען אַקִינְד וָואס פַאסְט נִיט אִין דִיא סְעוּדָה מַאכְט מֶען בַּייא נַאכְט.

(י) פַאר מִנְחָה לֵייגְט מֶען טַלִּית וּתְפִלִּין אִין מֶען זָאגְט וַיְדַבֵּר וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ דִיא תְּפִלִּין אִין קְרִיאַת שְׁמַע אִין דִיא יוֹם אִין דִיא קְטוֹרֶת אִין דֶער וָואס לֵייגְט רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין זָאל יֶעצְט אוֹיךְ לֵייגִין אִין אַשְׁרֵי אִין חֲצִי קַדִּישׁ אִין מֶען לֵיינְט וַיְחַל אִין מֶען זָאגְט דִיא הַפְטוֹרָה מִיט דִיא בְּרָכוֹת אִין הָצִי קַדִּישׁ אִין דִיא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, מֶען זָאגְט נַחֵם אִין עֲנֵנוּ, דִיר בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אִין דֶער הוֹיעֶכֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין נַחֵם אִין עֲנֵנוּ אִין קַדִּישׁ מִיט תִּתְקַבֵּל.

(יא) אַז תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז זוּנְטִיג זָאל מֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת מַאכִין בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ נָאךְ מַעֲרִיב בַּייא דֶעם לֶעכְט אִין דִיא וַואכִיר זָאלִין זָאגִין הַמַּבְדִּיל אָן דֶעם שֵׁם אִין זוּנְטִיג נַאכְט מַאכְט מֶען הַבְדָּלָה אוֹיךְ אַכּוֹס מֶען מַאכְט נִיט אַבְרָכָה אוֹיף דִיא בְּשָׂמִים אִין נִיט בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ אִין מֶען זָאגְט נִיט הִנֵּה אֵל יְשׁוּעָתִי.

(יב) מֶען טָאר נִיט לֶערְנִין אִין תִּשְׁעָה בְּאָב נָאר אִין פָּסוּק אִיּוֹב אִין מִדְרָשׁ אֵיכָה אִין גְּמָרָא פֶּרֶק אֵלּוּ מְגַלְּחִין אִין פָּסוּק יִרְמְיָה בִּדְבָרִים הָרָעִים אִין מֶען טָאר נִיט טִיעֶן אַמְלָאכָה וָואס מֶען זָאמְט זִיךְ אַבִּיסֶעל מִיט דֶעם טִיעֶן דִיא מְלָאכָה, בִּיז מִיטָאג אִין מֶען טָאר נִיט הַאנְדְלִין בִּיז מִיטָאג אִין אַיְרֵא שָׁמַיִם זָאלל

מַחְמִיר

## הַנְהָגוֹת פִּין תִּשְׁעָה בְּאָב

מַחְמִיר זַיין עֶר זָאל נִיט טְהוּן אַמְּלָאכָה אִין נִיט הַאנְדְלִין אַגַאנְצִין טָאג כְּדֵי עֶר זָאל נִיט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פִּין דֶעם אֲבֵילוּת אִין דֶער מִנְהָג אִיז אַז מֶען זִיצְט נִיט אוֹיף קֵיין בַּאנְק נָאר אוֹיף דֶער עֶרְד בִּיז מִיטָאג ׃

## הַנְהָגוֹת פִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה

(א) בְּשַׁעַת לֶעכְט צִינְדִין מַאכְט מֶען דִיא בְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב אִין שֶׁהֶחֱיָנוּ בֵּיידִי נֶעכְט אִין דִיא מַאנְזְבִּילִין מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת קִידּוּשׁ אִין דִיא אַנְדֶערֶע נַאכְט אִיז רֶעכְט צוּ נֶעמִין אַנַייעַ פְּרִי אָדִיר אַנַיי בֶּגֶד פַאר דֶעם קִידּוּשׁ אִין זָאל מְכַוֵּין זַיין יוֹצֵא זַיין מִיט דֶער שֶׁהֶחֱיָנוּ אוֹיף דֶעם בֶּגֶד אָדִיר אוֹיף דֶער פְּרִי אוֹיךְ, אִין נָאךְ דֶעם וִויא עֶר טְרִינְקְט דָאס כּוֹס זָאל עֶר מַאכִין אַבְּרָכָה אוֹיף דֶער פְּרִי אִין נִיט קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ נִיט עֶר נִיט דִיא וָואס הָאבִּין יוֹצֵא גִיוֶועןְ מִיט דֶעם קִידּוּשׁ נָאר מֶען זָאל נִיט נֶעמִין קֵיין נִיט גִיצֵייטִיגְטֶע טְרַאבִּין וָוארִין מֶען טָאר אוֹיף זֵייא נִיט מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אִין קֵיין שֶׁהֶחֱיָנוּ דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט מַאכִין אוֹיף קֵיין נִישְׁט גִיצֵייטִיגְטֶע פְּרִי, אִין אַז עֶר הָאט נִיט מֶעג עֶר מַאכִין שֶׁהֶחֱיָנוּ אוֹיף דֶעם קִידּוּשׁ, אִין אַז דִיא אִשָּׁה הָאט אַנַייא בֶּגֶד זָאל זִיא עֶס אָן טְהוּן דִיא אַנְדֶערֶע נַאכְט פַאר לֶעכְט צִינְדִין ׃

(ב) מֶען אִיז נוֹהֵג אֵיינְטִינְקֶען דִיא הַמּוֹצִיא אִין הָאנִיג נָאר מֶען זָאלל קוֹדֶם עֶסִין אַכְּזַיִת אִין נָאךְ דֶעם זָאגִין דֶעם יְהִי רָצוֹן אִין עֶס אִיז רֶעכְט מֶען זָאלל נֶעמִין זִיסֶע עֶפִּיל אִין אֵיינְטִינְקֶען אִין הָאנִיג אִין מַאכִין בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ אִין עֶסִין אַשְׁטִיקֶעל אִין נָאךְ דֶעם זָאגִין דֶעם יְהִי רָצוֹן, אִין אַז מֶען הָאט סְטֶעלְנִיג זָאלל מֶען גִיט אַכְטִינְג גֶעבִּין עֶס זָאלל נִיט זַיין קֵיין פִּיסְלִיךְ פִּין דִיא בִּינֶען אִין דֶעם סְטֶעלְנִיג וָוארִין דָאס אִיז שְׁרִיחַ אִין עֶס אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסּוּר אַז מֶען עֶסְט אַאֵבֶר פִּין אַבִּין, אִין מֶען זָאל זִיךְ נִיט שְׁטַארְק אָן עֶסִין אִין מֶען זָאל בֶּענְטְשִׁין מִיט כַּוָּונָה ׃

(ד) ווען מען מאכט די ברכות פאר תקיעת שופר זאל יעדירער מכוין זיין יוצא זיין מיט די ברכות אין זאגין אמן אין זאלל ניט זאגין ברוך הוא וברוך שמו. אין מען זאלל מהרהר בתשובה זיין בשעת די תקיעות אין מען זאל מכוין זיין יוצא זיין אין דער בעל תוקע זאלל מכוין זיין מוציא צו זיין אין מען טאר ניט מפסיק זיין אפילו מיט איין ווארט אפילו אויף לשון קודש פֿין ווען מען מאכט די ברכות ביז נאך אללע תקיעות פֿין דער הויעכיר שמונה עשרה אין מען זאל דאווינין די שמונה עשרה מיט כוונה אין מיט גיוויין.

(ה) מען זאל ניט בלאזין שופר פאר דעם דאווינען שחרית צופריא אין די דינים פֿין תקיעת שופר אדיר אז מען וויל בלאזין פֿין איין אנדירענם ווענין שטייט אין שער נ״א.

(ו) מען זאל אנהייבין די שטילע שמונה עשרה פֿין מוסף פאר האלבער איינם.

(ז) נאך דעם עסין זאל מען לערנין אדיר תהלים זאגין ניט שלאפין ומכל שכן מען זאל ניט שמיסין דברים בטלים אדיר לשון הרע אדיר ליצנות וואס איז אאיסור אגאנצין יאהר ומכל שכן אין דעם יום הדין.

(ח) ווער עס פאסט איין מאל אגאנצין טאג ראש השנה מיז שוין תמיד פאסטין ראש השנה אגאנצין טאג. אין דער וואס פארט זיך ניט זאל ער זיך מתיר זיין ביא אבית דין וויא איין אנדערן נדר אין מעג עסין.

## הַנְהָגוֹת פֿין יום כיפור.

(א) ערב יום כיפור פאר טאג שלאגט מען כפרות, מען נעמט אהאן פאר אזכר אין אהין פאר אנקבה מען זאלל ניט אוועק טיען מיט דעם עוף מיט כוח נאר שטאט אנידער לייגין אז מען האט אוועק גיטאהן זאל מען אשאלה פרעגין אויף דעם

עוף

עוֹף אִין מֶען זָאל אוּים לֵייזִין דִיא כַּפָּרוֹת מִיט גֶעלְד אִין צוּ טֵיילִין צְדָקָה, דִיא אִינְגְווֵיינִיגְסְטֶע זַאכִין פוּן דֶעם עוֹף זָאלל מֶען אַוֶּועק וַוארְפִין, מִיט אַלֶלע מִין עוֹפוֹת מֶעג מֶען שְׁלָאגִין כַּפָּרָה נָאר מִיט טָאבִּין טָאר מֶען נִיט.

(ב) עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר זָאגְט מֶען נִיט מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִין נִיט לַמְנַצֵּחַ פַאר וּבָא לְצִיּוֹן אִין נִיט קֵיין תַּחֲנָה, אִין אַז יוֹם כִּפּוּר גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ צוּ שַׁחֲרִית אָבֶּער נִיט צוּ מִנְחָה.

(ג) עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִיז אַחִיּוּב דָאס יֶעדִירֶער זָאל זִיךְ טוֹבְלִין נָאךְ מִיטָאג אִין מִקְוֶה אִין מֶען זָאל מְדַקְדֵּק זֵיין עֶס זָאל נִיט זֵיין קֵיין שׁוּם חֲצִיצָה אוֹיף אִיהֶם אִין וֶוער עֶס קָאן נִיט טוֹבְלִין זָאל אוֹיף זִיךְ לָאזִין אַרוֹיף גִיסֶען ט' קַבִּין וַואסִיר דָאס אִיז אֶערֶךְ דְרֵייצֶעהִין לִיטֶער, אִין נָאךְ דֶעם זָאל עֶר דַאוְוִינִין מִנְחָה מִיט כַּוָּנָה אִין מִיט גִיוֵויין אִין נָאךְ דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען עַל חֵטְא מִיט גִיוֵויין עֶר זָאל אִין זִין הָאבִּין וַואס עֶר זָאגְט אִין זָאלל תְּשׁוּבָה טָאהִן אוֹיף אַלֶלע עֲבֵירוֹת עֶר זָאל חֲרָטָה הָאבִּין וַואס עֶר הָאט גִיטָאן דִיא עֲבֵירוֹת אִין זָאל אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל זֵיין דָאס עֶר זָאל שׁוֹין מֶער אַזוֹי נִיט טְהוּעֶן, אִין נָאךְ מִנְחָה לָאזְט מֶען זִיךְ שְׁלָאגִין מַלְקוֹת מִיט אַרִימַאן עֶר זָאל זִיךְ בִּיקְעֶן מִיט דֶעם פָּנִים צוּ צָפוֹן אִין בְּשַׁעַת מֶשְׁלָאגְט אִיהֶם מַלְקוֹת זָאל עֶר מִתְוַדֶּה זֵיין אוֹיף אַלֶלע עֲבֵירוֹת וַואס עֶר הָאט גִיטָאן אִין זָאל חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה זֵיין.

(ד) עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר דַארְף מֶען אִיבֶּער בֶּעטִין אַלֶלע מֶענְטְשִׁין וַואס מֶען הָאט אַקֶעגִין זֵייא גִיזִינְדִיגְט אֲפִילוּ מִיט רֵייד וָוארִין אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה אִין יוֹם כִּפּוּר אִיז נִיט מְכַפֵּר בִּיז עֶר אִיז עֶס מְפַיֵּיס, אִין דֶער וַואס מֶען אִיז עֶס מְפַיֵּיס זָאל תֵּיכֶף מוֹחֵל זֵיין כְּדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל עֶס אוֹיךְ מוֹחֵל זֵיין אוֹיף זֵייעֶרֶע זִינְד.

(ה) מֶען זָאל פַאר פַאסְטִין פְרִיא אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַבְּצֶעהִין מִינִיט בִּיז מִיטִילֶע שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן טָאר מֶען נִיט עֶסִין

אִין נִיט קֵיין לֶעבְּט צִינְדִין, אִיבֶּער דֶעם זָאל מֶען זִיךְ אֵיילִין מֶען זָאל צֵייט הָאבִּין לֶעבְּט צִינְדִין.

(ו) מֶען זָאלל לֶעבְּט צִינְדִין פַאר נַאכְט אַזוי וִויא שַׁבָּת אִין מֶעז מַאכְט אַבְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם כִּפּוּר אִין שֶׁהֶחֱיָנוּ אִין אַז עֶס גִּיפַאלְט זִיךְ אִין שַׁבָּת מַאכְט מֶען לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים אִין שֶׁהֶחֱיָנוּ, אִין אַז זִיא דַארְף טְרָאגִין אִין שִׁיל דָאס מַחְזוֹר אִין עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין עֵירוּב זָאלל זִיא זִיךְ אוּים גֶעמִין דָאס זִיא אִיז נִיט מְקַבֵּל שַׁבָּת מִיט דֶעם לֶעבְּט צִינְדִין אִין וֶוען מֶען צִינְד דָאס יוֹם כִּפּוּר לֶעבְּט אִין שִׁיל זָאלל מֶען נִיט מַאכִין קֵיין בְּרָכָה.

(ז) מֶען טִיט אָהן דֶעם טַלִּית וֶוען עֶס אִיז נָאךְ טָאג פַאר כָּל נִדְרֵי אִין מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה לְהִתְעַטֵּף בְּצִיצִית, אִין אַז עֶס אִיז שׁוֹין נַאכְט טָאהר מֶען קֵיין בְּרָכָה מַאכִין.

(ח) וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט כָּל נִדְרֵי דַארְף קָהָל נָאךְ זָאגִין שְׁטִיל אִין אִין זִין הָאבִּין דָאס עֶר אִיז מְבַטֵּל אַלֶּע נְדָרִים אִין שְׁבוּעוֹת בִּיז צוּ דֶעם אַנְדִירִין יוֹם כִּפּוּר, נָאר פֿון דֶעסְטְוֶועגִין אַז עֶר הָאט גִּיטָאהן אַנֶּדר אָדִיר אַשְׁבוּעָה טָאהר עֶר נִישְׁט עוֹבֵר זֵיין צַאדִין עֶר אִיז זִיךְ מַתִּיר נֶדֶר וִויא דֶער דִין אִיז.

(ט) בְּשַׁעַת דֶער חַזָן זָאגְט שֶׁהֶחֱיָנוּ דַארְף קָהָל נָאךְ זָאגִין שְׁטִיל אִין זָאלִין פַארְטִיג מַאכִין פַאר דֶעם חַזָן כְּדֵי זֵייא זָאלִין נָאךְ זָאגִין אָמֵן נָאךְ דֶעם חַזָן, נָאר דִיא נָשִׁים וָואס זֵייא הָאבִּין גִימַאכְט שֶׁהֶחֱיָנוּ בְּשַׁעַת לֶעבְּט צִינְדִין זָאלִין זֵייא נִישְׁט נָאךְ זָאגִין דֶעם חַזָן.

(י) אַז עֶס גִּיפַאלְט יוֹם כִּפּוּר אִין שַׁבָּת זָאגְט מֶען פַאר בָּרְכוּ מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, אִין נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען וַיְכֻלּוּ אִין מָגֵן אָבוֹת מִיט דִיא בְּרָכוֹת אִין מֶען לָאזְט אוֹיס נָאר מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת אִין מֶען זָאגְט נִישְׁט אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ בִּיז נְעִילָה.

(יא) אַטֵייל וֶוענִין זִיךְ נוֹהֵג אוֹיף זֵיין דִיא נַאכְט אִין זָאגִין

שִׁירוֹת

שירות וַתִּשְׁבָּחוֹת, אוּן אַז מען וויל זיך לייגן שְׁלָאפְן אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאל מען זיך לייגן וַואט פּוּן דעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן מען זָאלל זיך אָהנגרייטין אַפְּלֶעשׁיל וַואסיר אָב צו גיסין דיא הענד אוּן מען זָאלל לייגן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן מען זָאלל זָאגין דיא ערשטי פִּיר קַאפִּיטִיל תְּהִלִּים אוּן מען זָאלל זיך ניט צוּ דעקין דיא פּנים, אוּן שׁיל זָאל מען ניט שְׁלָאפְּן, אוּן ווער עס וויל ניט זָאגין קיין שירות וְתִשְׁבָּחוֹת אָדיר אַז ער וועט אויך זיין בַּאנַאכְט וועט ער שְׁלָאפְּן בַּייא דעם דַאוִוינֶען זָאלל אַהֵיים גיין זיך לייגין שְׁלָאפְּן, אוּן זָאלל טיען וויא עס שטייט פְרִיער.

(יב) מען טָאהר זיך ניט וַואשין דיא הענד אוּן דָאס פָּנים פּוּן כָּל נִדְרֵי בִּיז נָאך יוֹם כִּפּוּר אֲפִילוּ איין טִינְקִין איין פִינְגֶער אין וַואסיר טָאהר מען נִישְׁט נָאר נָאך דעם שְׁלָאפְּן אָדיר נָאך דיא נְקִיּוֹת סַאי קְטַנִּים סַאי גְּדוֹלִים מעג ער זיך וַואשין די פִינְגִיר אָבער נִישְׁט מעהר, אוּן מעג זיך אָבְּוִוישִׁין דיא אויגין נָאך דעם ווען ער האט זיך אָבְּגֶעווִישְׁט דיא פִינְגִיר אֲפִילוּ זֶענִין נָאך נַאכְט, אוּן אַז די הענד זענין איינְגֶעדְרָאכְטִין מעג ער זייא אָבְּוַואשִׁין אָדיר נָאר בִּיז וויא זייא זענין איין גֶעדְרָאכְטִין ניט מעהר, אוּן מען טָאהר זיך ניט אוים שְׁווִינְקֶען דָאס מוֹיל, אוּן אַז דיא אִשָּׁה דַארְף זיך אָבְּצִיעֶן פַאר דיא רייני טעג מעג זיא זיך אַבִּיסִיל אונְטֶער וַואשִׁין.

(יד) מען טָאהר נִישְׁט גיין אין שיך אָדיר שְׁטִיוִויל פּוּן כָּל נִדְרֵי בִּיז נָאך יוֹם כִּפּוּר צַאדִין אין שיך וָואס איז ניט פּוּן לֶעדִיר מעג מען. אוּן איין קְרַאנְקֶער אָדיר אַיוֹלֶדֶת אין דיא דְרייסִיג טָאג מעג גיין אין שיך אָדיר אין שְׁטִיוִויל, אוּן אַז עס רֶעגִינְט אָדיר עס איז אַבְּלָאטִי (אַמַארַאכְט) אוּן וויל אַהיים גיין אָדיר אַרוֹיס גיין מעג ער אָהן טיען דיא שיך אוּן ווען ער קוּמְט אין שְׁטִיבּ אָדיר אין שׁיל זָאל ער תֵּיכֶף אוֹיס טִיעֶן, אוּן אַז ער גייט אויף אַזוֹי אָרְט וויא עס איז דָא שְׁלֶענְג אָדיר עֶקְדִישִׁין מעג ער אָהן

טיען

מִיעֶן שְׁטִיוִויל, אַפִּילוּ עֶר גֵייט צְוִוישֶׁען גוֹיִם וָואס שְׁפֶּעטִין פוּן עֶהם טָאהר עֶר נִיט גֵיין אִין שְׁטִיוִויל.

(טו) קְלֵיינֵי פוּן נָאהן יָאהר זָאלִין פַאסְטִין חָאטְשֵׁי אֵיין שָׁעָה שְׁפֶּעטִיר וִויא זֵייעֶר גִיוואֹנְהַייט אִיז צוּ עֶסִין אוּן פוּן עֶלִיף יָאהר אַז עֶר קֶען זָאל עֶר פַאסְטִין בִּיז נָאךְ מִיטָאג, אוּן אַמֵיידִיל פוּן צְוֶועלִיף יָאהר מִיט אַטָאג אוּן אַזָכָר פוּן דְרֵייצִין יָאהר מִיט אַטָאג דַארְפִין פַאסְטִין אַגַאנְצִין טָאג, פַאר נָאהן יָאהר טָאהרִין זֵייא נִיט פַאסְטִין.

(יו) אֵיין אִשָּׁה מְעוּבֶּרֶת אַז זִיא הָאט גִישְׁמֶעקְט אַמַאֲכָל אוּן עֶס הָאט זִיא פַארְגְלִיסְט אַז זִיא הָאט גִיזָאגְט אַז זִיא בְּרוֹיךְ צוּ עֶסִין אַפִּילוּ דָאס פָּנִים אִיז אִיהר נִישְׁט פַארֶענְדִירְט גִיוָוארִין אָדִיר דָאס פָּנִים אִיז אִיהר פַארֶענְדִירְט גִיוָוארִין אַפִּילוּ זִיא זָאגְט נִיט גָאר נִיט זָאל מֶען אִיהר זָאגִין אִין אוֹיעֶר הַיינְט אִיז יוֹם כִּיפּוּר אוּן אַז עֶס אִיז אִיהר נִישְׁט בֶּעסִיר זָאלל מֶען אֵיינְטִינְקִין דֶעם לֶעפִיל אִין דֶעם מַאֲכָל אִין גֶעבִּין אִין מאהל אוּן אַז עֶס אִיז נִיט בֶּעסִיר גִיט מֶען אִיהר וֶוינִיגֶער פוּן אַשִׁיעוּר וִויא עֶס שְׁטֵייט וַוייטִיר אִין אוֹת כ״א אוּן אַז עֶס אִיז אִיהר נִישְׁט בֶּעסִיר גִיט מֶען אִיהר צוּ עֶסִין וִויפִיל זִיא בְּרוֹיךְ.

(יז) וֶוער עֶס הָאט אָהן גִישְׁמֶעקְט אַמַאֲכָל אוּן דָאס פָּנִים אִיז עֶהם פַארֶענְדִירְט גִיוָוארִין זָאלל מֶען זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוֹת י״ו אָבֶּער אַז דָאס פָּנִים אִיז עֶהם נִישְׁט פַארֶענְדִירְט גִיוָוארִין אַפִּילוּ עֶר זָאגְט אַז עֶר בְּרוֹיךְ זָאל מֶען עֶס נִיט גֶעבִּין צוּ עֶסִין.

(יח) וֶוער עֶס אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין פַאר הִינְגֶער וָואס עֶר זֶעהט נִיט מִיט דִיא אוֹיגִין זָאל מֶען עֶהם גֶעבִּין צוּ עֶסִין בִּיז דִיא אוֹיגִין וֶועלִין עֶהם לֶעבְּטִיג וֶוערִין.

(יט) וֶוער עֶס אִיז קְרַאנְק אַזוֹי קְרֶענְק וָואס אִיז אַסַכָּנָה אַז אַדָאקְטִיר זָאגְט דָאס אַז עֶר וֶועט נִיט עֶסִין קָאן זַיין דָאס דִיא קְרֶענְק וֶועט שְׁוֶוערִיר זַיין זָאל עֶר עֶסִין אַפִּילוּ דֶער קְרַאנְקִיר

זאגט

זאגט אז ער דארף ניט צו עסן, אין אז דער קראנקער זאגט אז ער דארף עסן עס וועט עהם שאטן דער תענית חאטשי דער דאקטיר זאגט אז ער מעג פאסטן זאל ער עסן, אין אז יעדיריר זעהט דאס אז ער וועט ניט עסן איז ער מסוכן זאלל מען עהם אויף אללע פעלל געבן עסן אין טרינקן, מען טאהר ניט מחמיר זיין, אין וו"א אזוי מען זאלל געבן דאס עסן אין טרינקן וועט שטיין ווייטער אין אות כ"א.

(כ) איולדת דיא ערשטי דרייא טאג זאלל זיא עסן אין טרינקן צו ביסליך וויא עס וועט ווייטער שטיין אין פון דרייא טאג ביז זיבין טאג אז זיא זאגט זיא פארשטייט אין זיך דאס זיא דארף עסן אין עס וועט איהר שאטן דער תענית זאלל זיא עסן, אין אז ניט, אין פון זיבין טאג ווייטער האט זיא דעם דין פון וויא איין אנדירין.

(כא) אז מען גיט עסן אקראנקין אדיר איולדת זאל מען געבין צו ביסליך דהיינו מען זאל געבין אזוי וויא צוויא דריטיל פון איין הינערין איי אין מען זאלל ווארטין מעהר וויא אכט מינוט אין נאך דעם מעג מען ווייטער געבין אזוי פיל אין אז מען גיט צו טרינקין זאלל מען געבין ווייניגער וויא ווען דער קראנקיר נעמט איז איין זייט פון זיין מאהל אין מען זעהט עס אהן אין זאלל ווארטין מעהר וויא אכט מינוט אין אז ער קאן ניט זאל ער אביסיל ווארטין אין מעג ווייטער טרינקין אזוי פיל אז ער ברויך אין אז מען האט עהם אבגישאצט דאס עס וועט עהם נישט גינוג זיין ביסליך ווייז זאל מען עהם געבין וויא פיל ער דארף.

(כב) וויא עס איז דא א מורה הוראה זאל מען עס פרעגין וויא אזוי מען זאלל זיך נוהג זיין מיט דעם קראנקין אדיר מיט דער יולדת, אין אז עס איז ניט דא קיין מורה הוראה אדיר עס איז קיין צייט צו גיין פרעגין זאל מען טאהן וויא עס שטייט דא מען טאהר ניט מחמיר זיין.

(כג) אז אקראנקיר האט גיגעסין אין ער דארף בענטשין זאל ער זאגין יעלה ויבא ביא דעם בענטשין אין זאל זאגין את

יום

יוֹם הַכִּיפּוּרִים הַזֶה.

(כד) אַז עֶס אִיז אַבְּרִית מִילָה זָאלל מֶען מַאלִין פַאר מוּסָף אִין נָאךְ דִיא בְּרָכוֹת זָאלל מֶען גֶעבִּין אַבִּיסִיל פַאר דעם קִינְד וָואס מֶען הָאט עֶהם גֶעיוּדִישְׁט.

(כה) מֶען טָאר נִיט הֵייסִין אַגוֹי אָהנְצִינְדִין אַלֶעכְט אֲפִילוּ צוּ נְעִילָה נָאר מֶען מֶעג זָאגִין דֶעם גוֹי עֶר זָאלל בְּרֶענְגִין אֵיין בְּרֶענִינְדִיג לֶעכְט פִּין אֵיין אָרְט אוֹיף דֶעם אַנְדִירִין אָרְט.

(כו) בֵּייא מִנְחָה זָאגְט מֶען קְטוֹרֶת אִין נִיט אַשְׁרֵי אִין מֶען זָאגְט נִיט חֲצִי קַדִּישׁ פַאר דֶער הַפְטוֹרָה, נָאר פַאר דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֶה, אַז עֶס אִיז שְׁפֶּעט זָאגְט מֶען נִיט אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ.

(כז) בֵּייא נְעִילָה זָאגְט מֶען אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן, אִין מֶען זָאגְט אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֲפִילוּ עֶס אִיז שַׁבָּת אִין פַאר תִּתְקַבֵּל בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר נָאר אַז עֶס אִיז נָאךְ פְרִיא טָאר מֶען קֵיין שׁוֹפָר בְּלָאזִין בִּיז צְוִוישִׁין טָאג אִין נַאכְט.

(כח) מֶען זָאלל נִישְׁט דַאוְוִינִין מַעֲרִיב בִּיז מִיטִילֶע דְרֵייא שְׁטֶערִין שְׁטֵייעֶן אִין מֶען זָאגְט אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ.

(כט) פַאר דֶעם עֶסִין זָאלל מֶען הַבְדָּלָה מַאכִין קוֹדֶם זָאל מֶען נֶעמִין אַלֶעכְט וָואס בְּרֶענְט פִּין עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִין מֶען זָאל בֵּייא דֶעם אָהן צִינְדִין אֵיין אַנְדִיר לֶעכְט אִין מֶען זָאל מַאכִין אוֹיף בֵּיידִי בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ אִין נָאךְ דֶעם אַבְּרָכָה אוֹיף דֶער מַשְׁקֶה אִין הַמַּבְדִּיל, דִיא דִינִים פִּין הַבְדָּלָה שְׁטֵייט אִין שַׁעַר מ״ז, בְּשָׂמִים דַארְף מֶען נִיט שְׁמֶעקִין צַאדִין עֶס אִיז גִיוֶועהן שַׁבָּת אִין אַטֵייל מֶענְטְשִׁין זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג אֲפִילוּ עֶס אִיז גִיוֶוען שַׁבָּת מַאכִין זֵייא נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה אוֹיף דִיא בְּשָׂמִים נָאר נָאךְ דֶער הַבְדָּלָה.

## הַנְהָגוֹת פִּין סוּכּוֹת

(א) מֶען זָאל גְזָהֵר זֵיין דָאס דִיא סוּכָּה זָאל זֵיין כָּשֵׁר וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר נ״ב, אִין עֶס אִיז אַגְרוֹיסִי מִצְוָה דָאס יֶעדִירִיר זָאל זִיךְ קוֹפִין אַאֶתְרוֹג מִיט אַלוּלָב נָאר עֶר זָאל וֵוייזִין אַמוֹרֶה הוֹרָאָה

הוֹרָאָה עס זָאל זַיין כָּשֵׁר.

(ב) בְּשַׁעַת לֶעכְט צִינְדִין זָאל זִיא מַאכִין דִיא בְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב אִין שֶׁהֶחֱיָינוּ, אָבֶּער לֵישֵׁב בְּסוּכָּה זָאל זִיא נִיט מַאכִין בִּיז נָאךְ דֶער הַמּוֹצִיא אַז זִיא עֶסְט אִין סוּכָּה, אַז מֶען עֶסְט אִין סוּכָּה זָאל זִיא לֶעכְט בֶּענְטשִׁין אִין סוּכָּה אִין אִין שְׁטִיבּ זָאל זִיא צִינְדִין אָן אַבְּרָכָה, אִין אַז מֶען עֶסְט אִין שְׁטִיבּ זָאל זִיא לֶעכְט בֶּענְטשִׁין אִין שְׁטִיבּ.

(ג) דִינִים פֿין קִידוּשׁ אִין פֿין לֵישֵׁב בְּסוּכָּה שְׁטֵייט אִין שַׁעַר נ"ב אִין דִינִים פֿין אֶתְרוֹג בֶּענְטשִׁין שְׁטֵייט אִין שַׁעַר נ"ג, עס אִיז רֶעכְט דָאס יֶעדִירֶער זָאל לֶערְנִין דִיא דִינִים.

(ד) מֶען זָאגְט גַאנְץ הַלֵּל גַאנְץ סוּכּוֹת אִין דִיא אַנְדִירֶע טֶעג אוֹיךְ, אִין מִיטֶען הַלֵּל טָאר מֶען נִיט מַפְסִיק זַיין אַפִילוּ אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ.

(ה) וֶוער עס אִיז אֵיין אָבֵל אִין דִיא שְׁלוֹשִׁים אָדִיר נָאךְ פָּאטִיר אִין מִיטֶער אַגַאנְץ יָאהָר זָאל נִיט אַרוּם גֵייעֶן מִיט דֶעם אֶתְרוֹג בְּשַׁעַת דִיא הוֹשַׁעְנוֹת נָאר עֶר זָאל שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין אָרְט

(ו) דֶער סֵדֶר פֿין דִיא הוֹשַׁעְנוֹת אִיז אַזוֹי אַז דֶער עֶרְשְׁטִיר טָאג אִיז מָאנְטִיג מָאנְטִיג, לְמַעַן אֲמִיתָּךְ, דִינְסְטִיג, אֶבֶן שְׁתִיָּה, מִיטְוָואךְ אֱעֶרוֹךְ שׁוּעִי, דָאנִירְשְׁטִיג אוֹם אֲנִי חוֹמָה, פְרַאטִיג אֵל לְמוֹשָׁעוֹת, שַׁבָּת אוֹם נְצוּרָה.

אַז דֶער עֶרשְׁטִיר טָאג אִיז דִינְסְטִיג אִיז דִינְסְטִיג, לְמַעַן אֲמִיתָּךְ, מִיטְוָואךְ אֶבֶן שְׁתִיָּה, דָאנִירְשְׁטִיג אֱעֶרוֹךְ שׁוּעִי, פְרַאטִיג אוֹם אֲנִי חוֹמָה אָדִיר אֵל לְמוֹשָׁעוֹת וִויא דֶער מִנְהָג אִיז דָארְט שַׁבָּת אוֹם נְצוּרָה, זוּנְטִיג אָדוֹן הַמּוֹשִׁיעַ.

אַז דֶער עֶרשְׁטִיר טָאג אִיז דָאנִירְשְׁטִיג אִיז דָאנִירְשְׁטִיג, לְמַעַן אֲמִיתָּךְ, פְרַאטִיג אֶבֶן שְׁתִיָּה, שַׁבָּת אוֹם נְצוּרָה, זוּנְטִיג אֱעֶרוֹךְ שׁוּעִי, מָאנְטִיג אֵל לְמוֹשָׁעוֹת, דִינְסְטִיג אָדוֹן הַמּוֹשִׁיעַ.

אַז דֶער עֶרשְׁטִיר טָאג אִיז שַׁבָּת אִין שַׁבָּת אוֹם נְצוּרָה, זוּנְטִיג לְמַעַן אֲמִיתָּךְ, מָאנְטִיג אֱעֶרוֹךְ שׁוּעִי, דִינְסְטִיג אֶבֶן שְׁתִיָּה

מִיטְוָואךְ

מִיטְוָואךְ אֵל לְמוֹשָׁעוֹת, דָאנִירְשְׁטִיג אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ.

(ז) דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם לֵייעֶנֶין אִיז אַזוֹי דִיא עֶרְשְׁטֶע בֵּיידֶע טֶעג לֵייעֶנְט מֶען אִין אֱמוֹר, כָּל הַבְּכוֹר. פִינֶעף מֶענְטְשִׁין זֶוענִין עוֹלֶה, אִין מַפְטִיר אִין פִּנְחָס, וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר, אִין אַז גִיפַאלְט אִין שַׁבָּת זֶוענִין עוֹלֶה זִיבֶּען מֶענְטְשִׁין חוּץ מַפְטִיר אִין בֵּייא דִיא בְּרָכוֹת פוּן הַפְטוֹרָה לָאזְט מֶען אוֹים מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים.

דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג חוֹל הַמוֹעֵד לֵייעֶנְט מֶען אִין פִּנְחָס, כֹּהֵן וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי, לֵוִי וּבַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי, יִשְׂרָאֵל, וּבַיּוֹם הָרְבִיעִי, רְבִיעִי, וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי וּבַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי.

דֶעם אַנְדִירִין טָאג חוֹל הַמוֹעֵד, כֹּהֵן, וּבַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי, לֵוִי, וּבַיּוֹם הָרְבִיעִי, שְׁלִישִׁי, וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, רְבִיעִי, וּבַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי, וּבַיּוֹם הָרְבִיעִי.

דֶעם דְרִיטֶען טָאג חוֹל הַמוֹעֵד כֹּהֵן וּבַיּוֹם הָרְבִיעִי, לֵוִי, וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, שְׁלִישִׁי וּבַיּוֹם הַשִּׁשִּׁי, רְבִיעִי וּבַיּוֹם הָרְבִיעִי, וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי.

דֶעם פֶערְדִין טָאג חוֹל הַמוֹעֵד. כֹּהֵן וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, לֵוִי וּבַיּוֹם הַשִּׁשִּׁי, שְׁלִישִׁי, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, רְבִיעִי, וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, וּבַיּוֹם הַשִּׁשִּׁי.

(ח) חוֹל הַמוֹעֵד דַאוִינְט מֶען שַׁחֲרִית אִין מִנְחָה אִין מַעֲרִיב וְואכִינְדִיג נָאהר מֶען זָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא רְצֵה, שַׁחֲרִית נָאךְ הַלֵּל זָאגְט מֶען קַדִּישׁ מִיט תִּתְקַבֵּל אִין דֶעם יוֹם אִין מֶען לֵייעֶנְט אִין מֶען זָאגְט חֲצִי קַדִּישׁ אִין אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן, אִין נָאךְ דֶעם חֲצִי קַדִּישׁ אִין מֶען דַאוִינְט מוּסָף אַתָּה בְחַרְתָּנוּ וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ.

(ט) שַׁבָּת אַז גִיפַאלְט אִין חוֹל הַמוֹעֵד דַאוִינְט מֶען מַעֲרִיב אִין שַׁחֲרִית אִין מִנְחָה וִויא אַיין אַנְדִירִין שַׁבָּת נָאר מֶען זָאגְט יַעֲלֶה וְיָבֹא בֵּייא רְצֵה נָאךְ דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן שַׁחֲרִית זָאגְט מֶען הַלֵּל, אִין דִיא הוֹשַׁעְנוֹת, אִין קֹהֶלֶת, אִין מֶען לֵייעֶנְט אִין תִּשָּׂא, רְאֵה אַתָּה אוֹמֵר אֵלַי, זִיבֶּען מֶענְטְשִׁין זֶוענִין עוֹלֶה חוּץ מַפְטִיר מַפְטִיר אִין פִּנְחָס וָואס דֶער רְבִיעִי הָאט גִידַארְפְט לֵייעֶנִין אִין דֶעם

טאג

טָאג אין נָאךְ דיא בְּרָכוֹת פֿין דֶער הַפְטוֹרָה לָאזְט מֶען אוים מְקַדֵּשׁ הַשַׁבָּת וְיִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים, אין מוּסָף אַתָּה בְחַרְתָּנוּ, וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ.

(י) הוֹשַׁעְנָא רַבָּה בֵּייא נַאכְט אִיז מֶען אוֹיף אין מֶען זָאגְט מִשְׁנֵה תּוֹרָה, וְזֹאת הַבְּרָכָה זָאל מֶען זָאגִין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען תְּהִלִּים מֶען זָאל נִיט אָן בְּרֶענְגִין דיא נַאכְט מִיט פּוּסְטֶע זַאכִין וֶוער עֶס אִיז אוֹיף אַגַאנְצֵי נַאכְט וֶוען עֶס וֶוערְט טָאג זָאל זִיךְ אָבּ גִיסֶען דיא הֶענְד אין נִיט זָאגִין עַל נְטִילַת יָדַיִם, אין נִיט אֱלֹהַי נְשָׁמָה אין נִיט הַמַּעֲבִיר שֵׁינָה מֵעֵינָי, בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלל עֶר זָאגִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין אַנְדִירֶער עֶר זָאל אִיהְם מוֹצִיא זַיין וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין שַׁעַר ל״ד אוֹת ג׳.

(יא) הוֹשַׁעְנָא רַבָּה מִיט זִיךְ אָן דֶער חַזָּן דֶעם קִיטֶעל אין מֶען זָאגְט לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים, אין מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת זָאגְט מֶען נִיט נָאר מֶען זָאגְט מִזְמוֹר לְתוֹדָה אין מֶען זָאגְט נִיט נִשְׁמַת נָאר יִשְׁתַּבַּח, אין מֶען דַאוִוינְט דיא וָואכִינְדִיגֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט יַעֲלֶה וְיָבֹא אין נָאךְ הַלֵּל זָאגְט מֶען דיא הוֹשַׁעְנוֹת, אין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען כְּהוֹשַׁעְתָּ אין מֶען לֵייגְט אַרֵיין דיא סִפְרֵי תוֹרוֹת אין מֶען זָאגְט תַּתְּנֵינוּ, אין פַאר תַּעֲנֶה אֱמוּנִים לֵייגְט מֶען אַנִידֶער דֶעם לוּלָב אין מֶען נֶעמְט דיא הוֹשַׁעְנָא אין פַאר דֶעם יְהִי רָצוֹן קְלַאפְּט מֶען פִינְעף מָאל מִיט דֶער הוֹשַׁעְנָה צוּ דֶער עֶרְד, אין פַאר דֶעם לֵיינִין זָאגְט מֶען שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אין מֶען לֵיינְט אין פִּנְחָס, כֹּהֵן, וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי, לֵוִי, וּבַיּוֹם הַשִּׁישִׁי, שְׁלִישִׁי, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, רְבִיעִי, וּבַיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, אין מֶען דַאוִוינְט מוּסָף אַזוֹי וִויא יוֹם טוֹב מִיט דֶער קְדוּשָּׁה פֿין יוֹם טוֹב.

(יב) שְׁמִינִי עֲצֶרֶת נָאךְ מַעֲרִב מַאכְט מֶען הַקָּפוֹת אין מֶען מַאכְט שֶׁהֶחֱיָנוּ בֵּייא לֶעכְט צִינְדִין אין בֵּייא קִידּוּשׁ אין מֶען עֶסְט אין סוּכָּה אין מֶען זָאל נִיט מַאכִין לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה.

(יג) שמיני

(יג) שְׁמִינִי עֲצֶרֶת לֵיינְט מֶען אִין רְאֵה כָּל הַבְּכוֹר אִין שַׁבָּת הֵייבְּט מֶען אָן עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר, אִין מַפְטִיר אִין פִּנְחָס וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי אִין מֶען אִיז מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת אִין נָאךְ יוֹם טוֹב זָאל מֶען אָפּ גֶעבִּין וָואס מֶען אִיז מְנַדֵּר אִין פַּאר מוּסָף רִיפְט מֶען אוֹיס מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם כְּדֵי מֶען זָאל זָאגִין אִין דֶער שְׁטִילֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין מֶען עֶסְט אִין סוּכָּה אִין מֶען זָאל נִיט מַאכִין לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה.

(יד) מֶען טָאר נִיט בַּאקִין אִין שְׁמִינִי עֲצֶרֶת דֶעם שִׂמְחַת תּוֹרָה קוֹלִיטְשׁ, אִין מֶען טָאר נִיט קְנֶעטִין בִּיז נַאכְט.

(טו) דִיא נַאכְט פֿוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען הַקָּפוֹת נָאךְ דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין נָאךְ דֶעם לֵיינְט מֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה דְרֵייא מֶענְטְשִׁין זֶענִין עוֹלֶה אִין נָאךְ דֶעם חֲצִי קַדִּישׁ אִין מֶען מַאכְט שֶׁהֶחֱיָינוּ בֵּייא לֶעכְט צִינְדִין אִין בֵּייא קִידּוּשׁ.

(טז) שִׂמְחַת תּוֹרָה נָאךְ דִיא הַקָּפוֹת לָאזְט מֶען דְרֵייא סִפְרֵי תוֹרָה, אִין אֵיינִים לֵיינְט מֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה מֶען רִיפְט אוֹיף כֹּהֵן לֵוִי אִין דְרֵייא יִשְׂרְאֵלִים. אִין אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא כֹּהֲנִים אִין לְוִיִּים הֵייבְּט מֶען נָאךְ אַמָאל אָן וְזֹאת הַבְּרָכָה כֹּהֵן לֵוִי דְרֵייא יִשְׂרְאֵלִים אִין נָאךְ אַמָאל אַזוֹי, אִין אַז עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין כֹּהֲנִים הֵייבְּט מֶען אָן וּלְלֵוִי אָמַר, אִין אַז עֶס אִיז דָא מֶער כֹּהֲנִים אִין לְוִיִּים זָאלִין עֶטְלִיכֵי כֹּהֲנִים עוֹלֶה זֵיין אוֹיף אֵיין מָאהְל אֵיינֶיר פֿוּן זֵייא זָאלל מַאכִין דִיא בְּרָכָה אִין דִיא אַנְדִירֶע זָאלִין זָאגִין אָמֵן, אִין נָאךְ דֶעם לֵיינְט מֶען חֲתַן תּוֹרָה פֿוּן מְעוֹנָה בִּיז צוּם סוֹף אִין נָאךְ דֶעם לֵיינְט מֶען חֲתַן בְּרֵאשִׁית. אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען חֲצִי קַדִּישׁ אִין מֶען לֵיינְט מַפְטִיר אִין פִּנְחָס וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי, מֶען דִיכִינְט נִיט בֵּייא מוּסָף, אַז מֶען בַּאקְט אִין יוֹם טוֹב שְׁטֵייט דֶער דִין אִין הַנְהָגוֹת פֿוּן שְׁבִיעִית.

## הַנְהָגוֹת פֿוּן חֲנוּכָּה

(א) חֲנוּכָּה זָאגְט מֶען גַאנְץ הַלֵּל אִין נָאךְ הַלֵּל חֲצִי קַדִּישׁ אִין מֶען לֵיינְט אִין נָשֹׂא דְרֵייא מֶענְטְשִׁין זֶענִין עוֹלֶה דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג פֿוּן וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה בִּיז נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב, דֶעם

אנדירין

אַנְדֵירִין טָאג וּבְיוֹם הַשֵּׁנִי וּבְיוֹם הַשְּׁלִישִׁי, דֶעם דְרִיטִין טָאג וּבְיוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבְיוֹם הָרְבִיעִי, דֶעם פֶערְדִין טָאג וּבְיוֹם הָרְבִיעִי וּבְיוֹם הַחֲמִישִׁי, דֶעם פִינְפְטִין טָאג וּבְיוֹם הַחֲמִישִׁי וּבְיוֹם הַשִּׁשִּׁי, דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג וּבְיוֹם הַשִּׁשִּׁי וּבְיוֹם הַשְּׁבִיעִי, דֶעם זִיבִּיטֶען טָאג וּבְיוֹם הַשְּׁבִיעִי וּבְיוֹם הַשְּׁמִינִי, דֶעם אַכְטִין טָאג פוּן בְּיוֹם הַשְּׁמִינִי בִּיז כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנוֹרָה.

(ב) רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין חֲנוּכָּה זָאגְט מֶען נָאךְ הַלֵּל קַדִּישׁ שָׁלֵם מִיט תִּתְקַבֵּל, אִין דְרַייא מֶענְטשִׁין זֶענִיז עוֹלֶה אִין פִּנְחָס וָואס מֶען לֵיינְט אִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אִין דֶער פֶערְדִיר אִיז עוֹלֶה אִין נָשׂא וָואס מֶען לֵיינְט אִין חֲנוּכָּה וֶועלִיכִים עֶס קוּמְט אוֹיס אִין דֶעם טָאג, אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען חָצִי קַדִּישׁ אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן אִין מוּסָף.

(ג) שַׁבָּת אִין חֲנוּכָּה לֵיינְט מֶען דִיא סֵדְרָה פוּן דֶער וָואךְ אִין מַפְטִיר לֵיינְט מֶען פוּן חֲנוּכָּה וָואס עֶס קוּמְט אוֹיס אִין דֶעם טָאג דְהַיְינוּ אַז עֶס אִיז דֶער פִינְפְטֶער טָאג לֵיינְט מֶען וּבְיוֹם הַחֲמִישִׁי אַז עֶס אִיז דֶער זֶעקְסְטֶער טָאג לֵיינְט מֶען וּבְיוֹם הַשִּׁשִּׁי.

(ד) אַז עֶס גִיפַאלְט זִיךְ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִין שַׁבַּת חֲנוּכָּה זֶענִין זֶעקְס מֶענְטשִׁין עוֹלֶה אִין דֶער סֵדְרָה פוּן דֶער וָואךְ אִין מֶען לֵיינְט בִּיז סוֹף דֶער סֵדְרָה מִיט דֶעם זֶעקְסְטִין, אִין דֶער זִיבִּיטִיר לֵיינְט אִין פִּנְחָס וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם, אִין נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען חָצִי קַדִּישׁ אִין מַפְטִיר לֵיינְט מֶען פוּן חֲנוּכָּה וָואס עֶס קוּמְט אוֹיס אִין דֶעם טָאג אִין מֶען זָאגְט דִיא הַפְטוֹרָה פוּן חֲנוּכָּה, אִין נָאךְ דִיא בְּרָכוֹת פוּן דֶער הַפְטוֹרָה לָאזְט מֶען אוֹיס נָאר מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת.

(ה) דִינִים פוּן חֲנוּכָּה לֶעבְּט שְׁטֵייט אִין שֶׁעד נ״ד, עֶס אִיז אַמִנְהַג צִי שְׁפִּילִין אִין חֲנוּכָּה אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר אַשְׁלֶעכְטִיר מִנְהַג אַדְרַבָּה חֲנוּכָּה דַארְף מֶען לֶערְנִין אִין לוֹיבִּין הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוֹיף דִיא נִסִּים וָואס עֶר הָאט אִינְז גִיטָאהן אַקֶעגִין דִיא פַאנְד

וואס

וָואס הָאבִּין גִיוָואלְט מְבַטֵל זַיין פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אוּן מִיט דֶעם שְׁפִּילֶען פַארְגֶעסְט מֶען אִין דֶער תּוֹרָה אוּן דִיא מִצְוֹת חוּץ פוּן דֶעם אִיסוּר גָזֵל, אִיבֶּער דֶעם וֶוער עֶס אִיז אַיוּד זָאלל שְׁטַארְק נִזְהָר זַיין אִין דֶעם אוּן זָאלל מַזְהִיר זַיין זַיינֶע קִינְדֶיר אַז זַייא זָאלִין נִיט שְׁפִּילֶען, וָוארִין דָאס אִיז אַקְלִיפָּה ר״ל דָאס אִיז מְטַמֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ.

## הַנְהָגוֹת פוּן פּוּרִים

(א) דִיא דִינִים פוּן מְגִילָה שְׁטֵייט אִין שַׁעַר נ״ה נָאךְ דֶער מְגִילָה זָאגְט מֶען אַתָּה קָדוֹשׁ מִיט קַדִישׁ שָׁלֵם אָהן תִּתְקַבֵּל, צוּ פְרִיא נָאךְ דֶער שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען חֲצִי קַדִישׁ אוּן מֶען לֵיינְט אִין בְּשַׁלַח וַיָבֹא עֲמָלֵק דְרַייא מֶענְטְשִׁין זֶוענִין עוֹלֶה אוּן מֶען זָאגְט חֲצִי קַדִישׁ אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין דָאס סֵפֶר אוּן מֶען לֵיינְט דִיא מְגִילָה, אַז עֶס אִיז אַבְּרִית זָאלל מֶען מַאלֶען פַאר דֶער מְגִילָה.

(ב) יֶעדִירִיר אִיז מְחוּיָב צוּ גֶעבִּין חָאטְשִׁי צְוֶוייא מַתָּנוֹת פַר צְוֶוייא אָרִימֶע לַייט, אוּן שִׁיקֶען מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת צוּ אַיין מֶענְטְשׁ צְוֶוייא מִינֵי מַאֲכָל, אֲפִילוּ נָשִׁים זֶוענִין מְחוּיָב נָאר אַאִשָׁה זָאלל נִיט שִׁיקִין פַאר אַיין מַאנְזְבִּיל אוּן אַמַאנְזְבִּיל זָאל נִיט שִׁיקִן צוּ אַאִשָׁה קַיין שְׁלוֹחַ מָנוֹת.

(ג) מֶען זָאל נִיט טָאהן קַיין שׁוּם מְלָאכָה אִין פּוּרִים אוּן אַז מֶען טִיט זֶעט מֶען קַיין סִימָן בְּרָכָה.

(ד) מֶען זָאל דַאוִוינִין מִנְחָה פְרִיא אוּן מֶען זָאל זִיךְ זֶעצִין צוּ דֶער סְעוּדָה מֶען זָאלל עֶסִין דִיא רוֹב סְעוּדָה בַּטָאג אוּן מֶען זָאלל זִיךְ נִיט אָן שִׁיכּוּרִין בִּיז מֶען דַאוִוינְט מַעֲרִיב וָוארִין אַז מֶען אִיז שִׁיכּוּר טָאר מֶען נִיט דַאוִוינִין, אוּן בַּייא דֶעם בֶּענְטְשִׁין זָאל מֶען זָאגִין עַל הַנִסִּים אָבֶּער בַּייא מַעֲרִיב זָאלל מֶען נִישְׁט זָאגִין עַל הַנִסִּים, אוּן מֶען זָאלל קוֹדֶם בֶּענְטְשִׁין אוּן נָאךְ דֶעם דַאוִוינִין, אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים זָאגְט מֶען נִיט עַל הַנִסִּים.

(ה) פַאר דֶער סְעוּדָה זָאל מֶען אַבִּיסִיל לֶערְנִין אוּן גֶעבִּין

צדקה

צְדָקָה נָאךְ זַיין כּוֹחַ.

(ו) חָאטְשֶׁי עֶס אִיז אַמִצְוָה מֶען זָאל זִיךְ אָן שִׁיכּוֹרִין פּוּרִים אִין מַאכִין שִׂמְחוֹת אָבֶּער מֶען זָאל נִזְהָר זַיין נִיט צִי מַאכִין קֵיין קֵיין הוֹלְלוֹת נָאר מֶען זָאלל זָאגִין שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת אִין זִינְגֶען שׁוֹשַׁנַת יַעֲקֹב, מֶען דַארְף לוֹיבִּין הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וָואס עֶר הָאט מִיט אִינְז גִיטָאהן אַזוֹי גְרוֹיסִין נֵס, בִּפְרַט מֶען זָאל נִזְהָר זַיין עֶס זָאלל נִיט זַיין אוֹים גִימִישְׁט מַאנְזְבִּילִין מִיט וַוייבֶּער, הוֹלְלוֹת אִין לֵיצָנוֹת אִיז אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר אִין בִּפְרַט אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַרֵיין דָאס לֵיצָנוֹת אִין הֵיילִיגֶע פְּסוּקִים אִיז בְּוַדַאי אַגְרוֹיסִיר אִיסוּר דָאס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן וֶוער עֶס הָאט יִרְאַת הַשֵּׁם אִין זַיין הַארְץ זָאל זִיךְ הִיטִין פוּן דֶעם נָאר מֶען זָאלל זִיךְ פְרֵייעֶן שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה אִין לוֹיבִּין הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ:

## דִינִים פוּן פְלֵייש זַאלְצִין

(א) פַאר דֶעם זַאלְצִין דָאס פְלֵייש דַארְף מֶען עֶס וַוייקִין אַהַאלְבֵּי שָׁעָה׳ דָאס גַאנְצֶי פְלֵייש זָאל זַיין אִין וַואסִיר אִין דָאס וַואסִיר זָאל נִיט זַיין שְׁטַארְק קַאלְט אִין נִיט הֵיים נָאר וִויא זוּמֶער וַואסִיר אִין נָאךְ דֶעם זָאל מֶען עֶס גִיט אָפּ וַואשִׁין מִיט דִיא הֶענְד אִין דֶערִי וֵוייג וַואסִיר אִין אַז מֶען זֶעט אַשְׁטִיקֶל פְלֵייש וָואס אִיז דָארְט פַארְגְלִיוִוירְט בְּלִיט דַארְף מֶען עֶס צוּ שְׁנֵיידִין אִין דֶעה לֶענְג אִין אִין דֶער בְּרֵייט אִין אָפּ וַואשִׁין דָאס אָרְט וָואס מֶען הָאט גִישְׁנִיטִין אִין אַז עֶס אִיז שְׁטַארְק נֵייטִיג דְהַיְינוּ לְכָבוֹד שַׁבָּת מֶען פַארְכְט זִיךְ מֶען זָאל נִיט מְחַלֵּל שַׁבָּת וּכְדוֹמָה דַארְף מֶען נִיט וַוייקִין אַהַאלְבֵּי שָׁעָה נָאר אַבִּיסֶעל אִין מֶען זָאל עֶס גִיט אָפּ וַואשִׁין צְווֵייא מָאהל אִין מֶען זָאלל עֶס לָאזִין אָפּ רִינֶען נָאר עֶס זָאלל נִיט זַיין טְרֵיקֶען אִין מֶען זָאל עֶס זַאלְצִין נִיט מִיט גַאנְץ דִין זַאלְץ אִין נִיט מִיט גְרָאבִּין אַז עֶר הָאט נָאר גַאנְץ דִין זַאלְץ זָאל מֶען לֵייגִין אַסַאךְ זַאלְץ אוֹיף דֶעם פְלֵייש.

(ב) עוֹפוֹת

(ב) עופות דארף מען אפ האקין דעם קאפ און ארויס נעמין דיא אדירין פון דעם האלז און מען זאל זייא אויף שפאלטין און ארויס נעמין דיא בני מעיים און דאס לינגעל און דיא נירין און דיא מילץ און עפינין דאס קעפיל און ארויס נעמין דיא געהירין און עפינין דעם פיפיג מיט דעם הערציל און רייןמאכין, און נאך דעם אללעם איין ווייקין און אפ וואשין גוט פון אינוויינינג.

(ג) אז דאס פלייש איז גיפרורין דארף מען עס אויף לאזין פאר דעם ווייקין עס זאל ניט בלייבין קיין שום שטיקעל פלייש גיפרורין אפילו אמיטען פלייש און נאך דעם זאלל עס ווייקין אהאלבי שעה, מען טאר ניט אריין טוען דאס פלייש און היים וואסיר און ניט לייגין נעבין פייער, און ניט ארויף לייגין דעם ווייק טאפ אויף דער שפאר, נאר ער זאל אריין גיסען ווארים וואסיר אין ווייג טאפ באופן עס זאל ניט זיין היים און נאך דעם זאל ער אריין לייגין דאס פלייש און וואסיר.

(ד) אז נאך דעם ווייקין פאר דעם זאלצין האט ער אפ גישניטען אשטיקעל פלייש אדיר ער האט אראפ גינומען דיא קלאהאין פון דיא פיס מוז ער עס גוט אפ וואשין.

(ה) וואס מען דארף טרייבירין זאל מען טרייבירין פאר דעם זאלצין, אז מען האט גיזאלצין פאר דעם טרייבירין מוז מען אשאלה פרעגין, דיא זאכין דארף מען טרייבירין, דיא מילץ, דיא נירין דאס רויט פלייש, דעם מאגין, דעם אנהייב קישקעס און דעם סוף קישקעס, איין אייל דיא לענג, דיא מניסע, דיא געהירין, דיא צינג, דעם האלז, דיא אייער פון אזכר, דיא בריסט דיא לאפיטקע.

(ו) מען דארף זאלצין פון אללע זייטין עס זאל ניט בלייבין קיין שום ארט אהן זאלץ, און אגראב שטיק פלייש דארף מען מער זאלץ ארויף לייגין (כדי שלא יהא נאכל מחמת מלחו) און עופות דארף מען זאלצין פון איניוויינינג אויך און אז מען האט אראפ גינומען דאס העלזיל דארף מען זאלצין דאס העלזיל פון

בייודי

בֵּיידִי זַאטִין, אִין אַז מֶען הָאט אָפּ גִיטֵיילְט דִיא הוֹיט פִוּן דֶעם עוֹף מִיז מֶען זַאלְצִין דִיא הוֹיט פִוּן בֵּיידִי זַאטִין אִין דָאס עוֹף אוֹיךְ.

(ז) דִיא קִישְׁקֶעס אִין דֶעם מָאגִין אִין דִיא אֵייֶער וָואס מֶען גִיפִינְט אִין דֶער הִין אִין נַאכְקֶעמֶע בֵּיינֶער דַארְף מֶען זַאלְצִין נָאר מֶען זָאל זֵייא נִיט זַאלְצִין אִינְאֵיינִים מִיט דֶעם פְלֵייש נָאר עֶקסְטִיר זֵייא זָאלִין נִיט אָנְרִירִין דָאס פְלֵייש.

(ח) מֶען זָאל זַאלְצִין דָאס פְלֵייש אוֹיף אַגִילֶעכֶערְטִיר כֵּלִי אָדִיר אוֹיף אַגִיפְלָאכְטִין קֵיישֶׁעל וָואס עֶס אִיז שִׁיטֶער גִיפְלָאכְטִין אִין דִיא לֶעכֶלִיךְ זָאלִין נִיט זַיין פַארְשְׁטָאפְּט אִין מֶען זָאל נִיט לֵייגִין דָאס קֵיישֶׁעל אוֹיף דֶער עֶרְד אָדִיר מֶען זָאלל עֶס אוֹיס זַאלְצִין אוֹיף אַבְּרֶעטִיל וָואס שְׁטֵייט שְׁטַארְק קְרִים עֶס זָאלל קָאנִין אָפּ רִינֶען דָאס בְּלִיט אִין אַז עֶס אִיז דִיר נָאךְ אַרָאפּ גִיפַאלִין אוֹיף דֶער עֶרְד אָדִיר אִין שֶׁעפִיל וַואכֶער אָדִיר אַקַאךְ הָאט דִיר פִוּן גִיגֶעסִין אִיז אַשְׁאֵלָה.

(ט) דָאס פְלֵייש דַארְף זַאמִין אִין זַאלְץ אַשָׁעָה נָאר לְכָבוֹד שַׁבָּת אַז מֶען פַארְכְט זִיךְ מֶען זָאל נִיט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין אָדִיר לְכָבוֹד אַאוֹרֵחַ הָגוּן וָואס עֶר אַלְט זִיךְ זֵייעֶר מֶעג מֶען אָפּ גִיסֶען נָאךְ פִירְאִינְצְוָאנְצִיג מִנִיט אִין דֶער נָאךְ זָאל מֶען אָפּ גִיסֶען דָאס פְלֵייש גִיט דְרֵייא מָאל פִוּן אַלֶעלֶע זַאמִין אִיז דִיא עוֹפוֹת אִין דִיא הֶעלְזְלִיךְ דַארְף מֶען אָפּ גִיסֶען פִוּן אִינְעוֵוייניג אוֹיךְ, דָאס בֶּעסְטִי אָפּ גִיסֶען אִיז מֶען זָאל אָפּ טְרֶעסִין דָאס פְלֵייש פִוּן דֶעם זַאלְץ אִין אָפּ גִיסֶען אֵיין מָאל אִין אַרֵיין טִיֶען וַואסִיר אִין אַכֵּלִי אִין אַרֵיין לֵייגִין דָאס פְלֵייש אִין דֶער כֵּלִי אִין אָפּ וַואשִׁין גִיט מִיט דִיא הֶענְד אִין נָאךְ דֶעם אוֹיס גִיסֶען דָאס וַואסִיר אִין אַרֵיין טִיֶען אַנְדִיר וַואסִיר אִין נָאךְ אַמָאל אָפּ וַואשִׁין דָאס פְלֵייש אִין אוֹיס גִיסֶען דָאס וַואסִיר אִין אַרֵיין טִיֶען אַנְדִיר וַואסִיר אִין נָאךְ אַמָאל אָפּ וַואשִׁין דָאס פְלֵייש אִין אוֹיס גִיסֶען דָאס וַואסִיר.

(י) אַז דָאס פְלֵייש אִיז עוֹבֵר גִיוָוארִין דְהַיְינוּ עֶס אִיז גִיוֶועֶן דְרֵייא מֵעֵת לְעֵת פִוּן דֶעם שֶׁחְטִין אִין מֶען הָאט עֶס נִיט גִיוֵוייקְט

פריער

פריער טאר מעז עס ניט עסין נאר מען זאל עס בראטין אויף די קוילין, און נאך דעם בראטין טאר מען ניט קאכין.

(יא) לעביר טאר מען ניט עסין צאדין מען בראט זיא אויף די קוילין עס זאל זיין ראוי צום עסין, אז מען וויל קאכין נאך דעם בראטין זאלל מען צו שניידין די לעביר פאר דעם בראטין און לייגין די צישניטינע זייט אראפ צו די קוילין עס זאל זיך בראטין ביז עס איז ראוי צו עסין צו רוב מענטשין נאך דעם מעג מען קאכין, מען דארף אפ שווענקין די לעביר פאר דעם בראטין און נאך דעם בראטין, מען טאר ניט בראטין אויף דעם הולין אויבין האטשי ער איז הייז און נישט אויף פאפיר נאהר אויף ברענינדיקע קוילין.

(יב) דעם קאפ פאהר דעם זאלצין דארף מען עס צו שפאלטין און ארויס נעמין די געהירין מיט דעם האטיל און ווייקין און זאלצין אויף די האר און אויף דעם שניט און די געהירין אויך.

(יג) די פיס דארף מען אפ האקין די שפיץ קלאהאין ביז צום פליש און ווייקין און זאלצין אויף די האר און אויף די קלאהאין און אויף דעם שניט און עס שטעלין אויף גישטעלט עס זאל זיין מיט דעם שניט אראפ.

(יד) אז דאס עוה איז טרפה גיווארין זענין די אייער וואס זענין גיוועזן אין דעם עוף אויך טרפה און אויף די אייער וואס זיא האט זיך גילייגט פאר דעם שחטין זאל מעז אשאלה פרעגין מען טאהר זייא נישט פאהר קויפין אנוי ביז מען צור ברעכט זייא.

(טו) נישט גיזאלצין פלייש טאהר מען נישט לייגין אויף אזוי ארט וואס ווערט אמאהל פארשיט זאלץ און ניט אין אבלי וואס מען ניצט זיך אמאל עסין ווארק, איבער דעם זאל מען עס ניט לייגין אויף דעם טיש.

### דינים פון פליישׁ זאלצין

(כא) אז מען האט עפּים משנה געוועזען וויא עס איז פריער געשטאנען מיז מען א שאלה פרעגען.

## תושלב"ע

**הנני** להודיע אם ימצא בזה הספר איזה שינוי מכפי הנכתב בס' ברכת הבית הוא מפני שלפעמים חזרתי בי ממה שכתבתי שם ע"י עצמי או ע"י ת"ח אחרים וכל מה שיש בו איזה ספק וצ"ע כתבתי לעשות שאלת חכם. וגם אם ימצא בזה איזה שינוי ממ"ש בקיצור ש"ע או בס' הקדוש מעיין טהור ידע כי לא בשגגה הוא כי כל הדברים הנאמרים פה הם להלכה ברורה בעזרת השי"ת ע"פ דעת האחרונים אשר מימיהם אנו שותין. וכל דבר שהיה בו ספק דברתי עם ת"ח עד שהסכימו כמ"ש בספר הזה וגם ידי"נ הרב הגדול מו"ה **שמואל זנוויל כהנא** שליט"א **ממונקאטש** טרח ויגע לעיין אחר כל דין ודין הנכתב בספר הזה אם הוא כדת וכהלכה ובמקום אשר לא יישר בעיניו לקבוע הלכה כמ"ש שינה וכתב כדת וכהלכה יתן ד' משאלות לבו לטובה ולברכה. והנה עשיתי לוח התיקון על ספרי ברכת הבית לתקן כל מקום אשר יש עליו ערעור וספק או חזרה וגם טעמים על איזה דינים חדשים אשר הם בספרי מקור הברכה ואי"ה יצא על הדפוס על ספר השני אשר יזכו השי"ת להוציא לאור:

## דברי המחבר.